STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10655

AFN SHPRAKHFRONT

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אוקראִינישע וויסנשאפטלעכע אקאדעמיע
אִינסטיטוט פאר ייִדישער פראָלעטארישער קולטור
פילאָלאָגישע סעקציע

אפנ שפראכפראָנט

זאמלונג 2

1934

Друкарня-літографія УАН
Контролер № 2
Про помічені технічні хиби в книзі повідомте на нашу адресу, зазначивши № контролера
Київ, вул. Артема, № 44

פארלאג פונ דער אוקראִינישער וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע
קיִעוו ◼ 1935

פאראנטוו. רעדאקטער — מ. לעוויטאנ
טעכ. רעדאקטער — א. באָגאיעווסקי
קאָרעקטער — כ. לייבאָוויטש. פאפיר
94 × 62 — $^1/_{16}$ — 38 קג. 4 דרוקבויגנ.
אינ 1 פאפיר־בויגנ 96 000 צייכנס. טיראזש
1000 עקז. פארלאג נומ. 98 אוקראַיִנישע
וויסנשאפטלעכע אקאדעמיע. דרוקעריי,
קיִעוו, ארטיאָמ. באשט. 1075. הויפטליט 1229.
אָפגעגעבנ אינ זאצ 4/XI—34. אונטערגע־
שריבנ צומ דרוק 28/IV—35.

דערלויבט ארויסצולאָזנ פונ דרוק דורכ דער אוקראַ־
יִנישער וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע. באשטענדיקער
סערקרעטאר פונ אואנ — אָ. וו. פאלאדינ.

ע. ספיוואק

וועגן דעהעברייִזאציע און וועגן דעם העברייִשן „עלעמענט“ אין ייִדיש [1]

(צום כ׳ שטיפס שטעלן די פראגע)

1

אינעם אָנגעשטרענגטן קאמף פאר אופבויען די אָנקלאסעווע סאָציאַליסטישע געזעלשאפט קראכן איצט איינע נאָך איינער די רעשטן פונעם קאפיטאליזם אינעם באוווסטזייַן פון די מענטשן. ברעכט זיך שוין בעמיילע אויך דער „גרונט־עלעמענט“ פונעם באוווסטזייַן, די שפראך. זי ווערט נייַ און באנייַט. זי ווערט די פראָלעטארישע שפראך פונעם נייַעם פראָלעטארישן באוווסטזייַן. שייַעך איז עס צו אלע שפראכן אין פסרר, שייַעך איז עס אויך צו ייִדיש.

א קלאָר־אויסגעשפראָכענע טענדענצ אין די סאָוועטישע שפראכן איז דעארכאיִזאציע. אין ייִדיש איז דעהעברייִזאציע איינער פון די סאמע בולטסטע אויסדרוקן פון אָט דעם דעארכאיִזיר־פראָצעס. מיר שפירן עס גוט אין אונדזערע רייד. מיר זעען עס באשייַמפערלעך אינעם בוך, אין דער צייַטונג. געבונדן איז עס מיט די דורכוויסיקע איבערוקן אינעם סאָוועטישן ייִדיש און מיט די שארפע ענדערונגען אין דעם לעקסישן באשטאנד פון ייִדיש.

לאָמיר נעמען א טיילווייַזע קאָנקרעטע איליוסטראציע דערצו (זע די טאבעלע).

אָט ליגן פאר אונדז צוויי נומערן פונעם „עמעס“: פארן 1/5 — 1921 יאָר און פארן 1/5 — 1931 יאָר. מיר האָבן גענוי פאנאנדערגעארבעט די לעקסיק פון אָט די צוויי נומערן, וואָס זייַנען אָפגעטיילט איינער פונעם אנדערן ניט מער ווי אף א יאָרצענדליק. דאָס איז אָבער א שטורמישער סאָוועטישער יאָרצענדליק. ווי געזאָגט, איז עס בלויז א טיילווייַזע איליוסטראציע, — מיר האָבן דאָך דאָ צו טאָן בלויז מיט צייַטונג־לעקסיק. די פאנאנדערארבעטונג פון דעם מאטעריאל איז בא אונדז דורכגעפירט געוואָרן אף פאָלגנדיקן אויפן:

א) מיר האָבן אייַנגעפירט אזוינע עלף רובריקעס: 1) גערמאניזמען, 2) סלאוויזמען, 3) העברייִזמען, 4) אינטערנאציאָנאליזמען [2], 5) גערמאניש־סלאוויש, 6) העברייִש־

---

[1] פון א גרעסערער ארבעט וועגן דעם לעקסישן באשטאנד פון ייִדיש.

[2] „עלעמענטלעך“ גענומען, האָבן מיר אין די אינטערנאציאָנאליזמען פארשיידענע שפראך־שטראָמען (לאטיניזמען, עליניזמען, נייַ־שפראכיקע עלעמענטן). געקומען פון פארשיידענע שפראכן, שטעלן זיי אָבער פאָר מיט זיך, אזוי צו זאָגן, א נייַע אלשפראכלעכע קאטעגאָריע. דאָס איז דער לעקסישער אוני־פיציר־עלעמענט אין די פארשיידענע שפראכן, וואָס שטייט באנאנד און קעגן דער פארשיידנקייַט

ט א ב

	אַלע ווערטער	אַלע לעקסעמעס		גערמאַניזמען: ווערטער	גערמאַניזמען: לעקסעמעס	סלאַוויזמען: ווערטער	סלאַוויזמען: לעקסעמעס	העברייִזמען: ווערטער	העברייִזמען: לעקסעמעס	אינטערנאַציאָ־נאַליזמען: ווערטער	אינטערנאַציאָ־נאַליזמען: לעקסעמעס
„עמעס“ 1/5—1921	9106	4420		7744	3639	49	22	300	207	791	470
			% %	85,4	82,4	0,54	0,45	3,3	4,7	8,7	10,6
„עמעס“ 1/5—1931	14061	6045		11192	4353	136	68	222	167	2060	1199
			% %	79,6	72,1	0,96	1,12	1,7	2,75	14,6	19,85

גערמאַניש, 7) העברייִש־סלאַוויש, 8) אינטערנאַצ.־גערמאַניש, 9) אינטערנאַצ.־סלאַוויש, 10) אינטערנאַצ.־העברייִש, 11) אַברעוויִאַציעס. די עצעם רובריקאַציע, וואָס רעוויִדירט די בײַזאָהעריקע דרײַ־עלעמענטלעכע אײַנטיילונג, באַגרינדן מיר אין אַן אַנדער אָרט; דאָ קענען מיר זיך דערויף לענגער ניט אָפּשטעלן.

ב) מיר האָבן צום אַלגעמיינעם סכום (און צו די פּראָצענטן) פון ווערטער צוגעגעבן דעם סכום און די פּראָצענטן פון די לעקסעמעס.

ג) ס'איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן באַ 15 ווערטער: נעמען און פאַמיליעס, אייניקע אַנגליציזמען (פיר אין אַ מײַ־אויפרוף אין נומער פון 1/5—1921 יאָר), אייניקע טיורקישע ווערטער (פינף אין כאַריקס ליד „אוראַל“ אין נומער פון 1/5—1931).

קוקן מיר זיך צו צו דער טאַבעלע, קען מען קומען צו אַזוינע פּאַרלויפיקע אויספירן.

1) וואָס אָנבאַלאַנגט דעם פּרעוואַלירנדיקן גערמאַנישן עלעמענט איז אין געגעבענעם פאַל צו באַמערקן צוויי זאַכן. דער פּראָצענט, וואָס עס מאַכן אויס גערמאַנישע ווערטער און לעקסעמעס, איז גרעסער, ווי ס'איז געווען אָנגעגעבן אין אַנדערע סכעמעס [1]. ס'פאַלט איבערהויפּט דאָס ספּעציפישע געוויכט אויך פון אָט דעם גרעסטן

פון די אַנדערע עלעמענטן. דער וווּקס פון די אינטערנאַציאָנאַליזמען איז געבונדן מיט די געהעריקע סאָציאַל־פּאָליטישע ענדערונגען. מיר באַנוצן, אַלזאָ, דעם טערמין אינטערנאַציאָנאַליזמען אַלס אַ ס ו ר ־ מ אַ ר ע באַצייכענונג פאַר פאַרשיידנשפּראַכיקע דעריוואַטן.

[1]) מע האָט דאָ אָפּעריִרט מײַנסטנס מיט קאָנסטאַנטע ציפערן, ריכטיקער — מיט האַשאָרעס צדער אײַנדרוקן וועגן פּראָצענט־פאַרהעלטענישן. די פּראָצענטן האָט געגעבן לעאָ ווינער, און אין גרונט האָט מען דערמיט אָפּעריִרט די גאַנצע צײַט: 70% גערמאַניזמען, 20% העברייִזמען, 10% סלאַוויזמען. ניט ווינער וויִזט אָן, וויִאַזוי און פון וואַנען זײַנען די דאָזיקע ציפערן אויפגעשטעלט, ניט עמעצער האָט זיך עס געפּרווּט רעווידירן. שפּעטער האָבן זיך דערמיט פאַרנומען אַנדערע און געקענט ברענגען בלויז אײַנדרוקן: „... מײַן אײַנדרוק איז, אַז דער גערמאַנישער עלעמענט איז אַנערעך 80—82% און אַ 18—20% זײַנען צעטיילט קימאַט אַף אַ העלפט צווישן סלאַוויש (עפּשער אַביסל אַ גרעסערער טייל) און העברייִש (7־8־9%)“ (י. יאָפע. דער סלאַווישער עלעמענט. „פּינקעס“, ניו־יאָרק, 1928).

ס'איז קלאָר, אַז אין פאַרשיידענע צײַטן באַ פאַרשיידענע סאָציאַלע גרופּעס האָבן ביקלאַל געמוזט פּאָרקומען גרונטיקע איבערוקן און איבעראַנדערשונגען אין דער פאַרהעלטעניש צווישן די עלעמענטן.

גערמ.־סלאוויש		העברייִש־גערמ.		העברייִש־סלאוויש		אינטערנאצ. גערמ.		אינטערנאצ. סלאוויש		אינטערנאצ. העבר.		אברעוויִאציעס	
ווערטער	לעקסעמעס	ווערטער	לעקסעמעס	ווערטער	לעקסעמעס	ווערטער	לעקסעמעס	ווערטער	לעקסעמעס	ווערטער	לעקסעמעס	ווערטער	לעקסעמעס
1	1	34	3	—	—	93	55	6	2	19	6	63	11
0,0001	0,0001	0,35	0,1	—	—	1,02	1,2	0,0006	0,05	0,002	0,15	0,7	0,25
3	2	19	14	—	—	292	171	9	6	15	11	108	40
0,0025	0,0034	0,0013	0,2	—	—	2,09	2,8	0,005	0,01	0,01	0,02	0,8	0,75

עלעמענט, ווענ אלס רעזולטאט פונ די נייַע סאָוועטישע באדינגונגענ ווערנ אָנגעבוירנ נייַע שפראכ־פלאסטנ (זע ווייַטער): אינ פארגלייַכ מיטנ 1921 יאָר האָבנ מיר אינ 1931 יאָר אינ דער צייַטונג ווייניקער אפ 5,8 פּראָצענט ווערטער אונ אפ 10,3 פּראָצענט לעקסעמעס.

2) קיינ שום פּריִערדיקער קריטערי פאר העברייִזמענ (9—10 פּראָצענט אָדער אפילו גאנצע 20% לויט ווינערנ) גילט לאכלוטנ ניט אינעמ געגעבענעמ פאל. אויכ אינ 1921 יאָר האָבנ מיר דאָ צו טאָנ מיט 3,3 פּראָצ. ווערטער אונ 4,7 פּראָצ. לעקסעמעס. דער פּראָצענט פונ העברייִזמענ איז, ווייַזט אויס, ביקלאל אלעמאָל געווענ איבערגעטריבנ. דערצו האָט, נאטירלעכ, געשטויסנ א באשטימטע קלאסנטענדענצ פונ די פּראָצענטנ־אויסרעכענער. אָבער אויכ אָט דער קלענסטער פּראָצענט פאלט האסטיק אונטערנ דרוק פונ דער סאָוועטישער שפראכ־ווירקלעכקייַט: אינ 1931 יאָר האָבנ מיר אינ דער צייַטונג צוויי מאָל ווייניקער ווערטער (1,6% אָנשטאָט 3,3%) אונ קימאט צוויי מאָל ווייניקער לעקסעמעס (2,75 פונ 4,7 פּראָצ.).

3) די סלאוויזמענ מאכנ אויס אינעמ נומער פארנ 1921 יאָר בא א האלבנ פּראָצענט (0,54%) ווערטער אונ 0,45% לעקסעמעס). דער סלאווישער וואָרטשטאָפּ וואקסט אָבער, אונ אינ דעמ נומער פארנ 1931 יאָר האָבנ מיר שוינ קימאט א צוויי מאָל גרעסערנ פּראָצענט ווערטער (0,96%) אונ קנאפּע דרייַ מאָל גרעסערנ פּראָצענט לעקסעמעס (1,12%) [1].

4) מערקווירדיק איז דאָ דער אומגעהייערער אָנוווקס פונ אינטערנאציִאָנאליזמענ. שוינ אינ דער צייַטונג פונעמ 1921 יאָר האָבנ זיי אויסגעמאכט 8,7% פונ די ווערטער אונ 10,6% פונ די לעקסעמעס. דאָס איז א גאנצ היפּשער עלעמענט, וואָס מע האָט קיינמאָל אפ אימ ניט אויסגעשטעלט אונ זיכ שוינ בעמיילע ניט געקענט ריכטנ אפ

גענויער באהאנדלענ מיר אָט די פראגע אינ א ספּעציִעלער ארבעט. דאָרט ווייַזנ מיר, אגעוו, אופ, אז די פארהעלטעניש צווישנ עלעמענטנ איז ניט בלויז א פראגע פונ סכומענ, נאָר פונ דער „גרענעצ פונ סכומענ״, וועלכע גיט קוואליטאטיווע ענדערלעכקייַט.

[1]) די שטארקע סלאווישע ווירקונג אינ סאָוועטישנ יִדיש שעפּט זיכ קלאל ניט אויס דערמיט. ס׳גייט א שארפער פּראָצעס פונ פאראלעלער מיטשאפונג („קאלקיזירונג״, וואָרטבילדונג א. אז. וו.).

אזא פראָצענט, וואָס איז צוערשט, פארשטייט זיכ, כאראקטעריסטיש פארנ סאָוועטישנ יידיש. אָבער אינעמ נומער פארנ 1931 יאָר וואקסט נאָכ אויס דער פראָצענט פונ די אינטערנאציאָנאליזמענ אפ קנאפע צוויי מאָל אזויפיל — ער דערגרייכט ביז גאנצע 14,6% פונ די ווערטער אונ 19,85% פונ די לעקסעמעס. דער „עלעמענט" אינטערנאציאָנאליזמענ וואקסט, געוויינלעכ, אפנ כעזשבנ פונ די אנדערע עלעמענטנ, דערינעג אויכ אפנ כעזשבנ פונעמ פרעוואלירנדיקנ גערמאנישנ עלעמענט (זע פ. 1).

5) א ספעציעלע אונ דערביי גרונטיקע דערשיינונג פונעמ סאָוועטישנ יידיש (אונ פונ די אנדערע סאָוועטישע שפראכנ) זיינענ די אברעוויאציעס אינ זייערע פארשיידענע פאָרמעס. אויכ דער פראָצענט פונ די אברעוויאציעס שטייגט אינ 1931 יאָר אפ 0,1% אינ הינזיכט פונ ווערטער, אונ אינ הינזיכט פונ לעקסעמעס — דריי מאָל אזויפיל — פונ 0,25% ביז 0,75%[1]).

6) נעמענ מיר די „היברידנ", גייט דאָ ווידער אפנ ערשטנ אָרט דער וווקס פונעמ פראָצענט, וואָס עס מאכנ די אינטערנאציאָנאליזמענ־גערמאניזמענ — אינ 1931 יאָר העכער צוויי מאָל אזויפיל, ווי אינ יאָר 1921 — פונ 1,02% פונ די ווערטער אונ 1,2% פונ די לעקסעמעס ביז 2,09% פונ די ווערטער אונ 2,8% פונ די לעקסעמעס. עס שטימט, אגעוו, מיטנ אלגעמיינעמ ווקס פונ אינטערנאציאָנאליזמענ (פ. 4).

אביסל איז צוגעקומענ העברעיש־גערמאנישע אונ אינטערנאצ.־העברעיִשע „היברידנ". גאָר קנאפ האָבנ מיר גערמאניש־סלאווישע אונ שוינ גאָרנישט קיינ העברעיִש־סלאווישע.

מיר האָבנ אינ דעמ אלעמ א טיילווײַזע איליוסטראציע, וועלכע שטעלט דאָכ פעסט זייער וויכטיקע דערשיינונגענ אינעמ סאָוועטיש־יידישנ שפראכ־פראָצעס. אפנ גרונט פונ דעמ קענ מענ מאכנ געוויסע קאָנקרעטע אויספירנ בענעגייע צו וואָרטבילדונג, גראמאטישע פאָרמעס אונ ביקלאל וועגנ דער פארהעלטעניש צווישנ די באשטאנדטיילנ אינעמ גאָרנ שפראכ־פראָצעס.

2

כ' שטיפ האָט אָנגעוויזנ אייניקע גרונט־טענדענצנ, וואָס כאראקטעריזירנ דעמ סאָוועטיש־יידישנ שפראכ־פראָצעס. דער ערשטער אונ דער באדייטנדיקער צושטייער איז דאָ געווענ „די סאָציאַלע דיפערענציאַציע אינ יידיש"[2]). דאָס האָט, אגעוו, געשאפנ א וויכטיקנ איבערגאנג־עטאפ אינ כ' שטיפס לינגוויסטישער ארבעט. די פאָרזעצונג דערפונ האָבנ מיר געהאט אינ „רעוואָליוציע אונ רעאקציע אינ שפראכ"[3]), געווענדעט קעגנ דעמ אויסלענדישנ יידישיסטישנ געמויזעכץ. אינ אָט די ארבעטנ איז באצייכנט געוואָרנ אלס א גרונטיקע טענדענצ אינעמ סאָוועטיש־יידישנ שפראכ־

---

[1]) מע וואָלט עפשער אויכ די אברעוויאציעס געדארפט גלידערנ לויט זייער באשטאנד נאָכ. דאָ וועלנ מיר זיכ פאָרלויפיק באנוגענענ דערמיט, וואָס מיר וועלנ אָפמערקנ, אז די אמייִנסטנ פארשפרייטע טיפנ אברעוויאציעס זיינענ אינעמ געגעבענעמ פאל אזוינע: קאָמינטערנ, קאָמפארטיי, ערקפ, מטס (1931), אונ אינ דער צייטונג פארנ 1921 יאָר — צ.ב. ביקלאל איז עס אברעוויאציעס, וואָס זיינענ אינטערנאציאָנאל לויט דער קאָנסטרוקציע. היפש מאָל כאזוערט זיכ איבער — פסרר. ווידער גייענ אזוינע ווערטער: פראָפארייִנ, סאָצגעוועט, רעוומיליטראט, פאָליטטוער, אויספירקאָמ, קאָלווירט, אלקפ(ב), צ.ק., טאס, אויכ — מאָפר.

[2]) „די יידישע שפראכ" 1929, 4 — 5.

[3]) „אפנ שפראכפראָנט" 1931, 1 — 2; 1932, 1.

פּראָצעס — דעהעברייִזאַציע, וועלכע מיר האָבן אָקאָרשט אָנשוילעך גע־וויזן אַף אַ צאַפּלדיקן צײַטונג־בײַשפּיל. כ׳ שטיף באַפּעסטיקט זײַנע אײַנשטעלונגען מיט געוויסע שפּראַך־געשיכטלעכע עקסקורסן. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, איינע פון די גרעסטע מײַלעס פון כ׳ שטיפס אַרבעטן. ס׳איז אָבער געבליבן אײַנזײַטיק די מעטאָדאָלאָגישע און געשיכטלעכע באַזע, פון וועלכער דער כ׳ שטיף איז אַרויסגעגאַנגען. ער איז דעריבער געקומען צו אַ ריי ניט ריכטיקע פאַראַלגעמיינערונגען.

מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אַפן וויכטיקערן.

3

„... די העברייִשע עלעמענטן אין ייִדיש, — שרײַבט כ׳ שטיף, — שטאַמען פון אַ רעליגיעז־גײַסטיקער קולטור, וואָס אירע וואָרצלען ציִען זיך אין טיפן מיטלאַלטער, און זיי זײַנען באַרופן צו דינען דערהויפּט דער דאָזיקער קולטור אין אירע פאַרשיידענע אַנטפּלעקונגען — מיט דער וועלט פון זאַכן, טוונגען א.ד.גל., דערהויפּט מיט אַרבעט קערן זיי זיך ווייניק אָן, כוץ אין אַ געוויסער מאָס אין האַנדל און געשעפט...“ („די ייִדישע שפּראַך“ 1929, 4—5).

אין פאַרשיידענע צײַטן האָט מען דעם „ייִכעס“, דעם העברייִשן עלעמענט, אײַנ־געטיילט די גאָרע ייִדישלעכע גײַסטלעכקײַט. אַזוי ציט זיך עס נאָך פון צונצס פאָרמול וועגן העברייִזמען, ווי וועגן דעם שפּראַך־פּלאַסט „אויס דעם קרײַז דעס יודנטומס“.

דעם זעלביקן געדאַנק, אַז אויסשליסלעך מיטן העברייִשן עלעמענט אין ייִדיש איז פאַרבונדן די ייִדישע רעליגיעזע פונקציע, האָט אַמאָל אויסגעפאָרמולירט דער העברייִסט טאַוויאָוו, וועלכער האָט פון דעם דאָזיקן געדאַנק געמאַכט, נאַטירלעך, גאַנץ אַנדערע אויספירן, קעגנזעצלעכע צו די אויספירן פונעם כ׳ שטיף. אָט וואָס ער שרײַבט:

„... די העברייִשע (און טאַלמודישע) עלעמענטן פונעם הײַנטיקן זשאַרגאָן זײַנען דעריקער עלעמענטן פון הייליקייט און רוכניות, ס׳הייסט: ס׳ראָוו העברייִשע ווערטער און אויס־דרוקן זײַנען צוערשט אַרײַנגעבראַכט געוואָרן אין זשאַרגאָן צום הייליקן באַדינען („לשמש בקדש“), אַף צו באַצייכענען די זאַכן, וואָס זײַנען שײַעך צום לערנען די טוירע און צום קיום פון דער טוירע און בּיכלאַל צו יעדער גײַסטיקער זאַך... ווי אויך צו יעדער גוטער אָדער שלעכטער מידע...“[1]).

און פאַרוואָס עס איז אַזוי, איז פאַר טאַוויאָוון דעם ייִדיש־פראָפעסער אויך קלאָר —

„האָבן דאָך די ייִדן ניט געקענט האַלטן די גערמאַנישע שפּראַך פאַר זייער שפּראַך“.

דאָס זעלביקע קען מען הערן אויך פון הײַנטיקע (ווי פון אַמאָליקע) ייִדישיסטן, בײַס זיי שטרעבן צו דערווײַזן דעם ייִכעס און צו „הייבן דעם האָרן“ פון ייִדיש.

„... אָן דעם העברייִשן עלעמענט און אָן דעם בעסמעדרעש וואָלט קיין ייִדיש ניט געווען... דער ייִכעס פון דער ייִדישער שפּראַך פירט אונדז... גלײַך אין בעסמעדרעש אַרײַן... הורתה ולידתה איז געווען בקדושה...“ [2]).

„... אַדאַנק די עלעמענטן פון טוירע, פון דאַווענען, פון לערנען איז די ייִדישע שפּראַך געוואָרן דאָס, וואָס זי איז“ [3]).

---

[1]) י. א. טביוב. היסודות העברים בזרגון. „הזמן“ תר״סג.
[2]) ז. קאַלמאַנאָוויטש. פּערספּעקטיוון פאַר ייִדיש אין ראַטנפאַרבאַנד. „ליטעראַרישע בלעטער“ 1931, 6.
[3]) מ. ווײַנרײַך. וואָס וואָלט ייִדיש געווען אָן העברייִש. „צוקונפט“ 1931, 3.

ס'קאָן ניט זייַן קיין צוויי מיינונגען וועגן דעם, אז דער צוגאַנג צו דער פראגע טראָגט באַם כ' שטיפ א מעכאַניסטישן כאַראַקטער, ניט געקוקט דערויף, וואָס די עצעם טענדענץ (דעהעברייִזאַציע), אף וועלכער ס'האָט אָנגעוויזן כ' שטיפ, קאָן בא אונדז ניט ארויסרופן קיין מיינונג־פאַרשיידנקייַטן.

די סאָציאַלע דיפערענציאַציע אין יִדיש, ווי אין אנדערע שפראכן, איז געגאַנגען ניט בלויז דורכן פראַט, דורך די באַזונדערע עלעמענטן (אין דעם זינען, אז מיט א וועלכן ס'ניט איז איין עלעמענט זאָל זייַן פאַרבונדן אויסשליסלעך א באַשטימטע סאָציאַלע אָנשיכטונג), ווי דורך דער עלעמענטן־אייַנהייַט, דורך דער גאָרער שפראך, וואָס צעמענטירט אָט די עלעמענטן, זיי אָפּשטויסנדיק און צונויפציִענדיק לויט א געוויסער סאָציאַלער געזעמעסיקייַט. דאָס איז אזוי, ווען אפילע אף געוויסע עטאַפן האָט א וואָסערע ניט איז באַשטימטע פונקציע געקענט זייַן מערער פאַרבונדן מיט איין עלעמענט. ווידער איז די פראגע וועגן די פאַרשיידענע שפראך־פלאַסטן א גאַנץ קאָמפליצירטע און איז באַדינגט פון קלאַסעווע אייַנשטעלונגען, ווי אויך פון די באַשטרעבונגען פון באַזונדערע שיכטן אין די ראַמען פון איין און דעם זעלבן קלאַס. די מייַסע איז, וואָס ניט בלויז העברייִזמען האָבן באַצייכנט די גאָרע רעליגיעז־גייַסטיקע יִדישקייַט, נאָר געטראָגן האָט עס אף זיך אויך א היפשער פלאַסט ניט־העברייִזמען.

אינעם פעריִאָד, ווען ס'פאָרמירן זיך אויס די נאַציִאָנאַלע בורזשואַזע שפראכן, מערקן מיר א קאַמף צווישן צוויי טענדענצן אפן געביִט פון שפראך. פון איין זייַט, האָבן מיר די אָפגייענדיקע קלאַסן, וואָס אויס מוירע פאַר די זיך־אָנרוקנדיקע קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן שטרעבן זיי צו קאָנסערווירן וואָס מער פעאָדאַל אַלטוואַרג (אמאָל איז עס א גאַנצע שפראך — לאַטייַן, העברייִש, אמאָל זייַנען עס עלעמענטן אין דער שפראך, — העברייִזמען, קירכסלאַוויזמען), און פון דער אנדערער זייַט — דער שטייַגנדיקער קלאַס — די בורזשואַזיִע, וועלכע רייַסט זיך צו דעם נייַעם בורזשואַזן אופקום. דערמיט ווילן מיר, אגעוו, אויך דערקלערן די וואַקלדיקייַט צווישן העברייִזירונג און ניט־העברייִזירונג און די פאַראַלעלע גערמאַנישע און העברייִשע באַצייכענונגען, וואָס מיר טרעפן, אשטייגער, אין עלטערן ליטעראַרישן יִדיש, אָפטמאָל אין איין־און דעם זעלביקן ווערק. צו דער דאָזיקער פראגע וועלן מיר זיך נאָך שפּעטער אומקערן.

אויך די אנדערע עלעמענטן און ספּעציִעל דער גערמאַנישער עלעמענט האָבן באַצייכנט און באַצייכענען גאַנץ ג ר ו נ ט י ק ע רעליגיעז־גייַסטיקע באַגריפן. ווידער האָט אויך דער העברייִשער עלעמענט אין א גאַנץ היפשער מאָס באַצייכנט ניט בלויז רעליגיעז־גייַסטיקע באַגריפן, נאָר אויך זאכן, וואָס זייַנען שייַעך דירעקט צו דער „רעאַלער וועלט". ס'איז קלאָר אפילע אפן ערשטן קוק, אז

1) א געוויסע צאָל ראָמאַניזמען[1]) האָט איין צייַט באַצייכנט גרונטיקע רעליגיעזע

[1]) דאָ, ווי אויך פריִער און ווייַטער, נעמען מיר ראָמאַניש, סלאַוויש, גערמאַניש א. א. אלס ס ו מ א ר ע און אָ נ ג ע נ ו מ ע נ ע באַצייכענונגען פאַר די היסטאָריש־אופגעקומענע און אויסגעפורעמטע ה ייַ נ ט צ ייַ ט י ק ע שפראכן און די שפראכלעכע באַשטאַנדטיילן. ס'דאַרף אָבער קלאָר זייַן, אז דער אייגנטלעכער אופקום און די לאַנגאָניקע קאָמפליצירטע אנטוויקלונג־סטאַדיעס פון א שפראך אָדער פון א שפראך־סיסטעם ווערט ניט געדעקט מיט די דאָזיקע באַצייכענונגען.

באגריפנ, אשטייגער, בענטשנ (benedicere, benedire) מיט די שאטירונגענ — בענטשנ יענעמ, בענטשנ מעזומענ און מיט אזוינע אויסבילדונגענ, ווי „בענטשערל".

טראָפּ (Tropos, Tropus), א טערמינ איבערגענומענ פונ דער מיטלאלטער־לעכער קירכ־מוזיק. דערפונ — דאָס מיטלאלטערלעכע ייִדישע „שטובנ־טרופּא" — דער טוירע־ניגנ אינ כיידער, אינ שול.

אָרענ (בעטנ, טפילע טאָנ, לאט. ora, orare); „מיט פשטן (פאסטנ) און פיל אורה... דאָ עש וואר צייט מינחה אור[1]..."

דער טורנען (טורנן, דיטורנן) — איבערכאזערנ: „און' ווער רעכט וויל לערנען דער מוש אל צייַט דיטורנן וואָס ער לערנט און דיטורנן איז איין וועלש[2] וואָרט און הייסט אומקערן"[3] א.אז.וו.

2) דער גערמאנישע עלעמענט האָט באצייכנט און באצייכנט גאנצ גרונטיקע רעליגיעזע און אלטשטייגערישע באגריפנ:

גאָט, אייבערשטער, שול (קאָרשול), שטיבל (אינ בעסמעדרעש, דעמ רעבנס), שול־גיינ (דאווענענ), הייליק[4], פאסטנ, רייניקייט, אויסנעמענס („צו אויסנעמעניש")[5], וואכ (וואכנאכט, וואכנ)[6], בעשניידנ[7], יאָרצייַט[8], פריידיקער (פריידיק[9]), מייַסטער (מייַנ־סטער), אינ זינענ פונ „רעבע"[10], שרייַבער[11], טייַטשנ (פארטייַטשנ) א.אז.וו. א.אז.וו. מע קענ לייַכט דעמ דאָזיקנ צעטל באדייַטנדיק פארגרעסערנ. ס'איז גענוג צו זאָגנ, אז אינ דער אלט־ייִדישער ליטעראטור, אשטייגער, אינ די גלאָסארנ, ביבל־איבערזע־

„ראָמאניש" לאָזט זיכ דאָכ ניט אויס, לאָמיר זאָגנ, מיט „לאטייַניש", וואָס איז שוינ גופע א קאָמפּ־ליצירטער מיש־דעריוואט פונ פארשיידענע שפראכ־רעסורסנ (דעריינ אויכ יאפעטישע, וואָס זאָלנ האָבנ גע־שאפנ די פּאָריקע היסטאָרישע שפראכ־עפּאָכע נאָכ פאר גריכיש און לאטייַניש). דאָס זעלבע איז מיט די שפּעטערדיקע „ראָמאנישע" שפראכנ, וואָס האָבנ זיכ דערנאָכ געפורעמט אלס נייַע אינדאָ־אייראָפּייִש־יאפעטישע אויסבילדונגענ און ווו דער לאטייַנישער מיש — דער „וולגארער" לאטייַנ — האָט זיכ ווידער אופגעמישט מיט די אָרטיקע „ניט־ראָמאנישע" שפראכנ (איבעריש, גאליש, קעלטיש).

פונקט אזוי איז קאָמפּליצירט די אויסבילדונג פונ די גערמאנישע שפראכנ, וואָס זייַנענ, פארשטייט זיכ, ניט קיינ „ריינ אינדאָ־גערמאנישע" (אינדאָ־אייראָפּייִשע). דאָ זייַנענ פארוועבט מיש־עלעמענטנ, וואָס די טרעגערס זייערע האָבנ באוווינט מיטל־און צאָפנ־אייראָפּע נאָכ איידער די גערמאנער (אינדאָ־אייראָפּייער) האָבנ זיכ דאָרט באוויזנ (פארטראָטנ זאָל דאָ אויכ זייַנ די יאפעטישע שפראכ־סיסטעמ). „גערמאניש", ווי א סומארער אָנגענומענער באגריפ, זאָל, הייסט עס, גענעטיש פאָרשטעלנ מיט זיכ די צונויפקרייצונג פונ ביז גערמאנישע יאפעטישע עלעמענטנ מיט דעמ אלגעמיינעמ פריגערמאנישנ אינדאָגערמאניש. לויט דעמ דאָזיקנ באנעמ געברויכנ מיר „ראָמאניזמענ", „גערמאניזמענ" א. א.

1) מגילת ווינץ (אָנהייב 17 י"ה).

2) איטאליעניש.

3) ספר מידות (איזנע, 1542).

4) „הייליגט זיין הייליגן נאָמען". דאָרטנ.

5) „... האָבין די ספר תורה אויז גינומה". ליד וועגנ שבתי צבי („איין שוין נייא ליד..." 1666).

6) נאכט פאר דער מילע. מע קומט זיכ דאנ צונויפ בא דער קימפעטאָרנ „וואכנ". „באר דער ברית מילה מאכן זי די יוטש (יודש) קערצן (ליכט) און וואכן בייא דער קינדבעטערין די נאכט". (פונ אלט־ייִדישע „מנהגים").

7) „דן מן בישניידט זיא צו אכט טאגן" (מעשה בריע וזימרה).

8) טרעפט זיכ צומ ערשטנ מאָל נאָכ אינ 13־טנ י. ה. בא רעב מאיר פונ ראָטנבורג (מהר"ם).

9) דראָשע. „ער זאָגט איר וואר (פירגעזאָגט) איין גרושע פרידיג" (אליהו הלויס „המבדיל").

10) „דאָ שפראכן זיין (זייַנע) תלמידים מיינשטער ווו וואלט איר הינ גיין" (ספר מידות).

11) „... דער אָרעם שרייַבער דינער אלער פרומען ווייַבר".

צונגען, גײַסטלעכע לידער, אין דער „וועלטלעכער" ליטעראטור ווערן גע־מאניזמענ עקוויוואלענטן און סינאָנימען געבראכט דורכויס אפ באצייכענען רעליגיעז־גײַסטיקע באגריפן (וועגן דעם ווײַטער).

3) שפעטער זײַנען געווען אויך סלאווישע באצייכענונגען פאר געוויסע רעליגיעז־מען און אלטשטייגערישע באגריפן און זאכן:

סובאָטניק, פאָדריאד (אפ מאצע באקן), פראווען (דעם סיידער, א בריס, א כאַסענע), סקארבאָווע (ניגן, נוסעכ), קוויטל (באם רעבן, גאָט זאָל כאסמענען דאָס גוטע קוויטל), טרייבערן [1]), פריידיק [2]) א.אז.וו.

4) דער העברייִשער עלעמענט באצייכנט ניט בלויז רעליגיעז־גײַסטיקע, נאָר אויך אנדערע באגריפן, וואָס טיילווײַז זײַנען זיי צוערשט אופגעקומען און אָנגעווענדט געווארן אפן באָדן פון די מיטלאלטערלעכע האנדל־קאפיטאליסטישע פארהעלטענישן. לאָמיר איבערעכענען אייניקע אזוינע קאטעגאָריעס:

א) עפנטלעכ־רעכטלעכע באגריפן:

בארמעצער [3]) שטאר (שטארכויו [4]), שטארקיניען [5]), שטארמעכירע [6]), שטארשוטפעס, שטארהאכלאָטע [7]), שטאריסקע א.אז.וו.), כאזאָקע, איידעס, גוויִעס־איידעס, שאָליש, קסאוויאד [8]), מישפעט (מישפעטן), פסאק (פאסקענען), פשאָרע, טוויִע, היסכײַוועס, אָרעוו, אָרוועס, יערושע (יוירעש, יארשענען), אפעטראָפסעס (אפעטראָפעס), אוילע־מעס [9]), קנאס (קאנסענען), כסימע (כאסמענען), סכום [10]), מאס [11]), נאכלע, צוואָע, אייצע [12]) א.אז.וו.

ב) פינאנציִעל־הענדלערישע באגריפן:

סכוירע, קוינע, קניִע, פידיען, הויצאָע, האכנאָסע, כעזשבן (אדלעכעזשבנ), מעקעכ, רעוועכ, שוטעפ (שוטפעס), יאקרעס (יאקרענ), זאָל, כאזאָרע, סילעק (סילעקנ), קערן, כויוו, באלכויוו, לאכאָדימ, סאכאקל, מאשקנ, העזעק, האלוואָע, מעזומענ, פרוטע, מאט־בייע [13]) א.אז.וו

ג) קלאסנ־אָנגעהעריקײַט.

גוויר (גווירנטע), נאָגיד (נעגידעסטע), אוישער, באלעגופ, באלעבאָס, פאָרעצ, (פריצטע), סראָרע, עויענ, אמכאָ [14]) א.א.

---

1) теребить, דאָס אלטע требить (רייניקן).

2) „איך האָב געקויפט איין פרידיג בשר פון חזן..." (שו"ת מהר"של).

3) אייגנטלעכ—שאָכנ, שכייניש פאָרעכט אָפצוקויפן דעם גרענעצ־פאס.

4-7) וועקסל. קויפ־אקט. פארקויפ־אקט. אויסצוגן פון קאָהאָלשע אָדער בעזדנשע באשלוסן און פראָטאָקאָלן וועגן פארקויפן כאזאָקע, אשטייגער.

8) צוערשט — א ליידיק פאפיר מיט כסימעס.

9) קאָהאָלשע גיטער.

10) רעגולערער קעהילע־שטײַער.

11) אויסעראָרדנטלעכער ספעציִעלער שטײַער.

12) שטאָט־פארוואלטונג, — „ווי זיא די עצה ביי קומן וועלט" (מגילת ווינץ).

13) די דאָזיקע רעכטלעכע און האנדל־פינאנציִעלע באגריפן טרעפן מיר אין דער מיטלאלטערלעכער ליטעראטור, שפעטער אויך אין די באלמעלאָכישע פינקאָסים. א טייל דערפון אוטילייזירן מיר אויך פאר אונדזער איצטיקן געברויכ.

14) „ווי די מעיוכאָסים רופן זיי" (י. דינעזאָן. „זיכרוינעס און בילדער"). „שער און אײַזן און אונדזער פאָלק אמכאָ" — ש. א. „דאָס גרויסע געווינס").

ד) באשעפטיקונג.

באלעגאָלע, קאצעוו, באלמעלאָכע, פויעל, קלעזמער, לעצ (לייצים, לייצאָנים [1]), באטבן, כאיעט [2]), באלמאגיע, מעשאָרעס, מוכסן, כאלפן, מויכער, מויכערטוועניק [3]) א.א.

ה). „דעק".

בעטלערישער און גנייווישער זשארגאָן, וואָס האָט פון קעסיידער אָן און ביז אונדזער צייט פארמאָגט העברייִזמען אין רייד און אין וואָרטשטעלונג. ס'איז פאראן דאָ היפש מאטעריאל.

מע וואָלט געקאָנט די דאָזיקע רובריקעס פארגרעסערן, ס'איז אָבער אזוי אויך גענוג. גענעטיש זיינען, אלזאָ, די העברייִזמען ניט דורכויס „גייסטיק", און „גייסטיק" זיינען ניט דורכויס העברייִזמען. דער שפראכ־פראָצעס ווייסט ניט בלויז פון אָנלאָדן איין עלעמענט מיט א געוויסער פונקציע. ער ווייסט אויך פון גרעסערער אָדער קלענערער סעמאנטישער איבערגענגלעכקייט און די כדרינגלעכקייט צווישן זיינע באשטאנדטיילן.

דעם עצעם באגריף „רעליגיעז־גייסטיק" דארף מען אויך מער פארפינקטלעכן, באזונדערס נאָך, ווען מע רעדט וועגן עלטערן יידיש, ווי וועגן יעטווידער אנדערער עלטערער שפראך. העברייִזירטע ווי ניט־העברייִזירטע רעליגיעזע פאָרמולעס און באצייכענונגען האָבן אין מיטלאלטער, מיט יאָרהונדערטער צוריק, געקענט אויסנוצן און האָבן טאקע אויסגענוצט פארשיידענע קלאסעווע און אינערלעכ־קלאסעווע שיכטן אפ אויסצודריקן גאנצ מאטעריעלע קלאסן־אינטערעסן. דער מיטלאלטערלעכער ארט דענקען איז ביקלאל געווען אייגנטימלעכ צו פורעמען אפ א רעליגיעזן אויפן פאָליטיש־סאָציאלע אידייעס און באשטרעבונגען. אין א געוויסער מאָס קען אויך אינעם געגעבענעם פאל אָנגעווענדט ווערן אזא ארויסזאָגונג ענגעלסעס (וועגן די רעליגיעזע מילכאָמעס פונעם 16־טן יאָרהונדערט):

„... אויב אָט דער קלאסנקאמפ האָט דאן געהאט א רעליגיעזן שטעמפל, אויב די אינטערעסן, באדערפענישן און פאָדערונגען פון באזונדערע קלאסן זיינען פארבאָרגן געווען אונטער א רעליגיעזן היטל, ביִיט עס קיין זאך ניט, און ס'ווערט לייכט דערקלערט מיט די באדינגונגען פון דער צייט..." [4]).

פון דער אנדערער זייט, האָט כ' שטיפ א דורכויס „פאָזיטיווע" שטעלונג צום גאָרן גערמאנישן עלעמענט, וואָס איז בא אים דער „עכט־יידישער", דער „עכט־פאָלקסטימלעכער" און — פאר אלע צייטן:

... „די אלטע טייטשן פאר העברייִשע ווערטער, וואָס מיר טרעפן אין די יידישע ביבל־איבערזעצונגען און אין וועלטלעכע ווערק, טייטשן, וואָס זיינען אונדז שוין איצט פרעמד, זיינען געווען עכט־פאָלקסטימלעכ אייגנס אין דער שפראכ..." („די יידישע שפראכ" 1929, 4—5).

---

[1]) שפיל־לייט, קלעזמער אין דער עלטערער ליטעראטור.

[2]) אזוי טרעפן מיר עס אין די שו"ת, שפעטער אין די באלמעלאָכישע פינקאָסים.

[3]) אהער איז אויך שייעך די היפשע לעקסיק אפ פאמיליעס מיט די פארשיידענע אויסבילדונגען: כאיט (כאיטין, כאיטאָוויטש, כאיטאן), סאנדלער (סאנדלעראָוו, סאנדלערסקי), נאגער (נאגעראָוו), כאראש (כאראשאנסקי), בורסקי (גארבער), ראצין (שוסטער, רימער), הוּיריק („אורג" — וועבער), נאפכאן, נאפאכ (שמיד) א.אז.וו.

[4]) Ф. Энгельс. Крестьянская война в Германии, изд. 3, 1931.

דאָס איז ניט גאָר אזוי, אונ וועגנ דעמריידנ מיר וויַיטער. ס'איז אָבער כאראק־טעריסטיש אָט די שטעלונג צום גערמאנישנ, ד. ה. צום „ריינ־יִידישנ" עלעמענט. אינ גרונט האָבנ מיר דאָ באמ כ' שטיפ א געוויסע אנטפּלעקונג פונ דער יִדישיסטישער טענדענצ, וועלכע האָט זיכ אויסגעדריקט אינעמ באקעמפנ ארכאיִק אויסשליסלעכ לויט דער ליניע פונ העברייִזמענ, וואָס ווערנ ד ו ר כ ו י ס קעגנגעשטעלט צומ ג אָ ר נ גערמאנישנ עלעמענט.

4

„צומ איבערגערעסטנ טייל,— זאָגט כ' שטיפ,— האָבנ מיר דאָ (אינ די העברייִזמענ — ע. ס.) ווערטער אונ אויסדרוקנ פאר א ב ס ט ר א ק ט ע באגריפנ... צו אבסטראקציעס געהערנ דאָ גאנצע גרופּעס... אהער געהערט אויכ דער איבערגערעסטער טייל אינ די איבעריקע גרופּעס, ביפראט אינ דער שטארקסטער גרופּע" („פונעמ רעליגיעזנ לעבנ" — ע. ס.) (דאָרטנ).

אויכ דאָ באגייט דער כ' שטיפּ א מעטאָדאָלאָגישנ פעלער. ס'איז ניט ריכטיק צו אידענטיפיצירנ רעליגיעזע באגריפנ מיט אבסטראקציעס ביקלאל. לאָמיר נעמענ אייניקע קאטעגאָריעס פונ אזוינע אבסטראקציעס, ווי זיי ווערנ געגעבנ באמ כ' שטיפּ, אונ וואָס טיילוויַיז זיַינענ זיי, אגעוו, גאנצ געברויכלעכ אויכ אינעמ היַינטיקנ יִדיש:

„... גרופּע 6:

א) מידעס, אייגנשאפטנ, כאראקטער:

אומבעראכמאָנעסדיק, אכזערטע, בושע, בעזבושניצע, גייַווע (באלגייַווע), גאָדלדיק, העפקער־יונג, וואטרענ, כוצפּע, כאניפושניצע, קייַסנטע, מעקאנע זיַינ, אזעס, אקשנ, צווייפּענעמדיק, רעכילעס א. אז. וו.

גרופּע 7:

אכרייַעס, אייכעס, גוזמע, דייע, דויכעק, העסקעמ, האסאָגע, היסנאצלעס, כיִעוו, כאראָטע, כשאד, טאָעס, יעסאָד, יערידע, קלאל, קאמעס, מאדרייגע, מעהוס, מאכשאָווע, מעניִע, נעסיִע, סוואָרע, סאָפעק, אָל, עצעמ, איקער, פּעולע, רעגילעס, טבייַ"... א. אז. וו. (דאָרטנ).

די באצייכענונג פונ אבסטראקציעס סטאמ, זעענ מיר, איז דאָ ניט קיינ פּינקט־לעכע. אינ די ערשטע 19 גרופּעס האָבנ מיר ניט

„בלויז דאָס, וואָס איז ד י ר ע ק ט (אונטערגעשטרייַכט פונעמ כ' שטיפּ—ע. ס.) פארבונדנ מיטנ רע־ליגיעזנ לעבנ, מיט עמונע, מיט רעליגיעזנ קולט, מיט טוירע, דינימ, מיצוועס, מינהאָגימ א.ד.גל". (דאָרטנ).

דער וועג צומ אבסטראקטנ וואָרט (דורכ דער אבסטראקטער דענק־קאטעגאָריע ביקלאל) ציט זיכ דורכויס אונ אויסשליסלעכ פונ דער רעאלער ווירקלעכקייַט, אונ די וויַיטערדיקע אָנווענדונג פונ אָט דעמ אבסטראקטנ שטעקט ווידער בלויז אינ דעמ זעלביקנ מאטעריעלנ לעבנ־פּראָצעס. די קאָנקרעטע באצייכענונג האָט אינ זיכ דעמ מאָמענט פונ אבסטראקציע, פונ פאראלגעמיינערונג—„יעדעס וואָרט (רייד) פאר־אלגעמיינערט שוינ" [1]) — אונ יעדע אבסטראקציע איז אינ דעמ זינ גאנצ קאָנקרעט. אבסטראקט אונ קאָנקרעט אינ באגריפ אונ באצייכענונג דארפ מענ נעמענ אינ זייער גאָרער דיאלעקטישער געבונדנקייַט אונ פארמיטלטקייַט.

פארשיידענער וואָרטשטאָפּ אפּ אָפּצושפּיגלענ לעבנ־דערקענטעניש אונ קאמפּ, אפּ דיפערענצירנ דעמ דענק־פּראָצעס האָט די שפּראַכ אפּ פארשיידענע עטאפּנ

[1]) Ленинский Сборник XII, 219.

אָנגעצויגן פון פאַרשיידענע קוואַלן. געוויסע וואָרטשטאָפּ האָט דאָ אויך העבּרעיִש מיטגעבּראַכט אין ייִדיש, אין דער פאַרגאַנגענער צײַט, פאַרשטייט זיך, פיל מערער, ווי ס'קען איצט בּאַ אונדז געמאָלט זײַן. רעדוצירן אַזוינע אַבּסטראַקציעס דורכויס צו „רעליגיעזער גײַסטיקײַט" וואָלט אָבּער געהייסן פאַרײַנפאַכן די זאַך.

5

וויכטיק איז כ' שטיפס באַהויפּטונג וועגן דעם גערענגל צווישן ייִדישן (גערמאַנישן) מיטן העבּרעיִשן וואָרט. זײַן אַרגומענטאַציע איז אָבּער ניט קיין ריכטיקע.

אין די ערשטע טאַנאַך־איבּערזעצונגען און בּאַאַרבּעטונגען (אויך אין די ווערטערבּיכער צו טאַנאַך) טרעפן מיר קימאַט ניט קיין העבּרעיִשע ווערטער. פאַרקערט, אין די פרום־ייִדישע מוסער־ווערק איז דער העבּרעיִשער וואָרטשטאָף פאַראַן אין אַ היפּשער מאָס. ס'איז אָבּער ניט ריכטיק צו מאַכן דעם אויספיר, ווי כ' שטיף טוט עס, אַז אין איין פאַל האָבּן מיר צו טאָן מיט וועלטלעכע אין צווייטן — מיט אַ רעליגיעזער ווערק (איז דאָ אומבּאַדײַטנדיק, הייסט עס, דער העבּרעיִשער עלעמענט), און אינעם צווייטן פאַל — זײַנען עס גײַסטלעך־פרומע ווערק (איז דאָ דערפאַר פאַראַן אַסאַך העבּרעיִזמען). „היילִיק" איז דאָס „רעליגיעזע הײַטל" פון די בּיידערליי אַרטן דענקמעלער, אָט ווי בּיידערליי אַרטן דענקמעלער זײַנען אין גרונט בּירגערלעך־מיטלאַלטערלעכע שאַפונגען. די פראַגע איז זייער קאָמפּליצירט און ניט דערלערנט. אַלס אויסגאַנג־פונקט אָבּער, מיינען מיר, דאַרף מען דאָ צוערשט נעמען די בּאַהויפּטונג, וואָס מיר האָבּן אויבּן געהאַט אויסגעפאָרמולירט וועגן די קעגנזעצלעכע שטראָמען, וואָס מיר האָבּן אָפּט בּאַם אָנהייבּ פאָרמירן די נאַציאָנאַל־בּורזשואַזע שפּראַך און וואָס דריקן אויס דעם קאַמף צווישן פאַרשיידן־קלאַסעווע בּאַשטרעבּונגען „אינעם איבּערגאַנג": אי דאָס קאָנסערווירן פעאָדאַל אַלטוואַרג (אינעם לעבּן, ווי אינעם דענקען און אין דער שפּראַך), אי דעם דראַנג צו די נײַע קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז געוויסע פאַרשיידנקײַט און „גערענגל" האָבּן מיר דאָך אָפּט אין איינעם און דעם זעלבּן דענקמאָל. כ' שטיף בּאַמערקט מיקויעך „דער טורנן" פון „ספר מידות" (זע אויבּן):

„.... אַזאַ גאַנג־וואָרט איצט איז נאָך דעמלט פרעמד געווען אין ייִדיש אפילע דעמלאָמדן... „חזרן" (כאַזערן) טרעפן מיר, נאָך מײַן וויסן, נאָך אין די פראַגער „פּריוואַט־בּריוו" פון 1619, ז. 26 נומ. 19" [1]).

מע קען אָבּער פעסטשטעלן, אַז אין דער קראַקעווער אויסגאַבּע פון „ספר מידות" (1582) איז „דרטורנן" אומעטום פאַרבּיטן אַף „חזרן". דאָס זעלבּע איז דאָרטן געשען מיט נאָך אַ פּאָר ווערטער: „אורן" אַף „תפלה טון" און „שטים בון הימיל" אַף „בת קול פון הימילא". מע קען זיך אויך איבּערצײַגן, אַז אין דער אייגענער עלטערער איזנער אויסגאַבּע (1542) „ספר מידות" קומט אויך פאָר אַזאַ גערענגל. אַ פּאָר בּײַשפּילן דערפון:

---

[1]) „אַפן שפּראַכפראָנט", 1—2. „רעוואָליוציע און רעאַקציע אין שפּראַך".

„... דרום זול מן תורה לערנן דש מן דען א מ ת ווישן זול... אונ׳ זול דער וו א ר ה יי ט ביקענען...

... אויך זול איינר זיין קנעכט אונ׳ מייד ניט נויטן איין מ ל א כ ה צו טון דיא זי ניט גערן טון אָבער ווען איינער גוים האָט... מאָג ער זי וואל אל זיין ע ר ב יי ט טון לאשן...

... די תורה האָט גיזאָגט דו זולשט ליבא האָבן דיינך ג ז ע ל ן אלס דיך זעלוורט ... די תורה האָט גזאָגט איינר זול זן ח ב ר גויטליך אונ׳ ורויינטליך שטרופן...

... די בויזי (שלעכטס) אונ׳ אומגליק בון ג יי ד י (קינע) קומט... בון ק נ א ה קומט דש איינער קריגט מיט דעם לויטן״... א. אז. וו.

כאַראַקטעריסטיש איז אויכ, אַז די האַקדאָמעס צו די טאַנאַכ־איבערזעצונגען זײַנען ניט פֿרײַ פֿונ העבריייִזמענ דאַנ, ווענ אינ די איבערזעצונגענ גופֿע איז, ביקלאַל גענומענ, פֿאַראַנ וויייניק העבריייִזמענ (מיר דערקלערנ עס ווײַטער מיט נאָכ אַנדערע מאָמענטנ), אַשטייגער:

„... צו דעם דאז וויר זעהן די קהילות בעונות הרבים אויך אימר דר (קעסיידער) אָבנעמען אונ׳ צר שטערט ווערדן דורכ ווילפאלטיג (אָפטע) גירושים...

אונ׳ דורך זלכי גרושים ווערדן די בעלי בתים גינויטיגט אויף דען דורפרן צו זיצן, אונ׳ איז אבר ניט אין איינש איטליכן ור מיגן דז ער קיין איין מלמד האלטען דער אים זייני קינדר לערנט, דא דורך דען גרושי עם הארצים דר וואכסן. דארום זיין וויר בוועגט ווארדן דז וויר דז חומש... צו דויטש געטריקט הבן, וויא די זעלביגי איטליכי (עטלעכע) גלערטי יהודים אונ׳ רבנים אויש לשון הקודש און (אינ ?) לשון אשכנז ור דויטש הבן [1].

מיר האָבנ דאָ ווידער דעמ קאַנאָנ פֿונ די „איטליכי גלערטי יהודים אונ׳ רבנים״ („בעונות הרבים״), אָבער שוינ אויכ פֿאַלנ, מיינענ מיר, פֿונ פֿאַרשפּרייטע „האמוני־שע״ העברייִיִש־ייִדישע ווערטער — „בעלי־בתים״, „עם הארצים״, וואָס וועגנ אַזוינע האָבנ מיר אַנ אָנצוהערעניש בײַ אליהו בחור, אַשטייגער. אינ זײַנ „תשבי״ מערקט אָפּ אליהו בחור אַזוינע העברייִיִש־ייִדישע ווערטער אונ אויסבילדונגענ, ווי מע טרעפֿט זיי בײַמ „המון״ („המון העם״), בײַמ „רוב העולם״ אָדער בײַ אַזוינע, וואָס... „זײַנענ אַליינ אַמעראַצימ״:

„ע ם ה א ר ץ... אינ מערצאָל ע מ י ה א ר ץ אונ פֿאַראַנ אַזוינע, וואָס זאָגנ עמי הארצים — אינדערעמעסנ זײַנענ זיי די אַמעראַצימ...״ א.אז.וו. [2].

וואָס שײַעכ ספּעציעל צו די ט א נ א כ־איבערזעצונגענ אונ זייער „ריינ־ייִדישנ״ (קנאַפּ העבריייִזמענ) סטיליסטישנ בוי, דאַרפֿ מענ דאָ, מיינענ מיר, נעמענ אינ אַכט אַזוינע מאָמענטנ.

מיר האָבנ דאָ אָפּט צו טאָנ ניט אַזוי מיט איבערזעצונגענ, ווי מיט אָפּקאָפּירונ־גענ, מיט לעקסישער אונ סינטאַקסיש־סטיליסטישער „קאַלקיזירונג״. די טאַנאַכ־איבערזע־צונגענ, ספּעציעל נאָכ די ערשטע, זײַנענ אָפּטמאָל ביקלאַל ווײַט פֿונ וואָסערנ ס׳ניט איז ייִדישנ נאַטירלעכנ סטיליסטישנ גאַנג. די איבערזעצונג איז דאָ אינ א היפּשער מאָס מע־כאַניש, אונ א וואָרט צו א וואָרט קלעפּט זיכ נישט אַנדערש, ווי לויט דער ה ע ב־ר יי ִ ש ע ר קאָנסטרוקציע:

---

[1]) פֿונ דער האַקדאָמע צומ קאָנסטאַנצער כומעש, 1544.

[2]) איכ ציטיר דאָ לויט א טשערנאָוויצער „תשבי״־איבערדרוק פֿונ תרט״ז (1855), וואָס איז, מאַ־שמאָעס, טרײַ דעמ עלטסטנ אָריגינאַל (איסני, 1541).

„.... אונ׳ ווינט גוט שוועבט אויף פור דעם וושר״ [1].

„.... אונ׳ זיא שפוטט שרה אין אירם בויך״ [2].

„.... דיז גיבורט נח עז מאן עז גרעכטער גאנץ ער ווז אין זיינם גיבורט מיט גוט ער ווז געז נוח״ [3].

מע קאָפּירט דאָ איבערהויפּט פאַרדײַטשט דעם העברעיִשנ טעקסט, זיכ ווייניק קימערנדיק וועגנ באַהעפט, וועגנ דער נאַטירלעכ־לאָגישער קאָנסטרוקציע.

האָט נאָכ בוקסטאָרפ דאַנ געקענט אופּוואַרפנ:

„דאָס איז זייער אַלעמענס פעלער, אַז וואָס זיי טראָגנ איבער פונ העברעיִש, זעצנ זיי איבער צופיל וואָרטלעכ. זיי האַלטנ זיכ אַזוי פעסט באַם העברעיִשנ, אַז זיי פאַרטונקלענ דאָס גערמאַנישע. זיי זײַנענ אַזוי אָבערגלויבעריש צוגעבונדנ צום פאַרהיטנ דעמ אויסערלעכנ און בוכשטעבלעכנ אויסדרוק, אַז צומאָל האָט ער קיינ שום זינענ ניט, צומאָל פאַרטונקלט, צומאָל מעשונע״ [4].

אונ ניט אומזיסט האָט א שפּעטערדיקער איבערזעצער, יעקוסיעל בליצ, געקענט זאָגנ מיט האַרצ:

„ווארום קיין מאן אויס ספרי גויים גויי ארץ עם ועם ללשונו איין הבנה האבן, אונ׳ אויס אונדזערע ספרים קאן מען קיין בעשלוס פונ ריידן געפינען, אונ׳ די רייד אין זיך זעלבסט זיינען קינדעריש? נו, קאן מאן דאָך קלאָרליך באמערקן דאָס אונדזערע טייטשע בעשרייבערס קעגן חכמי־גויים פלוידערן...״ [5].

א צווייערלייִקע טענדענצ האָט דאָ „געהײליקט״ די ערשטע ביבל־איבערזעצונגענ, וואָס זײַנענ געווענ א געוויסער אייגנאַרטיקער אויסדרוק פונ מיטלאַלטערלעכע פאַר־העלטענישנ אינעווייניק אינעם ביוגערטום און כאַראַקטעריסטיש פאַר געוויסע אַנטפּלע־קונגענ אינ דער אַנטוויקלונג פונעם מיטלאַלטערלעכנ ייִדיש. ס׳איז, פונ איינ זײַט, געווענ דער אויסדרוק פונ שטאַרקנ ציִענ זיכ צום „פרעמדנ וואָרט״ פונעם מער פאָרגעשריטענעם אַרום (וואָס פאַר ייִדיש איז דאָס דײַטשישע „פרעמדוואָרט״ גאָרניט אַזוי „פרעמד״ געווענ, און אויכ דאָס עצעם ביבלישע איז דאַנ געווונ אַלגעמיינ געווענ). און, פונ דער אַנדערער זײַט, איז מענ דאָ אָבערגלויבעריש טרײַ געבליבנ דעם העברעיִשנ אויסדרוק, דער העברעיִשער קאָנסטרוקציע.

די ערשטע ייִדישע קסאַוויאַדנ זײַנענ דאָכ צוערשט געווענ באַשטימט פאַר די ייִכעסדיקע ייִדישע פרויענ, פאַר דער „פּאַטראַנין״ און „געגנערין״ [6], וואָס אַזא שטאָפּ פלעגט זיי צושטעלנ „דער שרײַבער אַלע ווײַבער און פרום לײַבער״.

און גראָד אָט דער איבערזעצונג־קאַנאָנ האָט דערנאָכ צוערשט געדינט צום אַרויסגעבנ די קסאַוויאַדנ שוינ פאַרנ ברייטערנ געברויכ, ווענ ס׳איז אופגעקומענ די דרוק.

---

1) „ורוח אלוהים מרחפת על פני המים״ (אויגסבורגער כומעש, 1544).

2) „ותצחק שרה בקרבה״ (דאָרטנ).

3) „אלה תולדות נח נח איש צדיק תמים היה בדורותיו את האלוהים התהלך נח״ (בערלינער קסאַוויאַד פונ כומעש, 15—16 י״ה).

4) Johannes Buxtorfius. Thesaurus Grammatikus linguae Sanctae (באַזעל 1609). אינ דעמ צוגאָב־קאַפּיטל וועגנ העברעיִש־דײַטש.

4) פונ דער האַקדאָמע צו בליצס טאַנאַכ־איבערזעצונג, 79—1676.

5) פּאַטראָנעסע.

אז אזא „ריינדײַטשישע" טענדענצ איז דאנ אייגנטימלעכ געווענ געוויסע האנדל־בורזשואזע שיכטנ, זעענ מיר אינ בוקסטאָרפס באהויפּטונג וועגנ דעמ, אז

„די, וואָס זײַנענ איצט אביסל זאָרגעוודיקער געלערנט, פלײַסנ זיכ איבערצוזעצנ פײַנער אונ קלאָרער אונ פאסנ זיכ צו צו דער אייגנטימלעכקײַט פונ דער דײַטשישער שפּראכ [1]).

צומ סאָפ פונעמ מיטלאלטער האָבנ ייִדישע געמיינדעס אינ דײַטשלאנד פארמאָגט אינ גרונט צוויי עלעמענטנ: דאָס האנדל־וואָכערישע גרויס־אונ מיטל־בירגערטומ אונ דאָס קליינבירגערטומ (קליינהאנדל, טיילוויַיז באלמעלאָכעס). די שפּראכלעכע סאָציִאלע דיפערענציִאציע, לויט קלאסעווע אונ אינערלעכ־קלאסעווע פאנאנדערשיכטונגענ, קענ מענ זיכ פאָרשטעלנ אפ אזא אויפנ.

1) „העכערע" לאָמדישע אונ געלטלעכע שיכטנ מיט אײַנגעפונדעוועטער מיטלאלטערלעכער זיטלעכקײַט אונ ארכאיִש־שפּראכיקע געוווינהײַטנ.

2) דער טייל פונ אָט דעמ שיכט, וואָס אינ זײַנ עקאָנאָמישער טעטיקײַט איז ער מער געווענ באווירקט פונ די אופקומענדיקע קאפּיטאליסטישע פארהעלטענישנ, מער געוווענדעט „נאכ אויסנ" אונ דעריקער מערער אײַנגעשטעלט צו ברעכנ „נאציִאָנאלע צאמענ" אינ לעבנ ווי אינ שפּראכ.

3) מאסעווע קליינבירגערלעכע „אמעראצישע" שיכטנ, מערער אויסגעטאָנ פונ „ייִדישקייט" אונ פרעמדער צו ארכאיִק.

מע דארפ זיכ ניט פאָרשטעלנ די דאָזיקע אָפּשיכטונגענ (ספּעציִעל די ערשטע צוויי), ווי גאָר איזאָלירטע איינע פונ דער אנדערער. מע דארפ אויכ אינ די שפּראכ־טענדענצנ פונ פארשיידענע סאָציִאלע שיכטנ ניט פארזענ דאָס צווישנווירקנדיקע אינ דער פאָרמ בא פארשיידנקײַט פונעמ אינהאלט. די שפּראכלעכע דיפערענציִאציע איז, פאר־שטייט זיכ, געגאנגענ דאָ אינ דער גאָרער שפּראכ ניט בלויז אינ דעמ „טיילווײַזנ פונעמ גאנצנ" אינ דער שפּראכ, — אינ דעמ העברייִשנ עלעמענט. דער העברייִשער עלע־מענט האָט דאָ געדיכט געשפּארט ניט בלויז פונ איִגנטלעכע „רעליִגיעז־גײַסטיקע", פרומ־מוסערדיקע קוואלנ, ווי כ' שטיפ באהויפּט עס. געווענ איז עס אויכ אינ די גוויִעס־איידעס פונ די שו"ת, געווענ איז עס אינ א געשעפטלעכ־קאנצעליארישנ קאָ־האָלשנ דאָקומענט. אָט איז, אשטייגער, אנ אויסצוג פונ א דאָקומענט. ס'איז אנ אָפּמאכ פונ יאָר 1666 צווישנ דער האמבורגער קעהילע מיט דער אלטאָנער נאָכנ שארפנ סיכסעכ צווישנ זיי וועגנ א בעסאלעמענ.

היום יום ד' ז' איר תכ"ו [2]) הבין מיר ח"מ דהיינו קהל אלטונא והמבורג י"צו אונז משוה גווזין מיט דעמ המבורגער קהל וועגן דעמ ב"ע [3]) צו אולטינון ומשני צדדי איין קינין בק"ס [4]) גיטון אויף אונזרי' השואה ופשר באופן המבואר: ראשן וועגין ההוצאה אצל השרה י"ה זולכש משתדל צו זיין און אים אוטבוך איין צו שרייבן: זאָל קהל אלטונא והמבורג דעם האמבורגער קהל הח"מ ארבעה ר"ט [5]) להוצאה צושטייאר געבן"... א.אז.וו.

---

1) פונ בוקסטאָרפ אויבנציטירט ווערק.

2) 1666. לויט די כעזשבוינעס פונ די מעקובאָלימ האָט דאָס באדארפט זײַנ דאָס יאָר פונ דער געולע.

3) בעסאלמענ,

4) בקיניִן סודר.

5) רײַכסטאלער.

דעמ דאָזיקנ אויסצוג נעמענ מיר פונ א דאָקומענט, ווי ס'ווערט מיטגעטיילט אינ די „יִוואָ“-בלעטער", פונעמ דײַטש-יִדישנ היסטאָריקער ברילינג, וועלכער האָט אימ געפונענ אינ די קאָפּיעס פונ די קעהילע-אָפּמאכנ אינ דעמ ארכיוו פונ דער האמבור-גער געמיינדע. די רעדאקציע פונ די „יִוואָ-בלעטער" ניט דאָ צו:

„פאר אונדז איז ער (דער אָפּמאכ—ע.ס.) אינטערעסאנט אויכ דערמיט, וואָס ער איז געשריבנ געוואָרנ אינ יִדיש...“

ס'איז דער יִדיש, אייגנטלעכ, דער קלאסנ-דיִאלעקט, וואָס ציט זיכ פונ דער מיטל-אלטערלעכער בורזשואז-קאָנפעסיִאָנעלער אויסקומעניש ביז די „יִוואָ“-יִדישיסטנ.

6

כ' שטיפ באהויפּט:

„דער אלטער העברייִשער אינוועטאר איז איצט אינ גרויסנ טייל געוואָרנ איבעריק“... (דאָרטנ).

קלאָר. ס'איז אָבער קלאָר, אז אויכ הונדערטער אלטע ניט-העברייִשע ווערטער זײַנענ געוואָרנ איבעריק, ווענ ס'זײַנענ אראָפּ די אָביעקטנ אונ די באגריפנ, וואָס זיי באצייכענענ. אָט שטארבנ, אשטייגער, אויס פאר אונדזערע אויגנ אונ פאר אונדזערע אויערנ די זעקס וואָכעדיק-גערמאנישע טעג באנאנד מיט דעמ הייליק-העברייִשנ שאבעס:

„טשוהונ-טעג געזונטע
פונ ווײַטנ שוינ בליצנ,
אוועק איז דער זונטיק
אפ קלויסטערשע שפיצנ...

אפ מיסטישע מיטעס,
אינ אלטיטשקע שקראבעס,
אינ שווייסיקנ קיטל
זיכ וואלגערט שאבעס.

אונ ס'טראָגנ זיכ מוטיק,
אונ ס'הילכנ באפעלנ:
די טעג, אָט די רו-טעג,
צומ ווענטל זיי שטעלנ!

די טעג, נאָר אינ נעכטיקע
ביכער געפינסטו...
עס טראָגנ זיכ מעכטיק
דער מאָנטיק, דער דינסטיק...

א גליקלעכנ שליטוועגס!
אינ פריידיקע רויכנ
זינקענ די מיטוואָכס,
די דאָנערשטיקס אויכעט...

דעמ שאבעס צעשאָסנ!
פארלוירנ אונ זײַטיק
נאָכ שלעפּט זיכ דער יאָסעמ,
דער קורצינקער פרײַטיק“...

(אי. פעפער)

אויסגעגאנגענ איז דעמ „זיידנס מיטוואָכ“. אָפּגעצאנקט האָבנ די אָפּגע-בענטשטע שאבעס-ליכט אינעמ סובאָטניק צי. אינ די ליימלעכ. אונ אזוי גייט אויס דאָס ביסל איבעריקע רעליגיעזע אונ אלטשטייגערישע אלטווארג, ס'קומט האסטיק אומ, ווי לעצט-צעטראָטענע בלעטלעכ פארנ שטורעמווינט, וואָס קערט ראש אונ רייִנ אָפּ דאָס אָרט פאר די נײַע וועלט-באגריפנ אונ באצײַ-כענונגענ.

„געשטאָרבנ איז דער זונטיקדיקער, שאבעסדיקער שטייגער“ מיט זײַנע אינסטי-טוציעס, לעבנשטייגער, אָנשויונגענ, פאָרשטעלונגענ וועגנ ארבעט אונ ו, קליידונג, זיטנ א.אז.וו. אונ צוזאמענ דערמיט שטארבט האסטיק אָפּ אָנ א שיר וואָרטשטאָפּ

פונעם אלטן ריבוינעשעלוילעם און פון אלע זײַנע „עלעמענטן" אין דער שפּראַך. (דעריַן אויך די גערמאַנישע און סלאַווישע). אַפּ אײבּיק איז איצט אָפּגעשפּילט דאָס אַלטמאָדישע וואָרט — כאַסענע (אין מיטלאַלטער גאָר „ברויל־אַפט") מיט אירע אופרופנס, פאָרשפּיל, אָרעמ־מאַלצײַט, באַזעצנס, באַדעקנס, שלײער, שלײער־וואַרעמעס, אונטערפירער, גראַמ, וויוויט, פוי יש (טאַנצ), מאַרשעלעק, דאָבּראַדזינ, דאָבּראַנאָטש (בא דער קאַלע), הוליאַשטשינע (אַפּנ צווײטנ טאָג נאָכ דער כופּע) א.אַז.וו.

אַזוי גײט האַסטיק די דורכויסיקע דעאַרכאַיזאַציע אין דער גאָרער שפּראַך, מעג זיך עס באַזונדערס פילנ אַפּ דעמ „טײלווײַזנ פונעמ גאַנצנ אין דער שפּראַך", אין דעמ העבּרײיִשנ עלעמענט.

געוויסער אַלטער וואָרטשטאָפּ פאַרבלײַבּט אָבער. ער ווערט דאַנ, געוויינלעך, איבּערגעבּוירנ, פאַרייִנגערט, ער ווערט דערהויבּנ צו נײַער קוואַליטעט פאַר דער נײַער צײַט.

מע מיסבּרויכט נאָכ בּא אונדז מיט אַרכאַיִק דאַנ, ווענ מע קענ און מע מוז אָנ איר אויסקומענ. בּא ווערמענ די אַרכאַיִק גײט פונ נאָכ ניט אויסגעלעבּטע רעשטנ פונעמ „אַלטנ באַוווסטזײַנ". בּא ווערמענ ס'איז טיפּ־אײַנגעבּאַקענע טראַדיציע און באַוווסטזיניקע קלאַסנפײַנטלעכע אײַנשטעלונג. מע דאַרפ שאַרפּ באַקעמפנ און אויסוואָרצלען אַזא שעדלעכנ וואָרטשטאָפּ, וואָס פאַרשווערט נאָכ דערצו דעמ שפּראַך־אופנעמ און דעמ קולטור־פּראָצעס בּאַמ מאַסנ־מענטשנ, בּאַמ יונגנ דאָר, וועלכער ווײסט ניט און דאַרפּ ניט וויסנ פונ אַזא, אַשטײגער, שפּראַכלעכער „זײדנס ירושע", ווי מאַימ אַכרוינימ, פּוירעש בּישמוי זײַנ, קילכויכ א. א.[1]. אַזוינע בּײַשפּילנ קענ מענ היפּש פאַרגרעסערנ אין צאָל פונ דער פּרעסע, דיכטונג, וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור, אויך פונ דער קינדער־ליטעראַטור[2].

אין דער זעלבּיקער צײַט פּילט אָבער אויס געוויסע עלטערע, דעריַנ אויך העבּרײיִשע, לעקסיק א וויכטיקע פונקציע אין דער שפּראַך. מע אוטיליזירט דערפונ פאַר נײַער ניטיקער וואָרט־שאַפונג. מע ציט דערפונ אַרויס געוויסע ניואַנסנ און מעגלעכקײַטנ, וואָס אָנ דעמ וואָלט דער שפּראַך שווער געווענ צו באַגײנ זיך.

7

וואָס ווערט אוטיליזירט פונ עלטערנ וואָרטשטאָפּ, ספּעציעל פונ העבּרײיִזמענ? וואָס קומט דאָ צונוץ?

פאַראַנ, געווײנלעך, אײַנגעוואָרצלטער העבּרײיִשער וואָרטשטאָפּ: עמעס, כאַווער, מעלוכע, טוווע, האַלוואָע א.אַז.וו. אויסער דעמ לאָזט זיך דערווײַל אָפּמערקנ אײניקע אַזוינע גרונט־טענדענצנ אינעמ באַנוצנ העבּרײיִזמענ.

1) העבּרײיִזמענ מיט ספּעציעלנ הײַנטצײַטיקנ באַטײַט:

מאַכשירימ (לערנ־מאַכשירימ, אויכ מאַכשיר), אַלעפבּײז (בּיכל), אַמעראַצעס, באַלעגופּ (באַשטימטע סאָציאַלע קאַטעגאָריע), ייִשעוו (поселок), יאָכיד (קוסטאַר,

[1] אָרטאָגראַפישער ווערטערבּוכ, 1932.

[2] אַשטײגער, אינ דער איבּערזעצונג פונ גאַדאַרס „די שול" (ייִדיש — ש. נ. מאָסקווע, 1931) מיט די ניסימוועניפּלאָעסדיקע (איקאָנעס), (אומקערנ זיך אַפּנ) דערעכ־האיאָשער, מאַלכעס (פונ הימל), צווישנ די מיספּאַלעלימ א.א.

איבערוואַנדערער, יעכידישע מאָטיוונ — אינ דער דיכטונג, יערידע (שטימונג), איניענ (אינ געריכט, „קאָמיסאַריאַט פֿאַר אינערלעכע איניאָנימ...”) א.א.

דער דאָזיקער פּראָצעס, מיינענ מיר, איז נאָכ ניט פֿאַרענדיקט. ס'זײַנענ פֿאַראַנ געוויסע נאָכ ניט אויסגענוצטע מעגלעכקײַטנ פֿונ אַזאַ ספּעציעלער אוטיליזאַציע.

אַהער דאַרפֿ מענ צורעכענענ אַזעלכע נײַבילדונגענ לויט אײַנגעבירגערטע העברייִזמענ, ווי

מישפּאָכעדיקײַט, סכוירעדיקײַט, דורכסאַמענ (די זריע), אָפּכאַזערונג (האָבנ כאַזיירימלעכ. „פֿאָרגעשריטענע כאַזיירימצוכט־ראַטווירטנ... האָבנ זיכ צוגעגרייט צו די מאַסעווע אָפּכאַזערונגענ”), אָנבעהיימעדיקײַט („אַכנ ווענ צו ליקווידירנ פֿולשטענדיק די אָנבעהיימעדיקײַט”, א קעפּל פֿונ א צײַטונג).

ס'ווערט דאָ אויכ אוטיליזירט א ריי מאַסעווע אײַנגעבירגערטע אָדער זיכ אײַנבירגערנדיקע אויסדרוקנ:

„מעדזשיבאָדזשער געוועזענ־ראַט באַאַוולט דעמ קאָלווירט” (קעפּל אינ „שטערנ”).
„די פּאַכדאָנישע סאָציאַל־פֿאַרעטערס אַנטלאָפֿנ פֿונ עסטרייַכ” (דאָרטנ) א.א.

2) העברייִזמענ בלײַבנ, בײַס גראָד זיי באַצייכענענ פּינקטלעכ דעמ באַגריפֿ, אונ ס'לאָזט זיכ ניט פֿאַרבײַטנ זיי מיט אַנ אַנדער וואָרט:

האַנאָכע (פֿאָרהאַנאָכע), האַשאָרע, פּניעס (פּניעסדיקײַט — אַפּ лицеприятие אינ געריכטלעכער טערמינאָלאָגיע), מעהוס, ערעוו, לעקאָווער („דעמ אַלפֿאַרבאַנדישנ סטאַראָסטע”), בעקאָוועדיק („דער קאָניוכ טוט איינע פֿונ די בעקאָוועדיקסטע אונ פֿאַראַנטוואָרטלעכסטע אַרבעטנ, פּונקט ווי דער טראַקטעריסט”; פֿונ צײַטונג), אומבעשאָלעמדיקע (באָלשעוויסטישע פּאָליטיק), לעפּאָנעמ („פּילט אויס דעמ פּלאַנ לעפּאָנעמ”), לעטויוועס („ווער ווענמענ” איז געלייזט לעטויוועס דעמ סאָציאַליזמ” [1]), גוירל („אַפֿנ גוירל פֿונ די געניאַלע טעאָרעטיקער אונ פּראַקטיקער. אַפֿנ גוירל פֿונ וולאַדימיר לענינ אונ יאָסיפֿ סטאַלינ איז געפֿאַלנ די גראַנדיעזע היסטאָרישע מיסיע” [2])... „ניט פֿאַרטרויענ די „פּלוידערזעק” דעמ גוירל פֿונ דעמ פּרילינג־פֿאַרזיי” (פֿונ צײַטונג), מעסירעסנעפֿעשדיקער (קאַמפֿ, — אַרבעט — „די מעסירעסנעפֿעשדיקײַט, דער העלדנמוט פֿונ די ברידערלעכע קלאַסנ־קעמפֿערס אינ די ווינער אַרבעטער־קוואַרטאַלנ האָט”... פֿונ צײַטונג) א. אז. וו. [3]).

3) סינאָנימישע געניקײַט אונ פֿאַרפּינקטלעכונג:

פּלאַצ (אַפֿנ רויטנ...)	באַזע (פּראָדוציר־; אינ געאָמעטריע).
שטעט (פֿאַרזיי, ערד, אינ געאָמעטריע)	יעסאָד (יעסוידעס פֿונ וויסנשאַפֿט, עס פּלאַצנ די יעסוידעס פֿונ קאַפּיטאַליזמ).

---

[1]) אונ „לעטויוועס” איז מער אָנגעמאָכטנ, ווײַל עס איז אייַנפֿאַכער אונ פֿאַרשטענדלעכער, איידער „צומ גונסטנ”: ... „אויסנוצנ די קאַפּיטאַליסטישע ווידערשפּרוכנ צומ גונסטנ פֿונ דער סאָציאַליסטישער בויונג” („עמעס”).

[2]) „שטערנ”, 16־טנ פֿעווראַל 1934, פּעפּער. „דער בונד פֿונ פֿאַרורטיילטע”.

[3]) לעצטנס האָבנ מיר געזענ אינ צײַטונג („שטערנ” „אָקטיאַבער”) די טענדענצ צו פֿאַרבײַטנ ‏עס אַפּ „זעלבסטאָפּפֿערדיקײַט”. ניט עס איז גענוג אַדעקוואַט צומ באַגריפֿ, ניט „אָפּפֿערדיקײַט” איז „יינגער” פֿונ מעסירעסנעפֿעשדיקײַט.

זײט	טאַטן (אינטערנאַציאָנאַל פֿון טאַט).
צאַד („באַנדורע דעמאַסקירט דעם מאַנ־דזשורער צאַד אין ניטגעזעצלעכע טאַטן"; אין געריכטלעכער טערמי־נאָלאָגיע).	מײַסים (קאָנטררעוואָליוציאָנערע מײַסים)
זיג	אָרעמקײַט
ביצאָכן (אין זינען פֿון בײַקומען שווע־ריקײַטן; דערגרייכן).	דאַלעס („אין די קאַפּיטאַליסטישע לענ־דער... הונגער, דאַלעס, דעגענע־ראַציע").

4) באַם אופֿרײַסן דעם קלאַסנפֿײַנט, באַם באַקעמפֿן דעם נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם, ווען ס'ווערט אויסגענוצט גופֿע די שפּראַך פֿון דאָזיקן נאַציאָנאַל־שאָוויניזם:

„ווי דער „בונד" באַמיט זיך ניט מיט „לינקע" פֿראַזעס צו פֿאַרטושן זײַן נאַציאָנאַל־בירגער־לעכן פּאַרצעף, שפּאַרט דער נאַציאָנאַליזם, זײַן קלאַל־ייִסראָעל־מעהוס אַרויס אַף דער אויבערפֿלאַך... זייער טעטיקײַט איז די סאַמע שענדלעכסטע צו קאַשערן יעדן קאָנטררעוואָ־ליוציאָנערן טאַט אין אַ ראַדיקאַלער מיקווע... כסידישע דווייקעס און פּעסימיזם און „אינטימע" בריוו צו כאַווייִרים" [1]).

„דער קלאַל־ייִסראָעלדיקער ציוניסטישער מאַסן־זשורנאַל אין אַמעריקע... באַגלייט אונזערע מאַטעריאַלן... מיט אַ לאַנגן „מײַמער"... „ער שטעלט זיך אוועק אין אַ פּאָזע פֿון אַ באַלדאַרשן און דערווײַזט מיט „אויסעס אומויפּסימ", אַז דאָס האָבן די ייִדישע קאָמוניסטן „מאַכשעמאָם וועזיכראָם" [2]).

... „די אַלע ייִדישיסטישע ליטעראַרישע צײַטשריפֿטן זײַנען פֿול און דורכגעדרונגען מיט מאָשיכיזם און „געולע־בענקשאַפֿט" — די „ליטעראַרישע בלעטער" זײַנען פּאָשעט געוואָרן מאָשיכעס אָפּיציאָז... אַרום מעשיכיזם פֿאַרייניקן זיך צייטלינס קאַבאָלע, דער ציוניסטישער אַטאָבעכאַרטאָניזם און דער לייוויקישער „ראַדיקאַלער" ייִדישיזם"... [3]).

מיר טרעפֿן עס אויך אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור באַם דעקאַנאָניזירנ־דיקן אופֿרײַסן דאָס אַלטוואַרג, באַם סטיליזירן (צוליב דעמאַסקירן) אַ קלאַסנ־פֿײַנטלעכע שפּראַך באַנאַנד מיט איִרע טרעגערס און אויסדריקער, וואָס דער זעלביקער לעקסיקאָן האָט באַ זיי געהאַט אַ באַזונדער מין באַלעבאַטישן הייליקן כיין:

„גנײַוועס, געוויין און פֿאַרדראָסן
ווערן מיט שאַלווע פֿאַרוועבט...
רויִקער שאַבעס־שאַבאָסן
שפּרייט זיך אַף ייִדישע קעפּ.
אַטאָ־בעכאַרטאָנו — מיר די אויסדערוויילטע,
שטענדיק — אין די שולן רוכניעסדיקער ווילטעק.
אַז ווו איז נאָך אַ פֿאָלק אַזאַ אַ הייליקע פֿאַראַנען,
גאָטעניו, על קנאַ על רחום ואל חנון.
שיק אונדז צו כאַיונע אַזויפֿיל און אַזויפֿיל —
זונטיק וועלן גוייִם שיקערן און זויפֿן,
קענען זיי נאָך טרינקען, שלאָגן זיי און הוליען.
האַלעל האַלעלויע, האַלעל האַלעלויע".
(אַ. כאַריק „קײַלעכדיקע וואָכן").

מיר האַלטן ניט דערבײַ, אַז אַלץ איז דאָ אין אָרדענונג מיטן אָנפּראָפּן העברייִ־זמען דאַן אַפֿילע, ווען מע מיינט סטיליזירן און אופֿרײַסן. אויך אין אַזוינע פֿאַלן

[1]) ד. באָגען. אַ סאַכאַקל פֿון 35 יאָר בונדישע דעמאַגאָגיע און ווירקלעכקײַט. „עמעס", 16 אַפּרעל, 1933.
[2]) „שטערן", 27־טן מײַ, 1933.
[3]) אַ. כאַשין. פּראָנט קעגן פּראָנט. „עמעס", 29־טן אָקטיאַבער, 1933.

מוז מען פונדעסטוועגן מינערן דעם באנוץ פונעם אלטווארג. דעם דאָזיקן עלטערן וואָרטשטאָף קומט אָבער אויס צו אוטיליזירן פון מאָל צו מאָל.

8

אלזאָ, די מעטאָדאָלאָגישע גרונטלאגע פונעם כ' שטיף איז מיט בלויזן. מעכאַניסטיש איז א רייז פון זײַנע פאראלגעמיינערונגען:

1) פאקטיש פאלט באַם כ' שטיף צונויף די גענעטישע ריכטליניע לעגאַבע העברייִזמען מיט דער ליניע פונעם בורזשואַזן קאָנסערוואַטיזם אין אלע זײַנע פארשיידענע אנטפלעקונגען. רעאקציע אסאָציִירט זיך באַ אים אויסשליסלעך מיטן „גײַסטלעכן" (העברייִשן) שפראכשטאָף און ניט מיט געוויסע אנטפלעקונגען פונעם שפראַך־פּראָצעס אינגאנצן גענומען. מע קען, פארשטייט זיך, רעדן אויך וועגן דער ראָליע פונעם טיילווייַזן (פון א געוויסן עלעמענט) אין די רעאקציאָנערע שפראַך־אָנשיכטונגען, וויסנשאפטלעך־פּראָדוקטיוו קען עס אָבער זײַן בלויז אינעם אספּעקט פון דער שפּראַך־גאַנצהײַט.

2) דער באגריף „רעליגיעז־גײַסטיק" איז דאָ געשיכטלעך ניט פארפינקטלעכט. ס'איז ניט קאָנקרעטיזירט, אז דאָס העברייִשע ווי ניט־העברייִשע רעליגיעזע הײַטל האָט אפ פארשיידענע עלטערע געשיכטלעכע עטאַפּן געקענט זײַן די שפּראַך־פאָרם אויך פאר א גאנצע „וועלטלעכן" פּאָליטיש־סאָציאַלן אינהאַלט באַ פארשיידענע „העכערע" און „נידעריקערע" סאָציאַלע שיכטן.

3) כ' שטיף הייבט ארויס דעם גאָרן גערמאַנישן עלעמענט „אנגראָ", ער האַלט אים דורכויס און פאר יעדער צײַט פאר דעם „יִדישן" און פאר דעם מאַסעווון עלע־מענט, — איז עס אי געגעטיש ניט אזוי, אי דער דעהעברייִזאַטערישער אָנגריף איז, ווי טשיקאַווע דאָס זאָל ניט זײַן, אין א היפּשער מאָס סטימולירט פון „גערמאַניש"־יִדישיסטישער אײַנשטעלונג.

4) שטאַרק אָנגעצויגן איז די רובריקאַציע פון דעם רעליגיעזן, ספּעציעל אין דעם פּראַט, ווען צום רעליגיעזן ווערט רעדוצירט דאָס אַבסטראַקטע ביקלאַל.

5) אײַנזײַטיק און פאָרמעל־לאָגיש איז דאָ באלויכטן דער גרענעץ צווישן דעם העברייִשן און ניט־העברייִשן אין דער עלטערער ליטעראַטור.

6) לעגאַבע דעם איצטיקן שפּראַך־פּראָצעס איז ניט קאָנקרעטיזירט די פּראָבלעם פון דעראַכאַיִזאַציע ביקלאַל, וואָס דעהעברייִזאַציע איז בלויז א גרונטיקע מאָדי־פיקאַציע דערפון. און וואָס שײַך צו דעהעברייִזאַציע, איז ניט אָנגעמערקט, וואָס קאָנקרעט ווערט אוטיליזירט פון די העברייִזמען פארן נײַעם געברויך.

אין כ' שטיפס ארבעט וועגן דער סאָציאַלער דיפערענציאַציע אין יִדיש בלײַבט דאָך א געזונטער קערן — דאָס עצעם שטײַפע אָנווײַזן אפ דעם דעהעברייִזיר־פּראָצעס פארן איצטיקן סאָוועטישן יִדיש. מאַקע גראָד דער דאָזיקער גרונט־פּונקט האָט ארויס־גערופן אזא ווילדן גערודל אינעם אויסלענדישן יִדישקײַט־געמוזיזעכץ. כ' שטיף האָט נאָך דאַן שאַרף געענטפערט אפ אָט דעם גרונט־ארטיקל פונעם קלאַסנפײַנט־לעכן לאַגער — אפ ווײַנרײַכס „וואָס וואָלט יִדיש געווען אָן העברייִש" [1]). אויך נאָך

[1]) „די צוקונפט" 1931, 3.

כ׳ שטיפס טויט האָט מען דאָרטן וועגן דעם געשריבן, ווי וועגן עפּעס אַן אויסטער־לישער „סענסאַציע" אין כ׳ שטיפס גאָרער שפּראַך־אַרבעט.

ניט געקוקט אַף די מעטאָדאָלאָגישע בלויזן איז כ׳ שטיפס אַרבעט וועגן דער סאָציאַלער דיפערענציאַציע אין ייִדיש מיטל־וועלט פון דער שטעלונג פון די אויס־לענדישע ייִדישיסטן, וואָס זעען דערהויפּט דעם איינהייטלעכן ייִדיש, ווו „אַלץ" איז זיי דורכויס טייער און איינגעבאַקן און ווו אַלע עלעמענטן און שפּראַך־אָפּשניטן הויזן צווישן זיך באַהעפט און פרידלעך צוליב דעם דאָזיקן „אייביקן" נאַציאָנאַל־שפּראַכלעכן שאָלעם־באַיִס.

בא די דאָזיקע ייִדישיסטן זיינען העברייִזמען אויך די טייערסטע איידלשטיינער, וואָס פּוצן און וואָס צירן די עכטע ייִדיש־קרוין. אָט וואָס ווינרייך און זיינע גלייכע האַלטן מיקויעך העברייִזמען און זייער ראָליע אינעם אופקום פון ייִדיש:

„... אָן דער צונויפגיסונג פון די פאַרשיידענע דייטשישע דיאַלעקטן וואָלט ייִדיש אויך געווען מער ניט, לאָמיר זאָגן, אַף אַ ריינעם בייערישן אָדער שוואַבישן באַזיס. אָן דעם סלאַ־ווישן צומיש וואָלט ייִדיש געהאַט אַן אַנדער פּאָנעם. אָן די העברייִשע־אַראַמייִשע עלעמענטן וואָלט די ייִדישע שפּראַך ניט געווען"... [2].

און אַזוי ציט זיך ווייטער די גאָלדענע קייט — דער „אייביקער" ייִדיש־פּראָצעס:

„... צי איז ריכטיק, אַז די „דעהעברייִזאַציע" ליגט אַף דער ליניע פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון ייִדיש? ניין, ניט ריכטיק"...

„... די העברייִזמען שפּילן אַ גרויסע ראָליע און וועלן נאָך עפּשער שפּילן אַ גרעסערע כאָטש אַף אַן אַנדער שניט, ווי פריִער"... א. א. וו. [3].

עס שפּאַרט דאָ מיט פאַרהייליקונג פון דעם העברייִשן עלעמענט באַנאַנד מיט פרומער נעוויִעס וועגן דער ווייטערדיקער פאַרשטאַרקונג פון דעם דאָזיקן עלע־מענט. און אַזוי איז אויך דאָרטן די שפּראַך־פּראַקטיק, — דורכויסיקע אַרכאַיִזירונג, העברייִזירונג. איז עס פּונקט דער הייפּעך פון כ׳ שטיפס גרונט־שטעלונג צו דער דעהעברייִזאַציע פונעם סאָוועטישן ייִדיש, וואָס, קריטיש באַנומען, בלייבט דאָך די דאָזיקע גרונט־שטעלונג אַ וויכטיקער צושטייער באַם ווייטערדיקן פאַנאַנדעראַרבעטן די פּראָבלעמען פון אונדזער שפּראַך־פּראָצעס, דערין אויך די פראַגע פון דעאַרכאַיִזאַציע אינעם סאָוועטישן ייִדיש.

---

[2]) „די צוקונפט" 1931, 3.

[3]) דאָרטן.

מ. גורעוויטש

צו די מעטאָדאָלאָגישע גרונטלאַגעס פון די סטיליסטישע שטרײַטן אין דער ייִדישער סאָוועטישער לינגוויסטיק [1]

(די פאַסיווע קאָנסטרוקציע)

צווישן די סטיליסטישע שטרײַטן פאַרנעמט אין דער ייִדישער לינגוויסטישער ליטעראַטור אַן אָנגעזעען אָרט די פראַגע וועגן דער פאַסיווער קאָנסטרוקציע. קעגן דער דאָזיקער קאָנסטרוקציע איז, ווי באַוווסט, מיט זײַן גאַנצן טעמפּעראַמענט אַרויסגעטראָטן דער כ׳ נ. שטיף.

דער כ׳ נ. שטיף טיילט אײַן די דאָזיקע אויסבילדונג אין דרײַ גרופּעס:

1) די פולע פאַסיווע קאָנסטרוקציע,

2) די האַלב־פאַסיווע און

3) די פאַרשטעלטע פאַסיווע קאָנסטרוקציע (סובסטאַנטיווישע און אַדיעקטיווישע).

לאַכלוטן אָפּגעפּרעגט איז בײַ אים די ערשטע גרופּע. און וועגן איר וועלן מיר דעריקער ריידן.

כ׳ שטיפס מאָטיוון:

1) די פולע פאַסיווע קאָנסטרוקציע איז אַן איבערגעקערטע אַקטיווע קאָנסטרוקציע, אַ גראַמאַטיש־געקינצלט געבײַ, וואָס שטימט ניט מיט אונדזער לאָגישן געדאַנקענגאַנג, מיט רעאַלע פאַרשטעלונגען, ס׳איז אַ זיכער מיטל צו פאַרשווערן אָן שום נוץ דעם ניט געבילדעטן מענטשן צו פאַרשטיין עפּעס [2].

מער אַביסל פאַנאַנדערגעוויקלט ווערט דער דאָזיקער מאָטיוו דערלאַנגט אַזוי:

מיר „האָבן דאָ אַן אויסגעקלּיגלט גראַמאַטיש געבײַ, פונקט פאַרקערט אַקעגן דעם לאָגישן געדאַנקענגאַנג—אַזוינס, וואָס מיר האָבן ניט אין דער מאַסן־שפּראַך, וואָס ליגט זיך אַף דער צונג ניט. דאָס איז אַ פ אַ פּ י ר ע נ ע שפּ ר אַ ך, אַ גראַמאַטישע קונצשטיק. אַזוינס צו פאַרשטיין דאַרף מען האָבן אַ געוווינשאַפט צו דענקען מיט גראַמאַטישע קאַטעגאָריעס, די דאָזיקע געוווינשאַפט העלפט אונדז, בעשאַס מיר לייענען אַזאַ פראַזע, פלינק אין קאָפּ אינסטינקטיוו צוריק אופשטעלן די איבערגעקערטע קאָנסטרוקציע מיטן קאָפּ אַרוף, מאַכן פון דעם גראַמאַטישן אָביעקט צוריק דעם סוביעקט, פון דעם סוביעקט — אַן אָביעקט, פון דעם פאַסיוון צײַטוואָרט — אַן אַקטיוון" [3].

---

1) אַ קאַפּיטל פון אַ גרעסערער אַרבעט אַף דער דאָזיקער טעמע.

2) זע „ייִדישע שפּראַך" 1927, נומ. 2, שפּ. 30.

3) „ייִדישע סטיליסטיק", 1930, ז. 41. שפּעטער האָט דער כ׳ נ. שטיף אין אַ געוויסער מאָס געביטן זײַן מיינונג, ער שרײַבט:

„צי וויל איך דערמיט זאָגן, אַז מײַן פריִערדיקע שטעלונג צום פולן פאַסיוו איז געווען אינגאַנצן ריכטיק? פאַרשטייט זיך, אַז ניין! אייניקע טײַנעס קעגן פאַסיוו קען איך שוין איצט ניט שטיצן („ס׳איז קעגן לאָגישן געדאַנקענגאַנג", „אַ געקינצלט געבײַ" א.אנד.)" („אַפן שפּראַכפראָנט" 1932, נומ. 4, שפּ. 67).

„בא דער אקטיווער קאָנסטרוקציע, — זאָגט כ׳ שטיפ, — איז די לאגע גאָר אנדערש. מיר האָבן דאָ אלע דרײַ באשטאנדטיילן אזיוווי מיר דענקען געווייִנלעך... די גראמאטישע קאָנסטרוקציע שטימט דאָ מיט אונדזער געווייִנלעכ לאָגישן ארט דענקען״.

2) „די פולע פאסיווע קאָנסטרוקציע שוואכט אָפּ די ראָליע פון רעאלן סוביעקט, די קראפט פון דעם טועכץ; זי פארמינערט די ענערגיע און ווירקונג־קראפט פונעם וואָרט״ [1]).

די דאָזיקע מאָטיוון זײַנען, אייגנטלעך, די וויכטיקסטע און פונדאמענטאלסטע, און דער סטיליסטישער אויספיר איז א גענוג קלאָרער: די פאסיווע קאָנסטרוקציע האָט ניט קיין שום בארעכטיקונג אין דער שפראך, מע דארף זי באזײַטיקן [2]).

וואָס איז אָבער די סיבע, וואָס גראָד די פאסיווע קאָנסטרוקציע איז לעצטנס אזוי פארשפרייט אין דער ייִדישער פרעסע־שפראך? דער ענטפער איז דאָ א גרייטער:

1) „די פאסיווע קאָנסטרוקציע, וואָס ערשט נעכטן האָבן מיר זי גענומען פון אן אנדער שפראך (רוסיש — מ. ג.), האָט זיך אזוי אײַנגעגעסן, אז מע קען שוין אנדערש ניט. און עפּשער קען מען און מע וויל ניט״.

2) „אייניקע פען־מענטשן זעט, מיסטאמע, די פאסיווע קאָנסטרוקציע אויס „אינטעליגענט־נער״, „ליטערארישער״ („ייִדישע סטיליסטיק״, ז. 52).

ס׳איז קלאָר, אז דאָס אלץ, אָט די גאָרע „אומלאָגישקײַט״ פונעם פאסיוו — אָט די הויפּט־דערווידערונג, אז די פאסיווע קאָנסטרוקציע איז קעגן „דעם געזונטן מענטשנ־פארשטאנד״, האָט א שײַכעס ניט בלויז צו ייִדיש, צו ייִדיש־ריידער, אז דאָס איז, אזוי צו זאָגן, אן „אוניווערסאלער״ מאָטיוו, דעריבער האָט מען דאָ, לויט כ׳ שטיפן, געקענט ריידן וועגן אן אינטערנאציאָנאלן „פסיכאָז״ (רוסיש, ווײַסרוסיש, אוקראִיניש, פויליש, דײַטש, פראנצויזיש, ענגליש א.אז.וו.).

אויב אזוי ווערט שוין די לאגע פיל ערנסטער: באם אוועקשטעלן אינעם אלגע־מיינעם מאסשטאב די פראָבלעם וועגן דער סיבע פון דער פארשפרייטקײַט פון דער פאסיווער קאָנסטרוקציע וועט מען שוין ניט אָפּקומען מיט כ׳ שטיפס פארענטפערונג וועגן דער אָפּשטאמונג פון דער דאָזיקער קאָנסטרוקציע אין ייִדיש.

---

1) „ייִדישע סטיליסטיק״, ז. 91.

2) ווי געזאָגט (זע באמערקונג 3 אפּ ז. 23), האָט דער כ׳ נ. שטיף זײַן שטאנדפּונקט בענעגייע דעם פּא־סיוו לעצטנס גענומען רעווידירן — ער איז אָבער דאָ נאָך גאנץ וואקלדיק: „איך מוז אָבער זאָגן: ספּעציעל וועגן פאסיוו בין איך אין מער פארלעגנהײַט, ווי אין „זאכווערטער אָנשטאָט צײַטווערטער״... מיטן פּ ו ל ן פאסיוו קען איך מיך נאָך אלץ קיין אייצע ניט געבן. אין דער „קריג אפּ פארניכטונג״ איז דאָ נישט אלץ גלאַט. ס׳איז אָבער א פאקט, אז אונדזער פרעסע („עמעס״, „שטערן״) איז מיט דעם מין פאסיוו איצט געהיטער ווי פריִער. א געוויסער איבערוק צום אקטיוו איז פאראן. אָבער וויִאזוי דאָס אפּסנײַ־סינטעזירן, דאָס ווייס איך נאָך ניט״ („אפן שפּראכפראָנט״, 1932, נומ. 4, שפּ. 14).

מע דארף אָבער זאָגן, אז כ׳ נ. שטיפס ברייט־פאנאנדערגעוויקלטע ארבעטן קעגן פאסיוו האָבן גע־לאָזן נאָך גענוג טיפע שפּורן (מער ווי זײַנע רעוויזיע־באמערקונגען). אָט, אשטייגער, איז אפּ דער אוקרא־יִנישער שפראך־באראטונג אין 1934 י. ארויסגעטראָטן כ׳ מ. הער מיט דער באהויפּטונג, אז דער פאסיוו איז ביקלאל אן אומגעוווּנטשענע דערשײַנונג אין ייִדיש (זע „פּראָלעטארישע פאָן״ פארן 10־טן מײַ, 1934). דאָס אייגענע קומט אויך אויס הערן פון אנדערע כאווײרים שפּראכטוער. דעריבער איז טאקע נייטיק די דאָזיקע טעמע גענויער באהאנדלען, באטראכטן די דערווידערונגען קעגן פאסיוו א. ד. גל.

ס'וואָלט געווען פּאָשעט נאַיוו צו מיינען, אַז די שולד איז דאָ, וואָס אייניקע פענ־מענטשן זעט, מיסטאמע, די פּאַסיווע קאָנסטרוקציע אויס „ליטעראַרישער", „אינטעליגענטנער" און אַז דעריבער פאַרפלייצט זי די צײַטונג־שפּראַך, די גאָרע פובליציסטיק.

די גרונטלייגער פונעם מאַרקסיזם־לעניניזם האָבן, ווי ס'איז באַוווּסט, זיך גאַנץ קריטיש באַצויגן צו זייער שפּראַך, צו סטיל־פּראַגעס בכלל, זיי האָבן וועגן דעם איבערגעלאָזט ווערטפולע אָנווייַזונגען, — איך פאַרשפּאָר זיי אַפילע צו ציטירן, — און גראָד דעם פּאַסיוו באַגעגענען מיר בײַ זיי אויף יעדן שריט און טריט.

כ' נ. שטיפס פעלער באַשטייט אין דעם, וואָס ער גייט אַרויס פון אַ פאַלשער אויפפאַסונג פונעם פּאַסיוו אַלס שפּראַכלעכע קאַטעגאָריע. וואָרעם, וואָס איז לויט אים דער פּאַסיוו?

פּאָשעט אַ שלעכטע דובלירונג פונעם אַקטיוו. דער פּאַסיוו קאָן ניט אַרויסשטעלן עפעס פּאָזיטיוועס, וואָס זאָל אים דערלויבן צו פּרעטענדירן אויף עקזיסטענץ־רעכט. ס'לוינט זיך טאַקע דעריבער אַביסל אָפּצושטעלן אויף דעם. לאָמיר זען, וויאַזוי באַגרינדעט דאָס כ' שטיף אויף קאָנקרעטע מאַטעריאַלן.

מע קען די זאַצן, וואָס עס ברענגט דער כ' שטיף אויף צו „קאָמפּראָמעטירן" דעם פולן פּאַסיוו, אײַנטיילן אין צוויי הויפּט־גרופּעס: גרופּע A און גרופּע B.

צו דער גרופּע A געהערן אַזוינע פּאַסיווע זאַצקאָנסטרוקציעס, וואָס זייער אַקטיוו פאָרעם האָט פונקט דעם זעלביקן אינהאַלט, וואָס די פּאַסיווע פאָרם—דעם זעלביקן באַטײַטיקן וואָרט־מאַטעריאַל און אויך די זעלביקע וואָרטשטעלונג, די זעלביקע אינטאָנירונג.

צו דער גרופּע B געהערן אַזוינע פּאַסיווע זאַצקאָנסטרוקציעס, וואָס זייער אַקטיווע פאָרם פאָדערט שוין אַן אַנדער וואָרטשטעלונג, עס ענדערט זיך דעריבער די באַטאָנונג און אײנעם זאַץ ווערט אַרויסגעהויבן אַן אַנדער זאַצגליד.

מירן באַטראַכטן די גרופּע A. דאָ האָבן מיר דעם פאַל, ווען לויט כ' שטיפס באַהויפּטונג וועט מען אין דער אַקטיווער קאָנסטרוקציע אין פאַרגלײַך מיט דער פּאַסיווער „מיט קיין שפּאַקטיוו ניט אויסגעפינען, אַז עפּעס זאָל דאָ פעלן פון פאָרשטעלונגען, באַגריפן, פון זייער קעגנזײַטיקע באַציִונגען אין דער פּראָזע".

דאָ האָבן מיר, הייסט עס, לויט כ' נ. שטיפן, פּאָשעט צוויי „דובלירנדיקע" פאָרמעס, צוויי וואַריאַנטן, וואָס זײַנען עקוויוואַלענט לויטן אינהאַלט.

נו, איז וואָס?

האַלט אָבער דער כ' נ. שטיף, אַז דער פּאַסיוו איז אַ שלעכטער עקוויוואַלענט, אַ שלעכטע „דובלירונג", און ער הייבט עס טאַקע אָן דערווײַזן[1].

איז לאָמיר ברענגען איניקע פון די דאָזיקע מוסטערן און זען, אין וואָס באַשטייט דאָרטן דאָס שלעכטס.

בײַשפּיל 1, 2[2].

---

[1] ווײַזט אויס, אַז דער כ' שטיף פילט אַליין, אַז אָפּקומענ בלויז מיטן מאָטיוו — דער פּאַסיוו איז קעגן דעם לאָגישן פאַרשטאַנד — איז נאָך ווייניק.

[2] די ציפער פאַר דער קאָמע ווײַזט אונדזער נומעראַציע, נאָך דער קאָמע — די נומעראַציע לויט נ. שטיפן.

„דעמ כ׳ אָרדזשאָניקידזעס ווערטער זײַנענ אינטערעסאנט דערמיט, וואָס, ערשטנס, איז עס געזאָגט געוואָרנ פונ א מענטשנ, וועלכער שטייט בעראָש...” („ייִד. סטיליסטיק”, ז. 38).

דער פאסיוו—„איז עס געזאָגט געוואָרנ פונ א מענטשנ”—איז לויט כ׳ שטיפ צווייִדײַטיק.

„דאָ איז געמיינט... (דאָס האָט געזאָגט א מענטש) это сказано человеком, אָבער מע קענ... דאָס טײַטשנ אנדערש אויכ — это сказано о человеке, דאָס איז געזאָגט וועגנ א מענטשנ” (דאָרטנ, ז. 50).

בײַשפּיל 2, 3.

„דורכ דער סטודיע וועט געשטעלט ווערנ אירע נײַסטע שאפונגענ” (דאָרטנ, ז. 38).

אויכ דאָס זעלביקע:

„איז ניט קלאָר — זאָגט דער כ׳ נ. שטיפ, — אפ וואָס גייט דאָס וואָרט „אירע”, וועמעס נײַסטע שאפונגענ וועלנ „געשטעלט ווערנ”? אינ דער אקטיווער קאָנסטרוקציע (די סטודיע וועט שטעלנ אירע נײַסטע שאפונגענ—מ. ג.) ציט דאָס וואָרט „אירע” צו דער סטודיע. דאָ איז דאָס געמיינט אזוי גוט ווי: אירע אייגענע שאפונגענ (דאָ קענ דאָס נאָכ אויכ אמאָל געווענדט זײַנ אינ דעמ, וואָס פאר א זאצ ס׳שטייט פריִער), אָבער אינ דער פאסיווער קאָנסרוקציע ציט „אירע” לאכלוטנ ניט צו דער סטודיע”... מ׳קענ זיכ אָנשטויסנ, אז „אירע” איז געמיינט דער סטודיעס. ס׳איז אָבער קיינ מוז; אונ ס׳וועט גאָר קיינ וואונדער ניט זײַנ, ווענ א ווייניקער געניטער לייענער וועט זוכנ אונ פרעגנ: וועמעס שאפונגענ וועלנ געשטעלט ווערנ” (דאָרטנ, ז. 50).

די אָנגעצויגנקײַט אונ קינסטלעכקײַט פונ דער דאָזיקער ארגומענטאציע ווארפט זיכ מאמעש אינ די אויגנ. נעמענ מיר די פראזע 2, 1 אינעמ רעאלנ קאָנטעקסט (אונ אפילע אינ דעמ דאָזיקנ זאצ אליינ) וועט עס קיינער ניט טײַטשנ אנדערש, איידער דאָס האָט געמיינט דער אווטער (דאָס האָט געזאָגט א מענטש).

ס׳איז באוווסט, אז די פרעפּאָזיציעס פארטרעטנ די בייגפאָרמעס אינ די שפּראכנ, ווו די סובסטאנטיוונ האָבנ פארלאָרנ זייערע פלעקסיעס (ייִדיש געהער צו דעמ דאָזיקנ טיפּ שפּראכנ), מעמיילע איז שוינ דער באטײַט פונ דער פרעפּאָזיציע אינ די דאָזיקע שפּראכנ פארברייטערט (לעכאטכילע, אורשפּרינגלעכ, האָבנ אלע פרעפּאָזיציעס אויסגעדריקט בלויז באציִונגענ פונ ריכטונג, פונ אָרט).

הײַנט־צו־טאָג גיט טאקע דער „פונ” איבער אינ ייִדיש אויכ דעמ רוסישנ אינ־סטרומענטאל (צ.ב. „דער פאָרשלאג ווערט באגעגנט פונ דער פארזאמלונג מיט שטור־מישע אפּלאָדיסמענטנ” א. ד. גל.).

„פונ” האָט אויכ אנדערע פונקציעס, אָבער דאָס אלצ ליגט שוינ אינ פּלאנ פונ פּאָליסעמיע, וואָס שנײַדט דורכ די שפּראכ אינ דער גאָרער ברייט אונ טיפ. ברעכנ אָט די דאָזיקע אָרגאנישע אייגנשאפט פּרינציפּיעל—פארלאנגט מיסטאמע אויכ ניט דער כ׳ שטיפ. אויב אזוי, איז ווו איז דאָ קאָנסעקווענטקײַט? ווענ „פונ” באטײַט אויסגאנג־פּונקט, אשטייגער, „איכ פאָר פונ שטאָט”—איז גוט, ווענ „פונ” באטײַט „וועגנ”, צומ בײַשפּיל, „איכ רעד פונ דיר”—איז גוט, קוימ אָבער באטײַט „פונ” אויכ דאָס, וואָס אינ רוסיש דער אינסטרומענטאל,— טויג שוינ ניט. פארוואָס? ווייסנ מיר דאָכ, אז די רעאלע רייד, דער קאָנטעקסט ווײַזט שטענדיק די קאָנקרעטע ראָליע פונ דעמ „פונ” (ס׳פארשטייט זיכ, אז דאָס איז שײַעכ ניט דאפקע צו דער פרעפּאָזיציע „פונ”, נאָר אויכ צו אנדערע פרעפּאָזיציעס, אונ ניט בלויז צו פרעפּאָזיציעס אליינ).

נאָכמער בוילעט איז עס מיט דער פראזע 3 („דורכ דער סטודיע וועט געשטעלט ווערנ אירע נײַסטע שאפונגענ”). דעמ אייגנטלעכנ מיינ פונעמ פראָנאָמ דערוויסנ מיר

זיכ דאָ זיכער פונעמ קאָנטעקסט (דערופ איז עס דאָכ א פראָנאָמ!), און דער טעקסט זאָגט גאנצ קלאָר, וואָס איז דאָ געמיינט מיט „אירע“. מע וועט דארפנ פּאָשעט זוכנ מיט ליכט א מענטשנ, וואָס זאָל דאָ צווייפלענ, און אויב עס וועט זיכ יאָ געפינענ אזא „וויניקער געניטער לייענער“, וואָס וועט פרעגנ „וועמעס שאפונגענ וועלנ געשטעלט ווערנ“, האָט עס ניט קיינ שײַכעס צומ פאסיוו. אויכ בא דער אקטיווער קאָנסטרוקציע קענ גילטנ אָט די דאָזיקע „צווײדײַטיקײַט“. איבעריקס, באמערקט דאָכ דער כ׳ נ. שטיפ אלײנ:

„דאָס קענ נאָכ אמאָל זײַנ געווענדט אינ דעמ, וואָס פאר א זאצ ס׳שטייט פריִער“.

אלזאָ, דער אנאליז פונ די צוויי זאצנ פונ דער גרופּע A האָט נאָכ ניט דערוויזנ, אז דער פאסיוו איז דאָ שלעכט. ווי דער כ׳ נ. שטיפ האָט זיכ ניט געגריבלט אינ פײַנקײַטנ, האָט ער נאָכ גאָרניט ארויסגעבראכט עפּעס וואָגיקס קעגנ פאסיוו.

גרופּע B.

4, 3. „זעכצנ אנדערע מענטשנ זײַנענ פארוווּנדעט געוואָרנ, איידער דער בער איז געכאפּט געוואָרנ דורכ די צירקוס־באאמטע“.

a4, a3. „איידער די צירקוס־באאמטע האָבנ געכאפּט דעמ בער“.

5, 4. „די נאטור פונ די שרײַבער אינ „טאָגבלאט“ איז ריכטיק פארשטאנענ געוואָרנ דורכ אונדזערע לעזער“.

a5, 4. „אונדזערע לעזער האָבנ ריכטיק פארשטאנענ די נאטור פונ די שרײַבער אינ „טאָגבלאט“ („ייִדישע סטיליסטיק“, ז. 38).

דאָ איז שוינ די זאכ קאָמפּליצירטער. מיטנ איבערבויענ די זאצנ (אלס מוסטער האָבנ מיר געבראכט בלויז צוויי) אינ אקטיווע ענדערט זיכ שוינ די וואָרטשטעלונג און דערמיט אויכ די דאָמינירנדיקע פאָרשטעלונג (לויט דער טערמינאָלאָגיע פונ כ׳ נ. שטיפ), דעריבער גייט שוינ עפּעס פארלאָרנ. קענ דאָס אמאָל עפּשער זײַנ צומ גונסטנ פארנ פאסיוו, זאָגנ פאר זײַנ בארעכטיקונג אינ דער שפראכ?

כ׳ נ. שטיפ האלט, אז ניט.

קעדיי עס זאָל אָבער זײַנ קלאָר, וועגנ וואָס עס האנדלט זיכ, לאָמיר פארגלײַכנ.

6. דער דאָקטער האָט אָפּגעראטעוועט דעמ קראנקנ.

7. דער קראנקער איז אָפּגעראטעוועט געוואָרנ דורכנ דאָקטער.

דער אונטערשייד איז דאָ אינ דער ריכטונג פונ דער האנדלונג, אינ דער ריכטונג פונ דער טעטיקײַט.

א באשטימטע האנדלונג קענ מענ באטראכטנ פונ פארשיידענע שטאנדפּונקטנ: ערשטנס, פונעמ ארויסגאנג־פּונקט, צווייטנס פונעמ ציל־פּונקט, ד. ה. פונעמ פּונקט, צו וועלכנ זי שטרעבט.

ווענ מיר דענקענ „ראטעווענ“ אלס טעטיקײַט, וואָס באוועגט זיכ צווישנ צוויי פּונקטנ—„דאָקטער“ און „קראנקער“—איז די לאגע אזא: גייענ מיר ארויס פונעמ שטאנדפּונקט פונעמ „דאָקטער“ אלס ארויסגאנג־פּונקט פונ דער טעטיקײַט, זאָגנ מיר: „דער דאָקטער האָט אָפּגעראטעוועט דעמ קראנקנ“; שטעלנ מיר זיכ אָבער אפנ אָרט פונעמ „קראנקנ“, הייסט דער זאצ: „דער קראנקער איז אָפּגעראטעוועט געוואָרנ דורכנ דאָקטער“.

די פאסיווע קאָנסטרוקציע שאפט אזויארומ די מעגלעכקײַט צו דיפערענצירנ די באטראכטונג פונ דער ווערבאל־טעטיקײַט (ציל־פּונקט — ארויסגאנג־פּונקט).

און אז אזא דיפערענציאַציע איז נוציק, איז זיך לײַכט צו איבערצײַגן פון די עטלעכע בײַשפּילן:

8. „אינעם קאַמף פאַרן פּלאַן פונעם צווייטן פינפיאָר וועלן אַרײַנגעצויגן ווערן נײַע און נײַע מיליאָנען אַרבעטנדיקע פון אונדזער לאַנד, און די מאָסקווער באָלשעוויקעס זײַנען פעסט זיכער, אַז די גרויסע אויפגאַבעס פון אונדזער עפּאָכע וועלן פולשטענדיק און צום טערמין געלייזט ווערן דורך די אָנשטרענגונגען און דער מעכטיקער ענערגיע פונעם פּראָלעטאַריאַט און קאָלווירטישן פויערטום". (צ.)

9. „די בורזשואַזיע הייבט אָן צעריסן ווערן פון אירע ווידערשפּרוכן". (צ.)

דאָ איז דער אויסגאַנג־פּונקט אינעם דריטן זאַץ פון דער פראַזע 8 „די גרויסע אויפגאַבעס פון אונדזער עפּאָכע", פון פראַזע 9 — „די בורזשואַזיע". דער אינהאַלט, די גאַנצע עקספּרעסיווע באַפאַרבונג וואָלט געליטן, ווען די דאָזיקע שאַטירונג וואָלט פאַרווישט געוואָרן.

נאָר דאָס באַרעכטיקט נאָך ניט לויט נ. שטיפן דעם פּאַסיוו, ווײַל מע קען צו דעם, מיינט ער, דערגרייכן מיט אַנדערע מיטלען — דורכן ווערטערסיידער (וואָרט־שטעלונג).

אַשטייגער, בײַשפּיל 10, 8.

„דער איקער באַשטייט אין דעם, וואָס... די צוועקמעסיקע דירעקטיוון ווערט געגעבן מיצד דעם נײַעם קאָלעקטיוון באַלעבאָס, מיצד דעם באַוווסטזיניקן געזעלשאַפטלעכן קלאַס („יידישע סטיליסטיק", ז. 39).

גיט דאָ דער כ' נ. שטיף צוויי וואַריאַנטן:

„10א, 8. דער איקער באַשטייט אין דעם (דער איקער איז), וואָס די צוועקמעסיקע דירעקטיוון גיט דער נײַער קאָלעקטיווער באַלעבאָס, דער באַוווסטזיניקער געזעלשאַפטלעכער קלאַס.

10ב, 8. דער איקער איז, וואָס דער נײַער קאָלעקטיווער באַלעבאָס, דער באַוווסטזיניקער געזעלשאַפטלעכער קלאַס, — ער (דער) גיט די צוועקמעסיקע דירעקטיוו" (דאָרטן).

און דערבײַ גיט ער צו:

„אין דעם וואַריאַנט א'... שטייען די דאָזיקע זאַצגרופּעס אָפּ דעם זעלבן אָרט, ד. ה. סאָף זאַץ, דערפאַר האָבן מיר דאָ אַן אומדירעקטע וואָרטשטעלונג (פריִער דער אָביעקט: דער סוביעקט שטייט גאָר צום סאָף אויפן דריטן אָרט); דאָס זעט אויס אַביסל אָנגעצויגן. אין וואַריאַנט ב' שטייען די דאָזיקע צוויי סוביעקט־גרופּעס אין אָנהייב, מעמיילע קלינגט דער זאַץ נאַטירלעכער, פרײַער. די באַטאָנונג גיט דאָ דער אַרײַנגעבראַכטער נײַער זאַצגליד „ער" (אָדער: „דער")" (דאָרטן, ז. 46).

צי קען מען איגנאָרירן דעם גראַמאַטישן מאָמענט, אָט דאָס, וואָס דער פאַקטישער טוער דערשײַנט אין דער פּאַסיווער קאָנסטרוקציע אַלס גראַמאַטישער אָביעקט, און דער פאַקטישער אָביעקט אַלס גראַמאַטישער סוביעקט?

איך מיין, אַז ניט. איך מיין, אַז דאָס האָט אַ באַשטימטן סטיליסטישן אָפּקלאַנג.

11. „דער גאַנצער כרעסטאָמאַטישער מאַטעריאַל, אויסער „מאָטל פּייסיס" (ש. בריאַנסקי) און די פאָלקלאָר־טעקסטן, זײַנען צונויפגעשטעלט געוואָרן דורך מ. מיזשיריצקי" (פון אַ כרעסטאָמאַטיע).

11a. „דעם גאַנצן כרעסטאָמאַטישן מאַטעריאַל, אויסער „מאָטל פּייסיס" (ש. בריאַנסקי) און די פאָלקלאָר־טעקסטן, האָט צונויפגעשטעלט מ. מיזשיריצקי".

באַ דער גאָרער אויסגלײַכונג, וואָס איז פאַראַן צווישן די ביידע קאָנסטרוקציעס, שטעלן זיי דאָך ניט פאָר איינס־און דאָס זעלביקע.

דער לאָגישער אָביעקט אין דער פּאַסיווער קאָנסטרוקציע (וואָס דערשיינט אַלס גראַמאַטישער סוביעקט) ווערט אַזוי צו זאָגן פּאָשעט „אַקטיווער".

קעדיי אויסצומײַדן מיספאַרשטייעניש, איז נייטיק אויסצוטײַטשן, וואָס איז מיט דעם געמיינט. ביקלאַל קוואַליפיצירן מיר דעם אָביעקט, אַלס דעם אופנעמער פון דער טווּנג. דער אָביעקט, זאָגן מיר, איז די זאַך, אויף וועלכער ס'פאַלט די טווּנג, די זאַך, וועלכע ווערט באַהערשט, פאַרכאַפּט פון דער טווּנג. אַלזאָ, דער אָביעקט איז בעעצעם אַ פּאַסיווע קאַטעגאָריע. אַזויאַרום, האָבן מיר אין דער אַקטיווער קאָנסטרוקציע צוויי עלעמענטן — אַן אַקטיוון (סוביעקט) און אַ פּאַסיוון (אָביעקט). די ראָליעס זײַנען דאָ שאַרף דיפערענצירט, זיי זײַנען דאָ „גלײַכמעסיק פאַר־טיילט" (לאָמיר זאָגן: דער סוביעקט מיט אַ צייכן פּליוס, דער אָביעקט מיט אַ צייכן מינוס).

אין דער פּאַסיווער קאָנסטרוקציע ווערט אָט די אויסגעשפּראָכענע פאַרטיילונג פון די ראָליעס אַביסל אָפּגעבלאַסט: ס'ווערט געבראָכן אָט דאָס דאָזיקע גלײַכגעוויכט. דער אַקטיווער עלעמענט הייבט אָן ווערן ווייניקער עגאָצענטריש, כ'וואָלט זיך מע־טאַפּאָריש אויסגעדריקט — „דער טוער ווערט אַביסל באַשיידענער". — דער פּאַסיווער עלעמענט, ד.ה. דער לאָגישער אָביעקט איז שוין דאָ אַ צענטראַלערע פיגור, אים ווערן איבערגעגעבן מער אָרגאַניזאַטאָרישע פונקציעס אין דער פראַזע (מיט אים קומט אין מיטשטימונג דער פּרעדיקאַט אין צאָל, פּערזאָן — אַ נאָמינאַטיוו, מיט איין וואָרט, ער ווערט אַ גראַמאַטישער סוביעקט). אין דעם פראַט קען מען זאָגן, אַז זײַן ראָליע איז אַן „אַקטיווערע", זײַן פּאַסיווקייט, די עמעסע, ווערט ווי „פאַרמאַסקירט", פּונקט אַזוי ווי עס ווערט טיילווײַז פאַרמאַסקירט די פּאַקטישע אַקטיווקייט פון דעם טוער. כוצ־דעם, ווערט, דוכט מיר, רעליעפער די עצעם טווּנג, דער דריטער עלעמענט, ער נעמט אויף זיך אַריבער די ענערגיע און קראַפט פונעם לאָגישן סוביעקט. (זע פריער אויף זײַט 24 כ' שטיפס פּונקט 2 — דער כיסאָרן גייט אַריבער אין אַ מײַלע).

דאָס אַלץ איז אַן אַרויסווײַז פון שפּראַך־רײַכקייט, פון שפּראַך־בייגעוודיקײַט, און ניט פאַרקערט.

אַזויאַרום, בײַ אַלע מאַנעווּרירונגען פון אויסגלײַכן דעם אַקטיוו מיטן פּאַסיוו (און אַז דאָס איז ניט גאָר גרינג, האָבן מיר שוין געזאָגט), קען מען ניט אין די דאָזיקע קאָנסטרוקציעס אַוועקמאַכן מיט דער האַנט אויך דעם אונטערשייד אין דער גראַמאַ־טישער אויספורעמונג.

דער כ' שטיפּ וויל פון דעם אַלעם ניט וויסן. ער זעט אין דעם פּאַסיוו אַ וועג־זנטלעכן פעלער. „ס'שטימט ניט מיט די רעאַלע פאָרשטעלונגען, מיט אונדזער לאָגישן געדאַנקענגאַנג".

דאַרף דאָ געזאָגט ווערן אָט וואָס:

אויב אַזוי, איז בײַם כ' נ. שטיפּ גופע פאַראַן אַ באַשטימטע ווידערשפּרעכלעכ־קײַט, ער אַליין איז ניט קאָנסעקווענט אין זײַנע סטיליסטישע דיקטירונגען.

אינדערעמעסן, ווײַבאַלד די אַקטיווע און פּאַסיווע קאָנסטרוקציע ווערט באַטראַכט אויסשליסלעך אינעם לאָגישן אַספּעקט (דאָס הייסט — דער פּאַסיוו טויג ניט, ווײַל ער שטימט ניט מיט אונדזער לאָגישן געדאַנק), דאַרף שוין די רעוויזיע אין דער שפּראַך געמאַכט ווערן אין אַ פיל ברייטערן פאַרנעם.

מיר נעמענ, אשטייגער, אזוינע צוויי זאצנ:

12. „איכ לייענ א צײַטונג“.

13. „אזוי זאָגט צו מיר מײַנ ברודער עליע אונ (איכ) כאפּ פונ אימ א געשמאקנ פּאטש“ (ש״א).

פונעמ לאָגישנ שטאנדפּונקט איז דער צווייטער זאצ א פּאסיווער, וואָרעמ דער פאקטישער סוביעקט איז דאָ „פונ אימ“. ער איז דער טוער פונ דער טוונג. „איכ“ איז דער אָביעקט.

דעריבער האָט מענ אויכ אזוינע טיפּנ זאצנ געדארפט באקעמפנ. אויב דער כ׳ נ. שטיפּ טוט עס ניט, איז עס דערפאר, ווײַל שפּראכלעכ איז דער זאצ דערלאנגט אינ אנ אקטיווער פאָרמ.

הייסט עס, אז דאָ איז וויכטיקער פארנ כ׳ נ. שטיפּ די גראמאטישע אויספורעמונג: ס׳איז פאָרמעל אנ אקטיווע קאָנסטרוקציע, איז עס מעמײלע ניט אָפּגעפרעגט, מעמײלע איז עס גוט.

אָבער ווי נאָר מיר באגעגענענ זיכ מיט קאָמפּליצירטערע גראמאטישע אויסבילדונגענ—מיטנ פּאסיוו, דאָ ווערט שוינ ביז גאָר אקטיוו באמ כ׳ שטיפּ דער לאָגיציסט—ער שרײַט אויס מיט פאראכטונג: „סטײַטש, ס׳איז דאָכ קעגנ דעמ מענטשלעכנ פארשטאנד, ס׳איז דאָכ א גראמאטישע קונצשטיק“.

אזוינע ניט־קאָנסעקווענטקײַטנ זײַנענ אומפארמײַדלעכ, ווענ מע גייט צו צו דער שפּראכ אבסטראקט, ווענ מע איגנאָרירט דיווירקלעכע פּראָצעסנ פונ איר אנטוויקלונג, ווענ מע פּאסט אײַנ אלע שפּראכ־אָנשיכטונגענ אינ א וועלכער ס׳ניט איז לאָגישער סכעמע.

אינדערעמעסנ, ווי דארפ מענ באטראכטנ דעמ פּאסיוו היסטאָריש גענומענ, צי דענ איז ער טאקע בלויז אנ אויסטראכטעניש פונ פענ־מענטשנ, אנ איבערגעקערטע אקטיווע קאָנסטרוקציע?

אָט וואָס עס זאָגט וועגנ דעמ דער אקאדעמיקער נ. יא. מ א ר:

„מיטנ אופקומ פונעמ קאָלעקטיוונ אייגנטומ הייבט זיכ אָנ די צעגלידערונג פונ דער טעטיקײַט אפנ נאָמענ פונ די אָנטיילנעמער פונ דער פּראָדוקציע (אקטיוו) אונ אפנ נאָמענ פונעמ רעזולטאט פונ דער טעטיקײַט פונ דער פּראָדוקציע (פּאסיוו).

דערנאָכ איז אינ צוזאמענהאנג מיט דעמ, וואָס די פּראָדוקציע מאכט א שפּרונג אפ א העכערער שטופע, ווערט דער פּאסיוו פאנאנדערגעגלידערט אפ צוויי דיפערענצירטע אָביעקטנ (לויט צוויי קעגנזאצנ — גאנצע אונ טייל), — דירעקטער אָביעקט אונ אומדירעקטער, אונ דער אקטיוו אפ צוויי סוביעקטנ,—קאָלעקטיווער טאָטעמ אָדער זאמל־טאָטעמ אונ טיילווײַזער טאָטעמ: דאָס לעצטע (טיילווײַזער טאָטעמ—מ. ג.) — אינ פארבינדונג מיטנ אופקומ פונ גרופּנ־אייגנטומ. מיט דעמ איז פארבונדנ, פונ איינ זײַט, די אנטשפּרעכיקע אויספורעמונג פונ דער טעטיקײַט, פונ דעמ אזויגערופענעמ פּרעדיקאטיווג ווערב אינ צוויי קעגנזאצנ, וואָס ווערט אינ דער גראמאטיק באצייכנט אלס אקטיווער אונ פּאסיווער מאָדוס“ (действительный и страдательный залог)[1].

דער פּאסיוו, הייסט עס, איז אזוי אלט אינ דער שפּראכ, ווי דער אקטיוו. ער איז אופגעקומענ אינ ענגער פארבינדונג מיט די סאָציאל־עקאָנאָמישע פארהעלטענישנ (קאָלעקטיוו אייגנטומ), אונ פונ יענע גראָ־גרויע צײַטנ גייט ער פונ דער שפּראכ ניט פארלאָרנ, פארקערט, דער גראמאטיקאליזאציע־פּראָצעס (פּראָצעס פונ גראמאטישע

[1]) Н. Я. Марр. Наука и современность, стр. 15.

אויסבילדונגען) אין דער שפּראַך שאַפט פאַר אים אַ ספּעציעלע פאָרם (אין ייִדיש, אַשטייגער, הילפֿווערב „ווערן" אָדער „זײַן" פּליוס פּאַרטיציפּ).

און די דאָזיקע גראַמאַטישע קאַטעגאָריע פאַרבלײַבט אין אונדזער שפּראַך הײַנט־צו־טאָג ניט ווי אַן אָפּגעלעבטער רודימענט, „אַן אָנדענק פון דורעס", נאָר זי איז גאַנץ עפעקטיוו פונקציאָנעל (ווי מיר האָבן עס פריִער געזען). די שפּראַך־קאָנסטרוקציע פון איין סטאַדיע גייט אַריבער אין אַ נײַער עפּאָכע שוין מיט אַ נײַער קוואַליטעט, ס'קומט פאָר אין דער שפּראַך אַ דיִאַלעקטישע אַנטוויקלונג, פונקט ווי אין דער גאָר־דער געזעלשאַפטלעכקײַט. אָט דאָס אַלץ דיסקאָנטירט ניט דער כ' נ. שטיף, ער אידענטיפיצירט פּאָשעט שפּראַך מיט לאָגיק און מיינט, אַז די שפּראַך איז אַ פּראָדוקט פון לאָגיק, און אויב אַזוי, קען שוין מעמילע די „העכערע לאָגיק" אַרײַנטראָגן אין איר קאָרעקטיוון. דאָס איז אַ שטאַנדפּונקט, וואָס דערמאָנט די ראַציאָנאַליסטן פון עם 18—19 י.ה. מיט זייער אידייע פון שאַפן אַן אוניווערסאַלע גראַמאַטיק [1].

און אָט דער פאַלשער שטאַנדפּונקט נ. שטיפס פון אידענטיפיצירן שפּראַך מיט לאָגיק ברענגט אים צו אַ צווייטן פאַרפירערישן טעזיס.

פילנדיק, ווײַזט אויס, אַז דער פּאַסיוו איז נאָך ניט גענוג „קאָמפּראָמעטירט", לאָזט ער ענדלעך אויס:

„אָבער די גרעסטע, די שווערסטע זינד פון דער פּאַסיווער קאָנסטרוקציע איז, וואָס זי איז פּאַסיוו. אַקטיוו און פּאַסיוו איז ניט בלויז גראַמאַטישע באַגריפן,— דאָס איז פּ ס י כ אָ ל אָ ג י ש ע באַגריפן, ל ע ב נ ס ־ ב אַ ג ר י פ ן...

נאָך גרעסער איז די זינד, וואָס פאַר דער פּאַסיווער קאָנסטרוקציע האָט מען זיך אָנגעכאַפּט אין א ו נ ד ז ע ר צײַט, אין דער פּ ר ע ס ע, אין דער ס אָ ו ו ע ט י ש ע ר צײַטונג, בראָשור. פאַר אונדזער געדענקען איז נאָך דאָס לעבן קיינמאָל, אינערגעץ ניט געווען אַזוי אַקטיוו, אַזוי קעמפעריש, אַזוי אָנגעשטאָלט, ווי בײַ אונדז איצט" („ייִדישע סטיליסטיק", ז. 55—56).

ווי ס'איז שוין אָבער געזאָגט, איז מיט דער פּאַסיווער קאָנסטרוקציע די לאַגע גאָר ניט אַזוי איינפאַך (ס'איז ניט סטאַם פּאַסיוו). מיר האָבן דאָ אַן איבערבליק פון אַלע עלעמענטן. ס'איז הויפּטזאַכלעך אַ פראַגע פון דער ריכטונג, אַזוי אַז די עצם טערמינאָלאָגיע (אַקטיוו—פּאַסיוו) איז ניט אינגאַנצן קיין פּאַסיקע. אָט, אַשטייגער, וואָס עס שרײַבן וועגן דעם ל. ליוטערליך און אַ. וואַג:

„די דאָזיקע אויסדרוקן — פּאַסיווער מאָדוס, אַקטיווער מאָדוס — זײַנען טאַקע גענומען ניט צוועקמעסיק. אַ ווערבאַלע פאָרם, ווי— איך ליַיד, איך בין קראַנק געווען, וואָס פאַר זיך גענומען פאַרצייכנט זי ליידן, איז לויט איר שפּראַכלעכער געשטאַלט ניט פּאַסיוו, נאָר אַקטיוו... פּינקטלעכער איז צו באַצייכענען די ליַיד־פאָרם אַלס די פאָרם, וואָס באַטראַכט אַ ווערבאַל־טעטיקייט פון איר ציל־פּונקט, און ניט פון איר אויסגאַנג־פּונקט גענומען. אָנגעמאָסטענער וואָלט געווען די אַקטיווע פאָרם צו רופן גרונט־פאָרם פון ווערב און די פּאַסיווע וועט זײַן די פאָרם פון דער קעגנריכטונג. אָנשטאָט דעם אויסדרוק „2־טע ריכטונג פון דער האַנדלונג", אַלס צוזאַמענפאַסונג פאַר אַקטיוו און פּאַסיוו, ווערט אויך געברויכט „אָנטייל־פאָרם", — די דאָזיקע פאָרמעס ווײַזן דאָך צי דער סוביעקט נעמט אָנטייל אין דער האַנדלונג, אַלס אויסגאַנג־פּונקט, צי אַלס ציל־פּונקט..."

[1]) ס'איז קעדײַ דאָ צו באַמערקן, אַז אפילע פּאָסלער, מיט וועמען כ' נ. שטיף האָט פיל געמיינזאַמס, איז ניט דערגאַנגען צו אַזאַ מין פּרימיטיוויזם. אָט וואָס ער זאָגט: „איך אָבן אַ פאַרגלײַכיקער שפּראַך־פאָרשונג קען דאָ דער ערשטער בלויז לערנען, אַז די שפּראַך־אַנטוויקלונג איז ניט קיין זאַך פון דער לאָגיק, אַז עס איז ניטאָ קיין פילאָסאָפישע גראַמאַטיק".

און פריִער אביסל:

„בא א טעטיקייט קען אויך קומען אין באטראכט די ריכטונג, אין וועלכער זי באוועגט זיך. א באשטימטע האנדלונג קען מען באטראכטן פון איר אויסגאנג־פונקט, אָבער אויך פון דעם פונקט, צו וועלכן זי שטרעבט"[1]).

אויב דער פאסיוו איז כאראקטעריסטיש בלויז מיט דעם, וואָס ער ווייזט דעם ציל־פונקט, צו וועלכן מע שטרעבט, איז ער שוין גאָרניט שלעכט פאר אונדזער צייט, וואָס איז קעמפעריש, וואָס איז דורכויס צילגעווענדט, און מיר וועקן טאקע דורך דער פאסיווער קאָנסטרוקציע—אקטיווקייט. ס'איז גאָרניט קיין קאפריז פון אונדזער פרעסע, וואָס זי פאָרמולירט אָפט לאָזונגען, דירעקטיוון דורכן פאסיוו: „דער־אינדפינפלאן מוז אויסגעפירט ווערן דורך אלע ארבעטנדיקע"; „כ' סטאלינס 6 אָנווייזונגען דארפן דורכגעארבעט ווערן דורך אלעמען". דער ווידערשפרוך, וואָס דער כ' נ. שטיף זעט דאָ איין, איז דאָ ניט אזא, וואָס „לייגט זיך ניט אף דער צונג", וואָס פארדארבט די שפראך. מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אזא ווידערשפרוך, וואָס פירט די שפראך צו א העכערן סינטעז.

דאָס ניט צונויפאלן פון דער פאָרם מיט דער פונקציע (אזוינע פאלן איז אין דער שפראך פאראן זייער פיל) גיט נייע מעגלעכקייטן דער שפראך, מאכט זי ביי־געוודיקער און פילפארביקער.

אז נ. שטיפס סטיליסטישע ליניע פירט צו שפראך־פאראָרעמונג איז אמבוילעט־סטן צו זען פון זיין באציִונג צום האלבן פאסיוו. עמעס, דאָ איז ער פיל מילדער. אָט וואָס ער זאָגט:

„דער דאָזיקער טיפ—די האלב־פאסיווע קאָנסטרוקציע—קלינגט אונדז ניט אזוי שלעכט, ניט אזוי פרעמד, ווי די פולע פאסיווע קאָנסטרוקציע... דאָס נעמט זיך קוידעמקאָל דערפון, וואָס דאָ איז ניט איבערגעקערט דער סוביעקט פון דער האנדלונג אין דער אקטיווער קאָנסטרוקציע, ווייל דער סוביעקט פעלט דאָ גאָר. ס'איז ניט בלויז איין ניט־איבערגעקערטער זאצגליד ווייניקער;—ס'איז ניט איבערגעקערט איינער פון די וויכטיקסטע זאצגלידער, דער טוער;—מעמיילע פעלט זיך שוין דאָ א גרויסער טייל בייז, וואָס גרילצט און רייצט אין דער פולער פאסיווער קאָנסטרוקציע. העיויס ווידער ווי מע דארף שוין ניט אָנקומען צום „דורך" און „פון" אפ צו מאכן פון דעם לאָגישן סוביעקט א גראמאטישן אָביעקט („קאָנפיסקירט געוואָרן פון דער פאָליציי", אָנשטאָט „די פאָליציי האָט קאָנפיסקירט"), מעמיילע לאָזט זיך שוין דאָ אויסמיידן די אומקלאָרקייטן, וואָס די קאָמבינאציעס מיט „דורך" און „פון" ברענגען מיט זיך אָפטמאָל" (יִדישע סטיליסטיק", ז. 60—61).

איז ווי האלט שטיף וועגן דער דאָזיקער קאָנסטרוקציע? מע קען זי—האלט ער—בלויז דולדן.

„אָבער „ניט אזוי שלעכט" הייסט נאָך ניט גוט, נאָרמאל (מיין אונטערשטרייכונג—מ. ג.). ס'איז נאטירלעכער, — יעדנפאל, אין א גרויסן טייל פאלן, — צו שרייבן מיט דער אקטיווער קאָנסטרוקציע, אפילע ווען מיר האָבן קיין קאָנקרעטן סוביעקט ניט, ווייל אזוי, אין אן אקטיווער פאָרמע, דענקען מיר געוויינלעך, ווייל אזוי מיידן מיר אויס דאָס בייז, וואָס דער אָביעקט פון דער האנדלונג (דער נומער פון דער צייטונג) ווערט א סוביעקט, — זאָל זיין אפילע א גראמאטישער. סאָפקאָלסאָפ קומען דאָ פאָר באם לייענער, באם הערער דער זעלביקער פראָצעס, וואָס בא דער פולער פאסיווער קאָנסטרוקציע.

---

[1]) Deutsche Sprasche für höhere Lehranstalten. Dr. L. Lütterlich und Dr A. Waag, achte unveränderte Auflage 1925, S. 97.

מע לייענט, מע הערט:

„דער נומער „ראָטע פאנע" איז קאָנפיסקירט געוואָרן",

און אין קאָפּ קערט מען עס איבער:

„דעם נומער „ראָטע פאנע" האָט מען קאָנפיסקירט"...

קורץ, עפּעס א סוביעקט האָבן מיר אין זינען, און ס'איז נאטירלעך, אז דאָס טועכץ פון דעם סוביעקט זאָל דערגיין צו אונדז אין אן אקטיווער פאָרמע, די גראמאטישע פאָרמע זאָל שטימען מיט דער לאָגישער" (דאָרטן, ז, 61; מײַן אונטערשטרײַכונג—מ. ג).

ווידער דאָס אייגענע „דאָס טועכץ פון דעם סוביעקט זאָל דערגיין צו אונדז אין אן אקטיווער פאָרמע", אָבער דאפקע באַם האלבן פאסיוו, אפ וויפל ס'פעלט איין עלעמענט — דער טוער, איז טאקע דער „פאסיווער ווערב" ביז גאָר „אקטיוו". אויב באַם פולן פאסיוו, ווי ס'איז שוין דאָ געווען דערמאנט, ווערט די טווּנג שארפער, רעליעפער, איז אָפּגערעדט שוין באַם האלבן פאסיוו, דאָ ווערט די גאָרע קראפט פון טוער אריבערגעטראָגן אפ דער טווּנג. דער כ' נ. שטיף פלאָנטערט דאָ ווידער צווישן פאָרם און אינהאלט אין שפּראך.

ווײַטער, ווי מע האָט שוין אין יענער צײַט אופמערקזאם געמאכט [1], דערשאצט דאָ ניט דער כ' שטיף די רעאלע שפּראך־פאקטן, וואָרעם גראָד דער האלבער פאסיוו איז טאקע אויך נוציק מיט דעם, וואָס ער גיט די מעגלעכקײַט צו פארשווײַגן דעם לאָגישן סוביעקט (ווען דאָס איז נייטיק), צ.ב „דער כ' וו. ווערט ארויסגערופן אין צ.ק.ק.", „דער כ' וו. ווערט געבעטן ארײַנצוקומען אין רעדאקציע", „איר ווערט געבעטן צו אונדז אפ א גלעזל טיי" א.אז.וו.

פרעגט זיך, מיט וואָס איז עס שלעכט, אויב די שפּראך איז דערגאנגען צו אזא שטופע, אז זי קאָן זיך באגיין אָן דעם אנאָנימען „מע", מיט וואָס איז עס שלעכט, אויב די שפּראך גיט די מעגלעכקײַט זיך צו באפרײַען פון איבעריקע אָנלאָדונגען? [2].

וועגן דער פאסיווער קאָנסטרוקציע האָט אין דער יידישער סטיליסטישער ליטעראטור אויך געשריבן דער כ' א. זארעצקי („גרײַזן און ספייקעס", ז. 38).

דער כ' זארעצקי איז אויך געווען קעגן דעם פאסיוו. אָט וואָס ער שרײַבט:

„ס'איז, דוכט זיך, ניט נייטיק צו דערווײַזן, אז „אלע קינדער ביז 15 יאָר האָט דער פאָלקאָמביל̄ד גענומען אפ דיסקאָנט" איז נאטירלעכער, יידישלעכער, פּראָסטער און, וואָס איר ווילט אליין, איידער דער געקינצלטער, ספּעציפיש־פאפירענער, קאנצעליארישער זאצבוי: „אלע קינדער ביז 15 יאָר זײַנען דורכן פאָלקאָמבילד גענומען אפן דיסקאָנט".

ער איז אָבער אביסל פאָרזיכטיקער, ווי נ. שטיף:

„מ'קען זאָגן: „איך זע דיך" אָדער: „דו ווערסט געזען פון מיר". די ערשטע קאָנסטרוקציע (זאצבוי) הייסט אקטיוו, די צווייטע—פאסיוו. און פאסיוו איז דער עמעסער טוער (איך) אויסגעדריקט אין וואָרט „מיר" מיט דער פּראָפּאָזיציע „פון". דער פאסיוו קלינגט דאָסראָוו שווער (מײַן אונטערשטרײַכונג—מ. ג.), אמאָל אפילע האמעטנע".

---

[1]) ע. פאלקאָוויטש. „צי דארף מען דעם פאסיוו?" („יידישע שפּראך" 1928, נומ. 6 (13),

[2]) „מע" שטאמט פון „מאן" (מענטש). אין דײַטש נאָך הײַנט־צו־טאָג—„Man" צ.ב. „Man sagte". אָבער אויך דאָרטן ווערט ער געברויכט שוין ניט אינעם אייגנטלעכן באטײַט. דאָס איז טאקע א באווײַז, אז די שפּראך וויל דאָ אויסמײַדן דעם קאָנקרעטן סוביעקט.

דאָס זײַנענ די אײנציקע ערטער, ווו דער כ׳ א. זארעצקי פּרווט באגרינדנ זײַנ שטאנדפּונקט. דער דאָזיקער שטאנדפּונקט זײַנער ווערט אָבער קלאָרער בא דעמ אנאליז פונ די קאָנקרעטע מוסטערנ, וואָס ער ברענגט. ערשטנס, דערווײַזט ער, אז אינ אײניקע פאלנ איז אפילע גלײַכער אָנצוקומענ צומ פאסיוו אײדער צומ אקטיוו, ווי אשטײגער, צו אזא אקטיווער קאָנסטרוקציע: „די ארבעט פירט אָנ די קאָמפּארטײ", וואָרעמ ס׳מאכט מײנענ, אז די ארבעט איז דאָ דער סוביעקט [1].

צווײטנס, פּרווט ער די מוסטערנ מיטנ שלעכטנ פאסיוו אויסרעגולירנ, ווו ס׳איז מעגלעכ, אינ די ראמענ פונעמ פאסיוו גופע, אשטײגער, מיט „דורכ" אָנשטאָט „פונ" א. אז. וו.

אזויארומ, זעענ מיר, אז כאָטש דער כ׳ א. זארעצקי אָפּערירט דאנ מיט אזוינע נאציאָ־נאליסטישע קריטעריעס, ווי ייִדישלעכקײַט אונ ניט־ייִדישלעכקײַט, דאָכ איז בא אימ אינ דער פּראקטישער אונטערזוכונג פאראנ מער באטראכטקײַט אונ בײגעוודיקײַט, ווי בא כ׳ שטיפנ. שטיפ זעט אָבער אינ דעמ אײַנ א. זארעצקיס פאָרמאליזמ. שטיפ האלט, אז ער האָט אינ דעמ פראט די פּראָבלעמ געשטעלט פיל טיפער. אָט וואָס ער שרײַבט:

„פונ די דאָזיקע טעזיסנ וועט דער לײענער קלאָר ארויסזענ דעמ כילעק, וויאזוי כ׳ א. זא־רעצקי אונ איכ באנעמענ די פאסיווע זאצ־קאָנסטרוקציע. כ׳ זארעצקי פילט די אומנאטירלעכקײַט אינ דער דאָזיקער קאָנסטרוקציע... אונ האלט, אז עס איז פאראנ פאלנ, ווענ אָנ דער דאָזיקער זאצ־קאָנסטרוקציע קענ מענ זיכ ניט באגײנ. איכ האָב געפּרווט ווײַזנ, אז די פאסיווע זאצ־קאָנ־סטרוקציע איז א ווילדע, אנ איבעריקע זאכ אינ יעדער שפּראכ, יעדנפאלס אינ דער צײַטונג־שפּראכ, ס׳איז דער כילעק פונ פאָרמאלער גראמאטיק אונ סטיליסטיק" [2].

זײַנ גאָרע קאטעגאָרישקײַט (אז די פאסיווע קאָנסטרוקציע איז א ווילדע זאכ, אז מע קענ זיכ שטענדיק באגײנ אָנ איר) באגרינדעט דער כ׳ נ. שטיפ אזוי:

„צי קענ מענ ביקלאל אויסקומענ אָנ דער פאסיווער קאָנסטרוקציע?

איכ האָב שוינ פריִער דערמאנט: ס׳איז פאראנ א מײנונג, אז ניט. א. זארעצקי, אשטײגער („גרײַזנ אונ ספּײקעס", ז. 41), פאָרמולירט דאָס ניט פאר קײנ קלאל; ס׳איז שוינ אָבער גענוג, וואָס ער ברענגט עטלעכע פאלנ אונ זאָגט אפ זײ: דאָ מוז מענ אָנקומענ צומ פאסיוונ זאצבוי. דאָס איז א גרינטלעכער טאָעס, אונ ער שטאמט פונ דעמ „גראמאטישנ שטאנדפּונקט". שוינ

איבעריקס, באמערקט דער כ׳ נ. שטיפ אלײנ: „פאָרמעל גראמאטיש איז אינ a28 פאראנ א סוביעקט „מע" („מע האָט קאָנפיסקירט דעמ נומער „ראָטע פאנע"), פאר אונדזער דענקענ הערט דאָס אָבער ניט אופ צו זײַנ אנ „אומפערזענלעכער זאצ", ווײַל „מע" איז אומבאשטימט: ס׳פעלט דער קאָנקרעטער טוער. אפ רוסיש, אשטײגער, וואָלט מענ געזאָגט конфисковали אָנ א „גראמאטישנ סוביעקט אויכ" (זע די פּוס־נאָטיצ אפ זײַט 60 „ייִדישע סטיליסטיק"). הײסט עס, אז "конфисковали" איז ניט שלעכט (כאָטש ס׳פעלט דער סוביעקט).

[1]) אויב אינ אָט דעמ בײַשפּיל איז עס אָנגעצויגנ, איז אָבער ביקלאל דער כ׳ א. זארעצקי ניט אומגערעכט: אינ „די מאמע האָט ליב די טאָכטער" איז די פאָרמעלע צווײדײַטיקײַט שוינ „באטירלעכער". אָדער, אשטײגער, אינ רוסיש Бездеятельность районных организаций разду-вает активность классового врага· קעדײ עס אויסצומײַדנ, קענ מענ אָפּטמאָל אָנקומענ צומ פאסיוו: „די מאמע איז געליבט דורכ דער טאָכטער", „די טאָכטער איז געליבט דורכ דער מאמענ" — אויכ אנטשפּרעכיק אינ דער רוסישער פּראזע. אגעוו, זײַנענ דאָסראָוו בײַשפּילנ, וואָס כ׳ א. זארעצקי ברענגט (מיטנ פאסיוו), ווירקלעכ שלעכט געבויט, אונ זײ פאָדערנ אויספּאריכטונג, סטיליסטישע הילפ.

[2]) „ייִדישע שפּראכ" 1927, נומ. 2, שפּ. 30, באמערקונג.

אויבנופ, אָנ טיפערע אנאליזנ אונ אָנ קאָנקרעטע ביישפּילנ, קאָנ מענ זאָגנ אזוי: די פּאסיווע קאָנסטרוקציע איז נ י ט מ ע ר ווי אנ איבערגעקערטע אקטיווע; ס'איז איבערגעניצעוועט די אקטיווע קאָנסטרוקציע אפ דער לינקער זייט. בעכיינ קאָנ קיינ רייד ניט זיינ, אז עפּעס איז מעגלעכ א פּאסיווע קאָנסטרוקציע, וואָס האָט ניט איר אקטיוונ קעגנבילד; די רעכטע זייט מוז דאָכ זיינ!" („יידישע שפּראכ" 1927, נומ. 2, שפּ. 27—28).

ס'איז אָבער א גרינטלעכער טאָעס צו מאכנ אויבנופ, אָנ טיפערע אנאליזנ, אזא אויספיר, אז די פּאסיווע קאָנסטרוקציע איז אנ איבערגעניצעוועטע אקטיווע. היסטאָריש גענומענ זיינענ זיי אופגעקומענ פּאראלעל (זע פריִער מארס מיינונג). די זאכ גייט דאָ אָבער ניט אזוי אינ דעמ, צי מע קענ טעכניש אויספורעמענ יעדנ פּאסיוונ זאצ אינ אנ אקטיוונ — מע קענ, פארשטייט זיכ (באַמ האלבנ פּאסיוו איז עס, אגעוו, ניט גאָר גרינג). ס'האנדלט זיכ אָבער דאָ אינ דער סטיליסטישער בארעכטיקונג. ס'האנדלט זיכ אינעמ דיסקאָנטירנ די רעאלע פארהעלטענישנ פונ די דאָזיקע קאָנסטרוקציעס. דער כ' נ. שטיפ טוט עס אָבער ניט, — עס זיגט סאָפקאָלסאָפּ די אבסטראקטע סכעמע.

קעגנ דער דאָזיקער קאטעגאָרישקייט איז, ווי באוווסט, ארויסגעטראָטנ אינ דער יידישער סטיליסטישער ליטעראטור דער כ' ע. פאלקאָוויטש („צי דארפ מענ דעמ פּאסיוו", „יידישע שפּראכ" 1928, נומ. 13).

דער כ' פאלקאָוויטש האלט אויכ, אז „די פּאסיווע קאָנסטרוקציע איז א זעלטענע דערשיינונג אינ דער אָ ר ג א נ י ש ע ר יידישער שפּראכ" — ער זאָגט, „א גרויסנ דאנק קומט דעמ כ' נ. שטיפ, וואָס האָט אזוי בוילעט דערוויזנ, אז מע דארפ קעמפנ קעגנ דער פּאסיווער פאָרמ".

נאָר וואָס־זשע?

„אינעמ ארטיקל האָבנ מיר נאָר געוואָלט אָפּוועגדנ דעמ כ' שטיפס קאטעגאָרישקייט. מיר זיינענ אויסנ געווענ צו ווייזנ, אז עס זיינענ דאָ געוויסע פאלנ, ווענ די פּאסיווע פאָרמ האָט אויכ סטיליסטישע עקזיסטענצ־רעכט".

אונ אזוינע פאלנ ברענגט דער כ' ע. פאלקאָוויטש צוויי: 1) ווענ מע וויל פארשווייגנ דעמ לאָגישנ סוביעקט, אָדער ווענ קיינ לאָגישער סוביעקט איז ניט מעגלעכ; 2) ווענ מע וויל שטארקער באטאָנענ, ארויסרוקנ דעמ לאָגישנ אָביעקט.

כ' פאלקאָוויטשעס רעוויזיע איז זייער א פאָרזיכטיקע, ער פארענטפערט זיכ אפילע, פארוואָס ער דערלויבט זיכ איינצושטעלנ פארנ פּאסיוו.

„ווי אומגעלומפּערט עס זיינענ פּאסיווע זאצנ לעגאבע אקטיווע, האָט גאנצ דייטלעכ באוויזנ כ' שטיפ. אויב מיר נעמענ זיכ ווידער פאר דער טעמע, איז עס דערפאר, ווייל איינִיקע טעזיסנ פונ כ' שטיפס ארטיקל זיינענ, דוכט זיכ אונדז, צו קאטעגאָריש (עפּשער נעמט זיכ די קאטעגאָרישקייט פונ פעדאגאָגישע טיימימ: פונ וועלנ אויסגלייכנ דעמ שטעקנ?)".

אָבער גראָד שוינ דאָס ביסל פאקטישער מאטעריאל, וואָס עס ברענגט דער כ' ע. פאלקאָוויטש, האָט געדארפט זאָגנ עפּעס אנדערש, נעמלעכ, אז אינ גרונט איז כ' נ. שטיפס פּאָזיציע בענעגייע דעמ פּאסיוו א פאלשע, וואָרעמ דער פּאסיוו איז פונקט אזא בארעכטיקטע קאָנסטרוקציע אינ דער שפּראכ, ווי די אקטיווע. אפ וויפל אָבער דער פּאסיוו איז א מער קאָמפּליצירטע פאָרמ, גרייזט מענ דאָ מער ווי בא אנדערע איינפאכערע פאָרמעס. דעריבער דארפ מענ דאָ עפּשער מער לערנענ, ווי זיכ באגיינ מיט איר, פונקט אזויווי, אשטייגער, מע דארפ זיכ מער לערנענ ווי צו באגיינ

זיכ מיט א מער קאָמפּליצירטער מאשינ, איידער מיט אנ איינפאכערער. פאלש איז אָבער אזא שטעלונג, אז וויבאלד זי איז קאָמפּליצירטער, וויבאלד זי קאָנ אמאָל ברענגענ צו שעדיקונג, דארפ מענ זי ארויסוואַרפנ פונ דער שפּראכ.

ווייַטער איז כוצ, אזוי צו זאָגנ, דער אינערלעכער (ד.ה. פונ ויינ שפּראכלעכנ שטאנדפונקט) אָפּלייקענונג פונעמ פאסיוו, ווערנ אקצענטירט אויכ אזוינע יידישיסטיש־פּוריסטישע ארגומענטנ:

נ. שטיפ: די פולע פאסיווע קאָנסטרוקציע איז לאכלוטנ פרעמד דער יידישער פאָלק־שפּראכ, אינ דער שיינער ליטעראטור איז זי א זעלטענער אויסנאמ.

א. זארעצקי: „ס'איז ניט יידישלעכ".

ע. פאלקאָוויטש: „די פאסיווע קאָנסטרוקציע איז א זעלטענע דערשייַנונג אינ דער אָ ר ג א נ י ש ע ר יידישער שפּראכ".

אפ וויפל אָבער די אייגענע ארגומענטנ פיגורירנ ניט בלויז באמ פאסיוו, וועט נאָכ ווענג דעמ אויסקומענ רעדנ ספּעציעל אפ אנ אנדער אָרט.

מיר קענענ שוינ איצט אונטערפירנ א באשטימטנ סאכאקל:

דער כ' נ. שטיפ פארנעמט אינ דער יידישער סטיליסטישער ליטעראטור דאָס צענטראלסטע אָרט אינעמ קאמפ קעגנ דעמ פאסיוו. זייַנ סטיליסטישער געבאָט איז— אינגאנצנ אויסמייַדנ די פאסיווע קאָנסטרוקציע. נאָכגיביקער איז ער בלויז בענעגייע דעמ האלבנ פאסיוו (אויכ בענעגייע דעמ אדיעקטיווישנ פאסיוו).

די מעטאָדאָלאָגישע גרונט־לאגעס פונ דער דאָזיקער פאלשער שטעלונג באשטייענ:

1. אינעמ ניט דערלערנענ די עצעמ פאקטנ אינ זייער גאָרער פולקייַט און אויס־שעפּיקייַט.

2. אינעמ באטראכטנ די אָדער יענע קאָנסטרוקציע ניט אינעמ אספּעקט פונ דער שפּראכ אלס א סיסטעמ, נאָר אָפּגעריסנ, איזאָלירט אלס א זעלבשטענדיקע קאטעגאָריע.

3. אינעמ אופאסנ שפּראכ־דערשייַנונגענ סטאטיש, אינעמ איגנאָרירנ די ווירקלעכע סיבעס פונ זייער אופקומ, אויכ אינעמ פארזענ זייער היסטאָרישע פּערספּעקטיוו.

4. אינעמ באטראכטנ ניט דיכטיק די פּראָבלעמ פונ פאָרמ און אינהאלט אינ שפּראכ, דערפונ שטאמט דאָס וועלנ אויסמושטרירנ די שפּראכ לויט א פאָרמעל־לאָגישער סכעמע; ווענ זי זאָל זייַנ קאָנסעקווענט, וואָלט אזא סטיליסטיק ניט גע־דארפט דערלאָזנ אויסצודריקנ, אשטייגער, א פריערדיקע טווונג אינ א קעגנווארט־פאָרמ—„נעכטנ גיי איכ אינ גאס און באגעגנ מייַנ כאווער" (כאָטש דאָס מאכט די דערציילונג לעבעדיקער) אָדער צו באנוצנ קעגנווארט אפ אויסצודריקנ א שפּעטערדיקע טווונג"—„מאָרגנ פאָר איכ קיינ מאָסקווע" (כאָטש דאָס מאכט די ארויסזאָגונג זיכערער [1]).

---

1) פרג. העגעל: „Es ist aber eines der Grundvorurtheile der bisherigen Logik und des gewöhlichen Vorstelens, als ob der Widerspruch nicht eine so wesenhafte und immanente Bestimmung sey, als die Identität; ja wenn von Rangordnung die Rede, und beide Bestimmungen als getrennte festzuhalten wären, so wäre der Widerspruch für das Tiefere und Wesenhaftere zu nehmen. Denn die Identität ihm gegenüber ist nur die Bestimmng des einfachen Unmittelbaren, des toten Seyns; er aber ist d i e W u r z e l

מיט אנדערע ווערטער: אינעמ אופאסנ וועזנטלעכקײַט אבסטראקט, ווענ מע מיינט, אז זי איז באשרענקט אינ אירע ארויסווײַזונגענ, אז אָט די וועזנטלעכקײַט ווערט אנטפּלעקט אינ אנ איינמאָל פאר אלעמאָל געגעבענער איינצל־דערשײַנונג, ניט אײַנזענ, אז אינ די פארשיידנארטיקע ארויסווײַזונגענ טרעט אויכ די וועזנטלעכקײַט ארויס פארשיידנ.

---

aller Bewegung nnd Lebendigkeit; nur insofern etwas in sich selbst einen Widerspush hat, bewegt es sich, hat Trieb und Thätigkeit".
(איינער פונ די גרונט־פאָרורטיילנ פונ דער ביז איצטיקער לאָגיק אונ פונ דער געוויינלעכער פאָרשטע־לונג באשטייט אָבער אינ דעמ, וואָס דער ווידערשפּרוכ ווערט ניט גערעכנט פאר פּונקט אזא וועזנטלעכער אונ אימאנענטער באשטימונג, ווי די אידענטישקײַט, דאנ ווענ ס'גייט די רייד וועגנ ראנג־אָרדענונג, אונ ווענ די ביידע באשטימונגענ זאָל מענ אײַנהאלטנ אלס אָפּגעטיילטע, וואָלט מענ דעמ ווידערשפּרוכ גע־דארפט באטראכטנ פאר דאָס טיפערע אונ וועזנטלעכערע, וואָרעמ אינ קעגנזאצ צו אימ (צומ ווידער־שפּרוכ — מ. ג.) איז די אידענטישקײַט בלויז די באשטימונג פונ דעמ איינפאכנ אומיטלבארנ, פונעמ טויטנ זײַנ. דער ווידערשפּרוכ אָבער איז דער גרונט פונ יעדער באוועגונג אונ לעבעדיקײַט, נאָר אפ וויפל ס'האָט עפּעס אינ זיכ זעלבסט ווידערשפּרעכלעכקײַט, באוועגט עס זיכ, פארמאָגט עס טרײַב־קראפט אונ טעטיקײַט).

ציטירט פונ 9־טנ זאמלבוכ לענינס ז. 105 — 106.

לענינ באצייכנט דעמ דאָזיקנ אויסצוג מיט צוויי ווערטיקאלע שטריכנ.

מ. מייַדאַנסקי

פּראָבלעמעס פון שפּראַך־אונטערריכט אין כ׳ שטיפס אַרבעטן

1. כ׳ שטיפס אינטערעס פאַר דער שול

כ׳ נ. שטיף האָט פאַרמאָגט א צאַפּלדיקן אינטערעס פאַר דער שול. די פּראָבלעמעס פון שפּראַך־אונטערריכט זייַנען אים שטענדיק געווען נאָענט, און פאַרנומען האָט ער זיך מיט זיי ניט בלויז אָפּ א קאַבינעטיש־טעאָרעטישן אופן, נאָר אין באַהעפטונג מיט דער לעבעדיקער פּראַקטיק.

ער פלעג באַזוכן לימודים אין אַרבעט־שולן (קיִעוו, זשיטאָמיר, בערדיטשעוו), ער פלעג אַקטיוו באַטייליקן זיך אין לערער־סעמינאַרן און קאָנפערענצן. ער האָט ביז די לעצטע וואָכן פון זייַן לעבן טאָג־איַין, טאָג־אויס שאָענלאַנג געאַרבעט אין מעטאָדישע קאָמיסיעס איבע״ די שפּראַך־פּראָגראַמעס.

דעם 7־טן אַפּרעל 1933 האָט דער כ׳ שטיף, לויטן אַרויסרוף פונעם פאָלקאָמבילד, געזאָלט פאָרן קיין כאַרקאָוו אָפּ אַן אַלפאַרבאַנדישער פּראָגראַם־קאָנפערענץ.

איז די דאָזיקע רייַזע ניט צו שטאַנד געקומען, וויַיל... דאָס איז געווען שוין דער לעצטער טאָג פונעם כ׳ נ. שטיפס לעבן.

כ׳ שטיפס אָנשויונגען אויף אונטעריכט פון דער מוטערשפּראַך אין שול זייַנען ברייט פאַנאַנדערגעוויקלט אינעם אַרטיקל „שפּראַכקולטור״ („יִדישע שפּראַך״ 1930, נומ. 2—3, 4—5). דער דאָזיקער אַרטיקל האָט אַנטהאַלטן א רײ פאַלשע אידעאָלאָגיש־פּאָליטישע איַינשטעלונגען, איַינשטעלונגען נאַצדעמאָקראַטישע, יִדישיסטישע. ביקלאַל זייַנען אינעם דאָזיקן אַרטיקל געשטעלט געוואָרן ניט ריכטיק די גרונטיקע מעטאָדאָלאָגישע און מעטאָדישע פּראָבלעמעס פונעם שפּראַך־אונטערריכט. כ׳ שטיפס דעמלטיקע מיינונגען זייַנען כוצדעם אין געוויסע וועזנטלעכע פּונקטן געגאַנגען קעגן דער פּראַקטיק פון דער שול אין יענער צייַט. כ׳ שטיפס אַרטיקל האָט דעריבער גלייַך אַרויסגערופן א גאַנצע העפטיקע דיסקוסיע [1]. די דיסקוסיע איז אָבער דאַן געגאַנגען אָפּ אַלטע, אָפּ פאַלשע מעטאָדאָלאָגישע ווענגן. די פעלערדיקע אידעאָלאָגיש־פּאָליטישע איַינשטעלונגען פונעם אַרטיקל און די בלויזיקע מעטאָדאָלאָגיע זייַנען נאָך דאַן ניט אויפגעדעקט

[1] טייל־וויַיז איז זי אָפּגעשפּיגלט אין די אַרטיקלען פון ש. דאָבין „גראַמאַטיק און סטיליסטיק אין אַרבעטשול״ („יִדישע שפּראַך״ 1930, נומ. 4—5) און פון ע. פאַלקאָוויטש, „שפּראַכקולטור און גראַמאַטיק״, דאָרטן.

געוואָרנ. אונדזער לינגוויסטיק האָט זיכ נאָכ דאנ געשלעפּט אינעמ אידעאָלאָ־גישנ אָבאָז.

נאָר אָט זײַנענ געקומענ יאָרנ (1931 — 1932) פונ שארפע שלאכטנ אפ אלע באַ־צירקנ פונעמ אידעאָלאָגישנ פראָנט, דערינ אויכ אפנ לינגוויסטישנ. מיט דער הילפ פונ קריטיק אונ זעלבסטקריטיק האָט כ' שטיפ גענומענ איבערשאצנ זײַנ פאָרשערישנ וועג. דאָס האָט געפירט צו אידעאָלאָגישער לײַטערונג, צו מעטאָדאָלאָגישער פארטיפערונג.

כ' שטיפ האָט אָנגעהויבנ אײַנזענ, כאָטש ווײַט ניט אינ דער געהעריגער מאָס, דאָס פעלערהאפטע אינ זײַנע פריערדיקע ארבעטנ. אינ „רעוויזיע" („אפנ שפראכ־פראָנט" 1932, נומ. 4) האָט ער שוינ גערעדט וועגנ דעמ גאנצ אָפנ:

„אזוי טוט פראקטיציזמ אונ שוואכע געשולטקײַט אינ מארקסיזמ־לעניניזמ דורכוועבמענ מײַנע בעסערע מער־טעאָרעטישע ארבעטנ... אינעמ לעצטנ גרונט שטעקט דאָ די אידעאָלאָגישע וויר־קונג פונעמ קליינבירגערלעכנ ייִדישיזמ... ס'איז פעלערנ ניט קיינ איינצלנע, אונ נישט קיינ צו־פעליקע, — ס'איז א סיסטעמ: צו לאנג האָב איכ געזויגנ מיט יענער ייִדישיסטיק פונ איינ פאָלקיסטישער ברוסט".

צי האָט כ' שטיפ אינעמ פראָצעס פונ מעטאָדאָלאָגישער רעוויזיע גרינטלעכ געענ־דערט זײַנ צוגאנג אויכ צו שול־פראָבלעמעס? מע דארפ זאָגנ, אז ניט.

וועגנ דעמ ארטיקל „שפראכקולטור" האָט ער געשריבנ:

„פעלערנ האָב איכ אויכ געמאכט אינ דער ארבעט „שפראכקולטור".

אָבער דערמיט האָט דער כ' שטיפ געמיינט נאָר באזונדערע בורזשואז־סאָציאָ־לאָגיסטישע פאָרמולירונגענ אינ דער דאָזיקער ארבעט, איינצלנע טיילנ אירע, אָבער ניט קיינ פראָבלעמעס פונ טיפערנ באטײַט אונ ברייטערנ פארנעמ. א פּאָר שורעס ווײַטער לייענענ מיר:

„אינ גרונט גענומענ, מוז איכ האלטנ די ציל־אײַנשטעלונג אונ די גרונט־טעזיסנ פונ יענער ארבעט פאר ריכטיק".

אקעגנ דער קריטיק, וואָס האָט געלייקנט די אײַנשטעלונגענ פונ „שפראכקולטור" אינעמ גאנצנ טאָכ זייערנ [1]), קומט כ' שטיפ אינ „מײַנ ענטפער" („אפנ שפראכפראָנט" 1932, נומ. 4, געשריבנ שוינ נאָכנ זעלבסטקריטישנ פלענומ פונ דער פילאָלאָגישער סעקציע באמ אינסטיטוט פאר ייִדישער פראָלעטארישער קולטור) מיט אזוינע באַ־הויפּטונגענ:

„אינ „שפראכקולטור" איז באנאנד מיט פעלערנ דאָ אזוינס, וואָס האָט א דויערנדיקנ ווערט. דאָ איז אופגעדעקט געוואָרנ די וווּנד פונ דעמ שפראכ־לערנענ אינ שול, דער פאָרמאליזמ.

דאָ איז אופגעהויבנ די קאמפ־פאָנ פאר דער קולטור־שפראכ אינ שול, פאר דער פאָליטישער שפראכ, קעגנ דעמ עסטעטיזמ פונ דער אלטער גימנאזיע. „שפראכקולטור" האָט ארויסגעבראכט א פראָגראמ פונ ארבעט איבער שפראכ־טעאָריע אינ שול, האָט געגעבנ א בלעטל סטיליסטיק פאר דער שול".

צי קענענ מיר זיכ פארייניקנ צו די דאָזיקע באהויפּטונגענ? וויִאזוי דארפנ מיר זיכ הײַנט־צו־טאָג באציִענ צו כ' שטיפס קאָנצעפּציע וועגנ שפראכ־אונטעריכט אינ

---

[1]) י. רעזניק. „קעגנ אנטימארקסיסטישער קאָנטראבאנדע אינעמ שפראכ־לימעד" („ראטנבילדונג", 1932, נומ. 5).

מ. גיטליצ. „קעגנ קלאסנפײַנטלעכע טעאָריעס אינ דער שפראכוויסנשאפט" („ראטנבילדונג" 1932, נומ. 5).

ש. הורוויצ, ר. לערנער, מ. מײַדאנסקי. „וועגנ ב. שטיפס ארבעטנ..." („אפנ שפראכפראָנט" 1932, נומ. 4).

שול, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין „שפּראַכקולטור”? דאָס קלאָר צו מאַכן איז דער צוועק פון אונדזער אַרטיקל.

אַף דער דאָזיקער פראַגע וועט אונדז העלפן צו ענטפערן די רייַכע דערפאַרונג פונעם קאַמף פאַר דער מאַרקס־לעניניסטישער מעטאָדאָלאָגיע אין דער לינגוויסטיק, וואָס איז אָנגעזאַמלט געוואָרן די לעצטע יאָרן.

דאָס אַליין איז אָבער ניט גענוג. אונדזער שול איז איצט אַרייַנגעטראָטן אין אַ נייַעם עטאַפּ. דער דאָזיקער עטאַפּ גייט אונטער צייכן פון די וועגווייַזערישע פּאַרטיי־דאָקומענטן וועגן דער שול.

די באַשטימונגען פונעם צ.ק. האָבן געבראַכט צו אַ ראַדיקאַלן איבערבוי פון דער גאַנצער שול־אַרבעט.

אין שול ווערט איצט גאָ" אַנדערש, ווי פריִער, געשטעלט די פראַגע וועגן דער לערן־סיסטעם ביכלאַל, וועגן דער מעטאָדיק פון יעדן געגנשטאַנד באַזונדער, וועגן פּראָגראַמען און לערנביכער.

דעריבער איז אומבאַדינגט נייטיק, פון איין זייַט, פעסטצושטעלן, וויִאַזוי איז כ׳ שטיפס שול־קאָנצעפּציע געווען פאַרבונדן מיט דער לערן־סיסטעם פונעם פאַריקן עטאַפּ, און פון דער צווייטער זייַט, אין וואָס פאַר אַ באַציִונג עס געפינט זיך כ׳ שטיפס צוגאַנג צו דער שפּראַך־אַרבעט אין שול מיט אונדזער איצטיקן אָרט באַנעמען די פּראָבלעמעס פון לערן־אַרבעט אין שול און מיט דער מעטאָדיק פונעם שפּראַך־לימעד אין שול.

באַטראַכטנדיק כ׳ שטיפס אַרבעטן וועגן שפּראַך־אונטעריכט אין שול, וועלן מיר האָבן אין זינען, ערשטנס, די מעטאָדאָלאָגיע פון לינגוויסטיק און פון אירע באַזונדערע צווייַגן; צווייטנס, די גאַנצע לערן־סיסטעם פון אונדזער שול אַפן איצטיקן עטאַפּ; דריטנס, די מעטאָדיק פונעם שפּראַך־לימעד.

2. דער צושטאַנד, די צוועקן און דער אינהאַלט פונעם שפּראַך־לערנען

אינעם אַרטיקל „שפּראַכקולטור” כאַראַקטעריזירט כ׳ שטיף דעם צושטאַנד פונעם שפּראַך־אונטעריכט אין דער מיטלשול.

„דאָס יידיש לערנען,— זאָגט דאָ כ׳ שטיף,— געפינט זיך אינעם צווייטן קאָנצענטער אין אַ שווערער לאַגע... קינדער ענדיקן די שול און קענען ניט די שפּראַך (די מוטערשפּראַך!), זיי זייַנען אומבאַהאָלפן קאָנקרעט, קלאָר, זאַכלעך עפּעס צו זאָגן אָדער צו שרייַבן אַ קאָמפּליצירטן געדאַנק”.

אין וואָס זעט כ׳ שטיף די סיבעס פונעם דאָזיקן צושטאַנד?

דער יידיש־לימעד, ווייַזט ער אָן, ווייטעקט אַף דרייַ פּלאָגן:

1) שפּראַך הייסט דאָ צומיינסטנס די קינסטלערישע שפּראַך. די קולטור־שפּראַך (די שפּראַך פון דער פּרעסע, פונעם וויסנשאַפטלעכן בוך א. ד. גל.) [1]) איז דאָ אין בעסטן פאַל אַ בייַזאַך.

[1]) מיר נוצן דאָ דעם דאָזיקן טערמין, אַזוי ווי דאָס טוט דער כ׳ שטיף, מיר האַלטן אים אָבער, זעלבסטפאַרשטענדלעך, פאַר אַ פאַלשן, ווייַל ער שאַפט אַ פאַלשע און שעדלעכע פאָרשטעלונג, אַז קינסטלערישע ליטעראַטור איז ניט שייַך צו קולטור, און איר שפּראַך — צו קולטור־שפּראַך.

2) דערפונ נעמט זיכ דאָס, וואָס שפּראַכ איז צוגעשפּאַנט צו ליטעראַטור. באַ א פּאַסיקער געלעגנהייט אַנאַליזירט מענ דעמ שרײַבערס סטיליסטישע מיטלעך.

3) דאָס אייגנטלעכע שפּראַכ־לערנענ — דאָס איז גראַמאַטיק. דערבײַ פאַרנעמט מענ זיכ, דערהויפּט, מיט אַנאַליז. פונ לערנענ נוצנ די שפּראַכ, פונ סיסטעמאַטישער שפּראַכ־אַרבעט איז די שול ווײַט.

דאָס שפּראַכ־לערנענ איז אָנגעשטעקט מיט פאָרמאַליזמ.

ווי־זשע איז דער אויסוועג? — פרעגט כ׳ שטיפ.

אונ אַלס ענטפער דערויפ פאָרמולירט כ׳ שטיפ זײַנע אָנשויונגענ וועגנ דעמ, וואָס עס דאַרפ זײַנ דער צוועק אונ דער אינהאַלט פונעמ שפּראַכ־לימעד אינעמ צווייטנ קאָנצענטער (ניט פולע מיטלשול). אונ שוינ דאָ שטויסנ מיר זיכ אָנ אָפ כ׳ שטיפס ניט־אויסגעלעבטע בורזשואַז־פאָלקיסטישע שטימונגענ.

כ׳ שטיפס אָנשויונגענ זײַנענ דאָ, קורצ גערעדט, אַזוינע:

דער צוועק פונעמ שפּראַכ־לימעד איז א סאָציאַלער. די אַרבעטשול גרייט ניט קיינ ליטעראַטנ א. ד. גל. דער קינפטיקער אַרבעטער אונ פויער, ווײַזט אָנ כ׳ שטיפ, דאַרפ זיכ צוגעווינענ לייענענ, פריִער פאַר אַלצ, א צײַטונג, א בראָשור, ער דאַרפ קענענ מיט וואָרט אונ שריפט זיכ באַטייליקנ אינעמ געזעלשאַפטלעכנ לעבנ. די שפּראַכ, פאַרענדיקט כ׳ שטיפ, דאַרפ ווערנ

> „א זיכער מיטל פאַר דער ווײַטערדיקער זעלבסטבילדונג, קורצ, א שליסל צו קולטור אונ א וועג ווי צומ גרינגסטנ זיכ אײַנגלידערנ אינעמ קאָלעקטיוו״ („די יידישע שפּראַכ״ 1930, נומ. 2—3, שפּ. 3).

דערבײַ, וואָרנט נ. שטיפ, טאָר די אַרבעטשול ניט פאַרלאָזנ זיכ אָפ העכערע לערנ־אַנשטאַלטנ. ס׳וואָלט געווענ גוט, זאָגט ער, ווענ יעדעס קינד זאָל קענענ ענדיקנ א זיבניאָריקע שול.

איז צוערשט וועגנ די צוועקנ פונעמ שפּראַכ־לימעד. ס׳מאַכט, פאַרשטייט זיכ, א מאָדנעמ אײַנדרוק, וואָס דער כ׳ שטיפ שטיצט דעמ געדאַנק וועגנ די סאָציאַלע צוועקנ פונעמ שפּראַכ־לימעד מיט דער באַהויפּטונג, אַז די שול גרייט ניט קיינ ליטעראַטנ. דער כ׳ שטיפ האָט דאָ, ווײַזט אויס, געוואָלט שאַרפער אונטערשטרײַכנ, אַז ניט דאָס קינסטלערישע וואָרט דאַרפ שטיינ אינ צענטער פונ דער שול־אַרבעט, אונ צוליב דעמ האָט ער זיכ געווענדעט צו אַזא ריזיקאַליש פאָלעמיש מיטל. שלעכט איז אָבער גופע די פאָרמולירונג. „דער צוועק פונעמ שפּראַכ־לימעד איז א סאָציאַלער״. זי טויג דאָכ פאַר דעמ ערשטנ־בעסטנ בורזשואַזנ פּעדאַגאָג. מיט וואָס איז זי ספּעציפיש פאַר אונדזער שול, פאַר דער סאָוועטישער פּעדאַגאָגיק? אונדזער שול האָט אינ זינענ אינעמ שפּראַכ־לימעד, פונקט ווי אינ דער גאַנצער שול־אַרבעט, דעמ צוועק צו דערציִענ דעמ בויער פונ דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, דעמ קעמפער פאַרנ קאָמוניזמ. אונ מיר ווייסנ דאָכ, אַז דער קאַמפ פאַרנ קאָמוניזמ — אונדזער גראַנדיִעזע סאָציאַליסטישע בויונג קומט פאָר אינ די באַדינגונגענ פונ די שאַרפסטע קלאַסנ־שלאַכטנ. איז ניט שײַעכ באַמ באַהאַנדלענ פּראָבלעמעס פונ אונדזער שול־ אונ דערציִונג־וועזנ צו רעדנ בלויז וועגנ „פרידלעכער אײַנגלידערונג אינ קאָלעקטיוו״, ווי דאָס טוט דער כ׳ שטיפ.

מיר וועלנ נאָכ זענ, אז די פארעווע סאָציאָלאָגיסטישע פאָרמולירונג לאָזט זיכ פילנ נאָכ שארפער דאָרט, ווו כ׳ שטיפ גייט איבער צו קאָנקרעטיזירנ די ציל־אײַנשטעלונג פאר פארשיידענע אָפטיילנ פונעמ שפראכ־אונטעריכט אונ באמ פאנאנדערארבעטנ די דאָזיקע אָפטיילנ. אפ איינ זאכ לאָמיר אָנווײַזנ שוינ דאָ. דער כ׳ שטיפ אָריענטירט די שפראכ־ארבעט אינ שול אפ אויסלערנעז לייענע א צײַטונג אונ א בראָשור. צי איז דאָ ניט פארשמעלערט דער דיאפאזאָנ פונ אונדזער שול־ארבעט לויט דעמ מאסשטאב נאָכ פונ א בורזשואזער פאָלקשול?

דער כ׳ שטיפ שטרײַכט אונטער, אז די ארבעטשול דארפ ווי געהעריק לייזנ אירע אופגאבעס אונ ניט פארלאָזנ זיכ דערמיט אפ די העכערע שול־טיפנ. דאָס איז, פארשטייט זיכ, ריכטיק.

שלעכט איז אָבער, וויאזוי דער כ׳ שטיפ מאָטיווירט דאָס. די ארבעטשול דארפ ארויסלאָזנ גראמעטנע מענטשנ, דאָס איז איר דירעקטע אופגאבע; אויב ניט, הייסט דאָס, אז עס האלט שלעכט מיט דער קוואליטעט פונ איר ארבעט; אויב ניט, קענ דער טעכניקומ ניט לייזנ די אופגאבעס, וואָס שטייענ פאר אימ. אָט אינ דעמ האָט געדארפט באשטיינ די מאָטיווירונג.

דער כ׳ שטיפ האָט אָבער גערעדט וועגנ עפעס אנדערש. ער גייט ארויס דערפונ, וואָס ניט יעדעס קינד קענענ מיר באזאָרגנ מיט א טעכניקומ. „אלעווײַ כאָטש מיט אנ ארבעט־שול״,—זאָגט כ׳ שטיפ. דארפ מענ דאָ זאָגנ: אפילע דאנ, ווענ ס׳איז געדרוקט געוואָרנ דער ארטיקל „שפראכקולטור״ (1930), האָט דאָס ניט אנטשפרעכט דערווירקלעכקײַט. אינ יול 1930 האָט דער צ.ק. פונ דער פארטיי שוינ אָנגענומענ א באשלוס וועגנ אײַנפירנ אלגעמיינע 7־יאָריקע בילדונג אינ די אינדוסטריעלע צענטערס, אייניצײַטיק ווערט פאנאנדערגעוויקלט א היפשע נעצ שולנ פאר קאָלווירטישער יוגנט.

איצט וועגנ דעמ, וויאזוי כ׳ שטיפ אנאליזירט דעמ צושטאנד פונעמ שפראכ־לימעד אינ שול. וואָס פעלט דאָ אינ דעמ כ׳ שטיפס אנאליז?

כ׳ שטיפ באטראכט די בלויזנ פונעמ שפראכ־לימעד איזאָלירט פונעמ גאנצנ שול־וועזנ. נאָכ די באשטימונגענ פונעמ צ.ק. וועגנ דער שול איז שוינ קלאָר, אז די פעלערנ אינעמ שפראכ־לימעד זײַנענ געוואָקסנ פונעמ זעלביקנ וואָרצל, וואָס דער גרונט־כיסאָרנ פונ דער שול אינ אלגעמיינ.

די באשטימונג פונעמ צ. ק. פונעמ 5/IX — 1931 האָט קאָנסטאטירט: דער אונטע־ריכט אינ שול גיט ניט קיינ גענוגנדיקנ פארנעמ יעדיעס פונ אלגעמיינער בילדונג אונ לייזט ניט צופרידנשטעליק די אופגאבעס פונ צוגרייטנ פאר די טעכניקומס אונ פאר די הויכשולנ פולשטענדיק גראמעטנע מענטשנ, וואָס זאָלנ באהערשנ גוט די יע־סוידעס פונ וויסנשאפט (פיזיק, כימיע, מאטעמאטיק, מוטערשפראכ, געאָגראפיע א.אנד.).

וואָס זײַנענ געווענ די סיבעס דערפונ?

פריער פונ אלצ דאָס, וואָס ס׳איז ניט דערשאצט געוואָרנ דער באטײַט פונ סיסטעמאטישע יעדיעס. דער בולעטסטער אויסדרוק דערפונ איז געווענ דער קאָמ־פלעקס־מעטאָד, וועלכער האָט געהערשט אינ אונדזער שול. ווײַטער — די מעטאָדישע פראָזשעקטערײַ, וואָס האָט געפירט צו מינערנ אונ אָפלייקענענ דעמ באטײַט פונ לערנבוכ אונ לערער, פונ פראָגראמ אונ שול, אינגאנצנ גענומענ, די פראָזשעקטערײַ, וועלכע ס׳האָט געשפײַזט די אנטילענינישע טעאָריע וועגנ שול־אָפשטארבונג.

דאָס אלצ האָט געהאט א דירעקטע שײַכעס אויכ צומ שפראכ־לימעד אונ האָט זיכ נעגאטיוו אָפגערופנ אפ דער קוואליטעט פונ דער שול־ארבעט אינעמ דאָזיקנ געביט.

כ׳ שטיפ איז געווענ גערעכט, טײַנענדיק, אז שפראכ דארפ מענ לערנענ פאר זיכ, אז דאָס דארפ ניט זײַנ בלויז קיינ צוגאָב צו ליטעראטור. די דאָזיקע צוגעשפּאנטקײַט, אינ וועלכער ס׳פלעג צײַטנווײַז דערטרונקענ ווערנ די ספּעציפיק אונ די סיסטעמאטיק פונעמ שפראכ־לימעד, איז געווענ א „קאָשער קינד״ פונעמ קאָמפּלעקס־מעטאָד.

פונדאנענ, פונעמ פאלשנ גרונט־מעטאָד, ציט זיכ דער פּאָדעמ צומ אָפּלייקענענ דעמ באטײַט פונ סיסטעמאטישע יעדיעס אינעמ שפראכ־לימעד, צומ אָפּלייקענענ דעמ באטײַט פונעמ אײַנלערנענ אונ אײַנכאזערנ [1].

אינעמ געביט פונעמ שפראכ־לימעד האָבנ מיר אויכ געהאט היפּשע מעטאָדישע פּראָזשעקטערײַ. מיר וועלנ ברענגענ, אשטייגער, אזא בײַשפּיל.

אינ א לערנבוכ פונ שפראכ־מעטאָדיק [2] ווערט אפ אזא אויפנ באהאנדלט די פראגע וועגנ לערנביכער.

„צי איז נייטיק א לערנביכל? — פרעגט דער אווטער, אונ ער ענטפערט:—דער לערער, וואָס קענ גוט דעמ געגנשטאנד אונ האָט געווג פּעדאגאָגישע דערפארונג, נייטיקט זיכ ניט אינ א לערנביכל; ער שאפט אימ מיט די קינדער אליינ. נאָר העיויס אזוינע לערער זײַנענ לעסאטע נאָכ ווייניק, איז א לערנביכל נוצלעכ״...

אינ זײַנ פּאָזיטיווער פראָגראמ פונעמ שפראכ־לימעד שליסט כ׳ שטיפ אײַנ אזוינע באשטאנדטיילנ:

1) עלעמענטנ פונ שפראכ־טעאָריע, 2) ארבעט איבער דער סטיליסטיק פונ דער קולטור־שפראכ, 3) ארבעטנ איבער וואָרטבילדונג, 4) ארבעט אפ אָרגאניזירטע רייד.

באזונדערע טיילנ פונ דער דאָזיקער פראָגראמ וועלנ מיר באהאנדלענ ווײַטער. איצט ווענדנ מיר די אויפמערקזאמקײַט דערופ, אז גראמאטיק פארנעמט ניט אינ איר קיינ באזונדער אָרט, אונ דאָס איז, פארשטייט זיכ, א לאָגישער אויספיר דערפונ, וואָס גראמאטיק האלט כ׳ שטיפ פאר איינער פונ די פּלאָגנ אינעמ שפראכ־לימעד (פּאקטיש־פאר דער הויפּט־פּלאָג).

„מע דארפ זיכ באפרײַענ,—זאָגט כ׳ שטיפ,—פונ דער אילוזיע, אז גראמאטיק איז א וויכטיק מיטל פאר שפראכ־אויסבילדונג אינ דער אָנהייב־שול [3], אז דאָס איז א מיטל ביקלאל, אז דערופ איז קעדײַ אָפּגעבנ ספּעציעלע שאָענ, ספּעציעלע ענערגיע״.

כ׳ שטיפס ארגומענטאציע פונעמ דאָזיקנ טעזיס גייט לויט צוויי ריכטונגענ. ער באטראכט גראמאטיק אלס וויסנשאפט־צווײַג, פונ איינ זײַט, אונ צווייטנס, אלס לערנ־געגנשטאנד.

3. גראמאטיק אלס צווײַג פונ לינגוויסטיק

גראמאטיק, אלס צווײַג פונ לינגוויסטיק, זעט אויס אינעמ ארטיקל „שפראכ־קולטור״ אזוי:

---

[1]) קעדיי צו איבערצײַגנ זיכ אינ דעמ, איז געווג דורכצובלעטערנ די אָפיציעלע פּראָגראמ־אויסגאבעס פונ יענער צײַט. זע אשט. „האנטבוכ פאר סאָציאלער דערציונג״, 1926, ז. 116.

[2]) א. ר. צווײַג. מוטערשפראכ אינ שול... 1929, ז. 84.

[3]) כ׳ שטיפ האָט אינ זײַנ ארטיקל „שפראכקולטור״ אינ זינענ דעמ 2־טנ קאָנצענטער, אזוי אז דאָ גייט די רייד וועגנ דער מיטלשול, ניט וועגנ דער אָנפאנג־שול.

1) גראַמאַטיק באַשרײַבט שפּראַכ־פֿאַקטנ, קלאַסיפֿיצירט זײ, דעפֿינירט.

2) די נײַע דערשײַנונגענ, וואָס קומענ אויפֿ אינ דער שפּראַכ, קערנ זיכ ניט אָנ מיט גראַמאַטיק. גראַמאַטיק רעגיסטרירט בלויז די נײַע דערשײַנונגענ.

3) גראַמאַטיק ווייסט ניט פֿונ קיינ שאַצונג. אַלע פֿאָרמעס אונ קאָנסטרוקציעס זײַנענ פֿאַר איר גלײַכווערטיק.

4) אויבּ אָבער גראַמאַטיק ווערט נאָרמאַטיוו, געזעצגעבעריש, איז נאָכ ערגער. אָדער זי איז אינ אַזעלכע פֿאַלנ קאָנסערוואַטיוו, זי קאַנאָניזירט דאָס אָפּגעזעצטע אינ דער שפּראַכ, אָדער זי ווערט צו היציק אונ סאַנקציאָנירט דאָס צופֿעליק אויפֿגעקומענע.

5) בּאַ יעדנ קאָנפֿליקט צווישנ דער מאַסנ־שפּראַכ אונ דער שריפֿט־שפּראַכ... שטיצט גראַמאַטיק די שריפֿטשפּראַכלעכע טראַדיציע.

דאָס איז דער סאַכאַקל פֿונ גראַמאַטיק בּאַמ כ' שטיפֿ.

כאַראַקטעריזירנדיק גראַמאַטיק, אַלס „אָבּיעקטיוו־רעגיסטראַטערישע" וויסנשאַפֿט, באַזוערט כ' שטיפֿ אומקריטיש איבּער די בורזשואַז־אידעאַליסטישע אַרויסזאָגונגענ פֿונ די פֿאָרשטייער פֿונ דער פֿאָרמעלער גראַמאַטיק.

אַזוי, אַשטייגער, האָט געשריבּנ פּעשקאָווסקי:

„... אונ ניט בלויז צו גאַנצע שפּראַכנ, נאָר אויכ צו באַזונדערע שפּראַכלעכע פֿאַקטנ קענ דער לינגוויסט אַלס אַזעלכער זיכ איצט באַציִענ בלויז אָבּיעקטיוו, דערקענטענישדיק... די אָפּוועזנ־דיקײַט פֿונ שאַצונג איז דער ערשטער סימענ פֿונ אָבּיעקטיוו באַטראַכטנ דעמ געגנשטאַנד" [1]).

דער זעלביקער פּעשקאָווסקי ווייסט אָבּער, אַז די וויסנשאַפֿט דינט דער ווירקלעכקײַט, זי מישט זיכ אַרײַנ אינ איר, אונ וויבּאַלד אַזוי, מוז פֿונ דער וויסנשאַפֿט אַריבּערגעוואָרפֿנ ווערנ אַ בּריק צומ לעבּנ. איז מיט וואָס פֿאַר אַ מאָס גייט מענ דאַנ צו צו דער שפּראַכ?

דאָס הענגט, פֿאַרשטייט זיכ, אָפּ דערפֿונ, וויאַזוי מע פֿאַרשטייט דעמ אידעאַל פֿונ דער ליטעראַרישער שפּראַכ.

פּעשקאָווסקי שרײַבּט וועגנ דעמ אידעאַל פֿונ דער ליטעראַרישער שפּראַכ:

„דער ערשטער אונ מערקווירדיקסטער שטריכ זײַנער (פֿונעמ אידעאַל—מ. מ.) איז זײַנ איבּער־ראַשנדיקער ק אָ נ ס ע ר וו אַ ט י ז מ (דעמ אויטאָרס אונטערשטרײַכונג—מ. מ.), וואָס קיינ גלײַכנ צו אימ געפֿינענ מיר ניט אינ קיינ שומ אַנדערנ געבּיט פֿונ גײַסט. פֿונ אַלע אידעאַלנ איז דאָס דער איינציקער, וואָס ליגט אינגאַנצנ הינטער אונדז" [2]).

ס'פֿאַרשטייט זיכ, דאָס איז דער שטאַנדפּונקט פֿונ אַנ אָפּשטאַרבּנדיקנ קלאַס, וואָס אַלע זײַנע אידעאַלנ ליגנ אינ דער פֿאַרגאַנגענהײַט. וויכטיק איז אָבּער אונטערצו־שטרײַכנ דאָס, וואָס פּעשקאָווסקי רעדט אָפֿנ וועגנ דעמ, אַז דאָ, בּאַ דער צונויפֿטרע־פֿעניש מיטנ לעבּנ, איז שוינ ניט שײַעכ צו זײַנ אָבּיעקטיוו.

אונ ווירקלעכ. יעדער קלאַס בויט די וויסנשאַפֿט אַנטשפּרעכיק צו זײַנע צוועקנ. מע דאַרפֿ אָבּער געדענקענ, אַז די סובּיעקטיוויקײַט פֿונעמ אויפֿגייענדיקנ קלאַס, פֿונעמ פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז באַוואָפֿנט מיטנ מאַרקס־לענינישנ פֿאָרשונג־מעטאָד, פֿאַלט צונויפֿ מיטנ העכסטנ גראַד אָבּיעקטיוויקײַט, ווײַל די אינטערעסנ פֿונעמ דאָזיקנ קלאַס ליגנ אַפֿ דער ליניע פֿונ דער העכסטער אַנטוויקלונג פֿונ דער וויסנשאַפֿט.

---

1) А. М. Пешковский. Сборник статей, М. 1926, стр. 110.

2) דאָרטנ, ז. 114.

מע דארף מאכן א סאָף צו דער לעגענדע וועגן דער „אָביעקטיווער" גראמאטיק. די רעגיסטראטערישע, די באשרייביקע גראמאטיק איז ניט אָפּגעשיידט מיט קיין אייזערנער וואנט פון דער נאָרמאטיווער. די באשרייביקע, די „אָביעקטיווע" גראמאטיק איז די באזע צו דער נאָרמאטיווער, און די נאָרמאטיווע גראמאטיק האָט דאָך אַ קריטעריִ, וואָס מיט זיין הילף קלייבט זי אָפּ פאקטן, שאצט זיי און נאָרמירט. דער דאָזיקער נאָרמיר־פרינציפּ איז קלאסעווע באדינגט, פונקט ווי דער צוגאנג צו ליטעראַרישער שפראך ביקלאל.

קאָנסערוואטיווקייט האלט פעשקאָווסקי פאר א גרונט־זייל פון דער ליטעראַרישער שפראך ביקלאל. דער דאָזיקער צוגאנג איז אָבער כאראקטעריסטיש בלויז פאר אַן אָפּשטארבנדיקן קלאס, וואָס שטרעבט מיט אלערליי מיטלען פארהאלטן דעם אורטייל, וואָס די געשיכטע האָט אים ארויסגעטראָגן.

און מע דארף נאָך צוגעבן פאָלגנדיקס. די קלאסן־שטרעבונגען אנטפּלעקן זיך ניט בלויז באם נאָרמירן די שפראך־ווירקלעכקייט, נאָר אויך באם דערלערנען זי. די קלאסן־שאצונג האָט א שייכעס ניט בלויז צו נאָרמאטיווער גראמאטיק, נאָר אויך צו דער זאמלעריש־רעגיסטראטערישער. די קלאסן־איינשטעלונגען דיקטירן דאָך, וואָסערע פאקטן זאָל מען זאמלען און באשרייבן, וואָסערע „פארזענ", וואָסערע סאנקציאָנירן, וואָסערע באקעמפן.

אָט באהאנדלט דער יידישיסט — דער ווייסער עמיגראנט ז. קאלמאנאָוויטש „דעם שטאָפּ און די מעטאָדע" פון דער יידישער גראמאטיק. צוערשט מעלדעט ער, אז

„די מאָדערנע לינגוויסטיק נעמט דעם מאטעריאל אפּ אויסבויען די לינגוויסטיק דעריקער פון דער לעבעדיקער גערעדטער שפראך, זי קלערט ניט אויס קיין קלאָלים און ווייזט ניט אָב קיין יויצע מין האקלאל" („יידישע גראמאטיק", 1922, ז. 7).

צום סאָף אָבער דערווּסט איר זיך:

„בענעגייע צו דער יידישער גראמאטיק האָבן מיר אַן אויסגעצייכנטן מאטעריאל... אין די ווערק פון מענדעלע מויכער־ספאָרים און שאָלעם־אליכעמען. זייער שפראך־געברויך קאָן אין דער גרעסטער צאָל פאלן אָנגענומען ווערן ווי „כויק וועלוי יאווויר" פאר דער גראמאטיק... די האסטיקע אנטוויקלונג פון יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן פון די לעצטע דריי צענדליק יאָר... האָט געמוזט אריינברענגען אין שפראך־געברויך אסאך ניט אויסגעלייטערטע, ניט אָפּגעשטאנענע פרעמד־עלעמענטן, וואָס לאָזן זיך שווער אָדער גאָרניט אסימילירן אין אונדזערע געיארשנטע שפראך־אפּערצעפּציעס" (דאָרטן, ז. 8).

וואָס באווייזט אונדז די גאנצע ציטאט?

„די האסטיקע אנטוויקלונג פון יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן" (לייען — די אנטוויקלונג פון דער רעוואָליוציאָנערער ארבעטער־באוועגונג צוערשט, און די דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט — שפּעטער) האָט אריינגעבראכט אין שפראך־געברויך נייע עלעמענטן, די בורזשואז־נאציאָנאליסטישע לינגוויסטיק וויל אָבער ניט אָננעמען די דאָזיקע עלעמענטן, קלוימערשט דערפאר, ווייל זיי זיינען „פרעמדע" לויטן אָפּשטאם, און אינדערעמעסן אָבער דערפאר, ווייל איר זיינען ליבער די געיארשנטע פרעמד־קלאסעווע פארן פראָלעטאריאט שפראך־אסאָציאציעס. אָט דאָס לאָזט זיך אויס פון דער קלוימערשטער אָביעקטיווקייט.

אָט ליגט פאר אונדז די אנקעטע פונ דער פילאָלאָגישער סעקציע פונעמ אינסטיטוט פאר ייִדישער פראָלעטארישער קולטור וועגנ גראמאטישנ מינ פונ זאכווערטער (קיִעוו, 1928).

זי איז אויכ אָריִענטירט אפ קלוימערשטער אָביעקטיווקײַט, פאקטיש אָבער עפנט זי א טיר פאר קאָנסערוואטיווע אונ מעמײַלע פאר קלאסנפרעמדע טענדענצנ.

די אנקעטע האָט אינ זינענ מיטצוהעלפנ

„ארײַנטראָגנ איינהײַטלעכקײַט אינ אייניקע שפראכ־דערשײַנונגענ, וואָס מיר זעענ בא זיי צו וואקלונגענ אונ אומקלאָרקײַטנ... איז צומ אלעמ־ערשטנ דארפ מענ וויסנ די זאכלאגע, קלאָר מאכנ, ווי באצייכנט מענ דעמ מינ פונ א געוויס וואָרט אונ א געוויס אָרט, ניט אינדיווידועל פאר דעמ אָדער פאר יענעמ״.

ווער־זשע זײַנענ דאָס די „וואָרטזאָגער״ פונ דעמ אָדער יענעמ אָרט?

„פאר דעמ צוועק,—אינסטרוקטירט די אנקעטע,—דארפ מענ צוזוכנ א מענטשנ פונעמ עלטערנ דאָר, אנ אָרטיקנ געבורטיקנ, אָדער אזוינעמ, וואָס וווינט דאָרט לאנגע יאָרנ א. אז. וו.״.

עמעס, די אנקעטע באגרענעצט זיכ נימ דערמיט אונ לייגט פאָר אויכ אויספרעגנ איינעמ פונ דער אָרטיקער יוגנט (געזעלשאפטלעכ־אקטיוונ ארבעטער אָדער קוסטאר)... „די דאָזיקע שפראכ דארפ מענ אויכ וויסנ״—ווערט דאָ אָנגעוויזנ. אָבער אינ טאָכ איז אויכ דאָ קערעוועט אויס דער „אָביעקטיווער״ מעטאָד די גראמאטישע פאָרשונג מיטנ פאָנעמ צו דער אָפּגעלעבטער פארגאנגענהײַט, צו „די מענטשנ פונעמ עלטערנ דאָר״, צו דעמ, וואָס ס'איז געווענ פאר „דער האסטיקער אנטוויקלונג פונעמ ייִדישנ געזעלשאפטלעכנ לעבנ״.

גאָר שארפ הערנ מיר די זעלביקע אינ טאָכ אײַנשטעלונג אפ קאָנסערווירנ די שפראכ פונ פארגאנגענע דוירעס בא אנ אוקראִינישנ נאציִאָנאליסטישנ שפראכטוער:

„... ווער עס וויל הערנ די עכטע אוקראִינישע שפראכ, א ריינע, א גיט פארפלעקטע, מיט דער גאנצער אייגנארט פונ אירע קאָנסטרוקציעס אונ אויסדרוקנ, מיטנ עכטנ נאציִאָנאלנ סינטאקס,— דער מוז זי הערנ נאָר פונ דער פרויס מויל, — מעג דאָס זײַנ אינ פאָדאָליע, צי אינ טשערניגאָווטשטשינע, צי ערגעצ אנדערש. דאָס זײַנענ אונדזערע טמימעסדיקע וועסטאלקעס, וועלכע האלטנ אונטער אינ מעשעכ פונ יאָרהונדערטער די גרעסטע גאָב פונ אונדזער פאָלק — דעמ אומויסלעשלעכנ פלאמ פונ זײַנ וואָרט״ (Вiсник IУНМ, № 1—1928, стор. 78).

אָט אזוי גייט „אָביעקטיווקײַט״ אריבער אינ קאָנסערוואטיזמ, אינ אנטיפראָלעטארישע אײַנשטעלונגענ.

כ׳ שטיפ ווייסט, פארשטייט זיכ, אויכ פאלנ, ווענ גראמאטיק באפרײַט זיכ פונ קאָנסערוואטיזמ. נאָר דאנ, וואָרנט ער, לויערט איבער איר אנ אנדער געפאר. דאנ... קענ זי ווערנ צו היציק אונ סאנקציִאָנירנ דאָס „צופעליק־אופגעקומענע״.

קיינ שומ דערקלערונג, פונוואנענ קומט דאָס פלוצימ צו גראמאטיק, זי זאָל ווערנ באנײַעריש־היציק, געפינענ מיר ניט באמ כ׳ שטיפ. וואָס האלט דער כ׳ שטיפ פאר צופעליק־אופגעקומענ אינ דער שפראכ, איז דאָ אויכ ניט געזאָגט.

מיר קענענ זיכ אָבער גרינג אָנשטויסנ, אז דאָס זײַנענ די זעלביקע דערשײַנונגענ אינ דער שפראכ, וואָס כ׳ שטיפ האָט געשטרעבט מיט דער הילפ פונ זײַנע ייִדישיסטיש־פוריסטישע רעצעפטנ אויסצוראָטנ אונ וואָס גראמאטיק האָט ניט אונ קענ

ניט האָבן, לויט כ׳ שטיפס מיינונג, קיין שטעלונג צו זיי, די „גראמאטיש־געקינצלטע״ פאסיווע קאָנסטרוקציעס, דער סופיקס „באר״, זאכנ, וואָס — באמערקט דער כ׳ שטיפ — מע קענ צו זיי האָבנ היפשע טײַנעס בא צוועקמעסיקער שפראכ־פּאָליטיק.

איינ „קלײניקײַט״ אָבער איז דאָ ניט אָנגעוויזנ: ניט אלע פארשטייענ אלציינס, וואָס מע זאָל אָנרופנ צוועקמעסיקע פּאָליטיק אונ וואָס ניט־צוועקמעסיקע.

אינ „שפראכקולטור״ האָט מענ געקענט לייענע אזוינס:

> „דאָס שפראכ־לערנענ איז בא אונדז אָנגעשטעקט מיט פ אָ ר מ א ל י ז מ. שפראכ הייסט דאָ פאקטיש גראמאטיק״.

דערבײַ ווערט דער פאָרמאליזמ פונ גראמאטיק אבסאָליוט ניט דעשיפרירט. קומט אויס, אז כ׳ שטיפ שטעלט א גלײַכצייכנ צווישנ גראמאטיק אונ פאָרמאליזמ. דאָס איז אָבער געווענ ריכטיק בלויז פאר דעמ פעריִאָד, ווענ אינ גראמאטיק האָט געהערשט דער פאָרמאליזמ. ס׳איז געווענ א פעלער, וואָס כ׳ שטיפ האָט באנומענ דעמ פאָרמאליזמ ניט ווי א מעטאָדאָלאָגיש־באדינגטע דערשײַנונג, נאָר ווי עפּעס א מינ אייביקע קלאָלע, וואָס דריקט אפּנ עצעמ געביט פונ גראמאטיק.

אינ זײַנ שפּעטערדיקנ ארטיקל „שפראכקולטור אונ גראמאטישע קולטור״ [1]) קומט צו כ׳ שטיפ ערטערווײַז גאנצ נאָענט צומ אופדעקנ דעמ טאָכ פונעמ פאָרמאליזמ, אלס א מעטאָדאָלאָגישע פּראָבלעמ.

ער איז דאָ אופגעבראכט דערופ

> „ווייל ערנסט, מי, כאריפעס... מע פאטערט אינעמ „טעמפּל פונ גראמאטיק״, קעדיי צו ווײַזנ, אז אזוינע ווערטער ווי פאלטאָ, געפער געהערנ אינ רוסיש צו סובסטאנטיוונ״.
>
> „די שפראכ, — כויזעקט ווײַטער מיט פארביטערונג כ׳ שטיפ, — איז איראציִאָנעל... אונ גראמא־טיק קאָנסטרויִרט זיכ „גראמאטישע״ זאכנ, „גראמאטישע״ טוונגענ א.ד.גל. קעדיי ווי ס׳ניט איז אויסצוקלאסיפיצירנ, דעפינירנ אונ טערמינירנ שפראכ־פאקטנ״.

דאָ איז, געוויס, פאראנ א ווונק אפ דער מעטאפיזישער אײַנשטעלונג פונ דער פאָרמעלער גראמאטיק. ס׳איז אָבער, ווי כ׳ שטיפ האָט דאָס דערנאָכ אליינ טרעפלעכ כאראקטעריזירט, ניט מער, ווי א צופעליק שטעכווערטל.

לאָמיר זענ, וואָס קומט כ׳ שטיפ קעגנצושטעלנ דעמ פאָרמאליזמ אינ גראמאטיק.

> „וואָס, — זעצט ער פאָר די אויבנגעבראכטע שטעל, — האָט דאָס אלצ צו סטיליסטיק, צומ רעאלנ לעבנ פונ דער שפראכ? שפראכ איז דאָ א פאקט, וואָס מע דארפ אימ דערקענענ, באשרײַבנ, נישט קיינ מאטעריאל עפּעס צו בויענ, עפּעס צו טאָנ מיט דעמ!״

דעמ פאָרמאליזמ אינ גראמאטיק שטעלט כ׳ שטיפ קעגנ ניט א מעטאָדאָלאָגיש־ריכטיק געבויטע גראמאטיק, נאָר סטיליסטיק [2]), א צווײַג פונ לינגוויסטיק, וואָס האָט זײַנע ספּעציפישע אופגאבעס. דאָס דערקענענ אונ באשרײַבנ פאקטנ, דאָס קלאסיפיצירנ אונ דעפינירנ פאקטנ באטראכט כ׳ שטיפ, ווי א זאכ, וואָס האָט קיינ שײַכעס ניט צומ רעאלנ לעבנ פונ דער שפראכ, וואָס שליסט קלוימערשט אויס שטענדיק

---

[1]) „ייִדישע שפראכ״ 1930, נומ. 4—5 (אנ ענטפער אפ כ׳ דאָבינס אונ כ׳ פאלקאָוויטשעס ארטיקלענ קעגנ „שפראכקולטור״).

[2]) דערצו אינ אירע גרונט־אײַנשטעלונגענ — מעטאָדאָלאָגיש־פאלש געבויט. ווענג דעמ ווײַטער.

אונ קעסיידער בויונג אונ איבערבויונג. דאָס האָט ווידעראַמאָל טאַקע ניט געהאָלפנ אופצודעקנ דעמ טאָכ פונעמ פאָרמאַליזמ, נאָר ס'האָט בלויז פאַרפלאָנטערט די פראַגע.

שלעכט איז אינ גראַמאַטיק ניט דאָס, וואָס זי קלאַסיפיצירט, וואָס זי שטעלט אויס די שפּראַכ־דערשײַנונגענ אינ די פאַרהאַסטע באַמ כ' שטיפ „גראַמאַטישע קעסטעלעכ". יעדע וויסנשאַפט קלאַסיפיצירט איר אָביעקט צוליב דערלערנענ אימ. ניט דאָס דאַרפ אונדז פאַרדריסנ אינ דער פאָרמעלער גראַמאַטיק. שלעכט איז, ווי אזוי די דאָזיקע גראַמאַטיק קלאַסיפיצירט. שלעכט איז, וואָס דער אויסגאַנג־פּונקט פונ דער דאָזיקער גראַמאַטיק, דער גרונט־באַגריפ פונ דער גראַמאַטישער קלאַסיפיקאַציע איז די פאָרמ פונ וואָרט, אונ דאָס ברענגט דערצו, אַז שפּראַכ ווערט אינ דער דאָזיקער גראַמאַטיק אָפּגעריסנ פונעמ דענקענ, פונעמ רעאַלנ זײַנ אונ באַוווסטזײַנ.

שלעכט איז אינ דער פאָרמעלער גראַמאַטיק דאָס, וואָס זי איז פּרינציפּיעל סינכראָניש (דערלערנט ניט די שפּראַכ אינ איר אַנטוויקלונג), אונ איר קלאַסיפיקאַציע (באַזונדערס אינ דער פעטערסאָנישער אַנטפּלעקונג פונ דער פאָרמעלער גראַמאַטיק) פאַרקערפּערט די מעטאַפיזישע פּרינציפּנ פונ דער פאָרמעלער לאָגיק: זי אַנערקענט ניט קײנ פאַרבינדונג צווישנ די אײַנגעשטעלטע קלאַסנ, קײנ איבערגאַנג פונ אײנ באַגריפ אינ א צווייטנ אונ שמידט אײַנ די דיאַלעקטישע אַנטוויקלונג פונ דער שפּראַכ־ווירקלעכקײַט אינ די מעטאַפיזישע רובריקעס פונ דער פאָרמעלער לאָגיק.

דעריבער קומט אויס פעשקאָווסקינ צו פאַטערנ „אַזויפיל מי, ערנסט אונ כאַריפעס" א. אַז. וו. זײַנע באַמיונגענ קענענ אָבער ניט ברענגענ די נייטיקע פּרוכטנ, ביז ער בלײַבט אינעמ פאַרקישעפטנ קרײַז פונ פאָרמאַליזמ.

אַז מיר נעמענ די פראַגע וועגנ קלאַסיפיקאַציע, האָבנ מיר אויכ דאָ ניט קײנ אַנטפּלעקונג פונ „אָביעקטיווער וויסנשאַפט".

יעדע קלאַסיפיקאַציע דריקט אויס אינעמ לעצטנ סאַכאַקל די מעטאָדאָלאָגישע פּרינציפּנ, וואָס אַנטשפּרעכנ דער וועלטאָנשויונג פונ דעמ אָדער יענעמ קלאַס.

דער כ' שטיפ פאַרײנפאַכט אונ פאַרקריפּלט די פראַגע וועגנ דער שײַכעס צווישנ דעמ אופקומ פונ נײַע דערשײַנונגענ אינ שפּראַכ אונ גראַמאַטיק.

ער אַנטוויקלט דאָ אַזא געדאַנק:

„אַלע וויכטיקע נײַע אופטוענ אינ דער שפּראַכ קומענ אופ ספּאָנטאַנ... נישט פונ גראַמאַטיק האָט זיכ אָנגעהויבנ אַזא וויכטיקער פּראָצעס אינ וואָרטבילדונג אינ סאָוועטישנ יידיש, ווי די אַדיעקטיוויזאַציע פונ דער שפּראַכ, דאָס מאַכנ נײַע אַדיעקטיוונ מיט די באַקאַנטע סופיקסנ אָנשטאָט שווערע קאָמפּאָזיטנ (אַנשטאַלטישע פאָרשטייער, היגטערוויגיקע קורסנ א. אַז. וו.) א. ד. גל. דאָס האָבנ געטאָנ אונ טוענ מענטשנ, וואָס קלערנ נישט פונ גראַמאַטיק אונ פרעגנ נישט בא איר, אינ דעמ אַטאַכ אַזוינע, וואָס האָבנ קײנ גראַמאַטיק קײנמאָל ניט געלערנט, אַזוי טוענ קינדער שטענדיק — ביפראַט פאָרשול־קינדער — ווײַל אופ זיי דריקט נישט די „גראַמאַטישע טראַדיציע".

מיר וועלנ זיכ דאָ ניט טשעפּענ צומ כ' שטיפס אויסדרוק „ספּאָנטאַנ", מיר דאַרפנ רעכענענ, אַז כ' שטיפ האָט דאָ געלאָזט פאַלנ דאָס דאָזיקע וואָרט צופעליק, אַז ער האָט דערינ ניט אַרײַנגעלייגט דעמ אינהאַלט, וואָס מע מיינט געוויינלעכ מיטנ דאָזיקנ אויסדרוק. פונ כ' שטיפס אַנדערע אַרבעטנ ווייסנ מיר, אַז ער האָט ניט געקוקט אופ דער שפּראַכ, ווי פעשקאָווסקי, אַשטייגער, וואָס כאַראַקטעריזירט שפּראַכ אַלס „א גרויסאַרטיקע סטיכיע, וועלכע אַנטוויקלט זיכ לויט אירע אייגענע געזעצנ" (פעשקאָווסקי).

מיר ווענדן זיך צו דער דערשײַנונג אדיעקטיוויזאציע, וואָס כ׳ שטיפּ באהאנדלט. איר אופקום מאָלט דער כ׳ שטיפּ פאַלש.

די אדיעקטיוויזאציע אין דער שפּראַך העלפט מיט פּינקטלעכער און שאַרפער צו באַצייכענען די סימאָנים פון זאַכן. זי באַדינט דאָס דיפערענצירטערע דענקען, וואָס קומט אוף אין צוזאַמענהאַנג מיט די דיפערענצירטערע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן. די זעלביקע פּראָצעסן האָבן מיטגעבראַכט אויך צו דער אדיעקטיוויזאציע פון ייִדיש. א גרויסע ראָליע האָט דאָ געשפּילט די ווירקונג פון רוסיש, אוקראַיִניש און ווײַסרוסיש, ווו די אדיעקטיוויזאציע איז געווען מער אנטוויקלט. די ווירקונג פון די דאָזיקע שפּראַכן אף ייִדיש האָט זיך פאַר די יאָרן פאַר דער ראַטנמאַכט באַדײַטנדיק פאַרגרעסערט, אלס רעזולטאַט פון דער ברידערלעכער צוזאַמענאַרבעט פון די ייִדישע אַרבעטנדיקע מיט די רוסישע, אוקראַיִנישע און ווײַסרוסישע, אינעם פּראָצעס פון דער סאָציִאַליסטישער בויונג.

דער דאָזיקער פּראָצעס איז ניט געגאַנגען בלויז סטיכיש, פון זיך, ס׳איז דאָ גוט קענטיק באַוווּסטזיניקע רעגולירונג.

דער אַקטיווסטער אופטוער אין דער אדיעקטיוויזאציע פון דער שפּראַך איז געווען די סאָוועטישע פּרעסע. די אדיעקטיוויזאציע איז רײַך פאָרגעשטעלט אין דער נײַ־געשאַפענער וויסנשאַפטלעכער טערמינאָלאָגיע. און דאָ, אין אָט די ביידע אָנגערופענע געביטן (כ׳ שטיפּ האָט דאָס גוט געוווּסט), אַרבעט מען איבער שפּראַך ניט „אינטויִטיוו" בלויז, נאָר מע באַרעכנט באַוווּסטזיניק די אנטוויקלונג־וועגן און די נויטן פון דער שפּראַך, דערין — אירע גראַמאַטישע נאָרמעס. דאָ ווערן גראַמאַטישע טראַדיציעס געבראָכן (מע מאַכט אדיעקטיוון אָנשטאָט קאָמפּאָזיטן). די גראַמאַטישע טראַדיציעס ווערן נאַטירלעך אויך דיסקאָנטירט (מע שאַפט זיי, די נײַע אדיעקטיוון, מיט די באַקאַנטע, אַלטע, סופיקסן). דער פּראָצעס איז דאָ, ווי אומעטום, פּילזײַטיק, ווידערשפּרעכיק, דעריבער איז פאַלש און שעדלעך צו זוכן דעם אויסקוואַל פונעם באַנײַונג־פּראָצעס דאַפקע בא קינדער, ביפּראַט פּאָרשול־קינדער — „וואָס זײַנען פרײַ פון גראַמאַטישע טראַדיציעס". ניט פונדאַנען פליסט דער היפּט־שטראָם, ניט דאָס איז דער פירנדיקער פאַקטער.

שטרעבנדיק צו מאָביליזירן אַלע און אַלץ קעגן גראַמאַטיק, פאַרײַנפאַכט דער כ׳ שטיפּ די פראַגע ביז גאָר דערמיט, וואָס ער באַטאָנט, אז די באַנײַערישע אופטוער אין שפּראַך גייען דאַפקע פון מענטשן, וואָס קאָנען ניט קיין גראַמאַטיק און טראַכטן ניט וועגן איר, פאַרקריפּלט כ׳ שטיפּ די פראַגע וועגן באַציִונג צווישן טעאָריע און פּראַקטיק, צווישן סוביעקט און אָביעקט. מיר ווייסן, אז אויך אינעם אדיעקטיוויזאציע־פּראָצעס קומט קלאָר צום אויסדרוק דאָס, וואָס עס לערנט די מאַרקס־לענינישע טעאָריע וועגן די באַציִונגען צווישן סוביעקט און אָביעקט.

4. ציִ דאַרף מען גראַמאַטיק אין שול?

קעגן גראַמאַטיק פון דער מוטערשפּראַך, אַלס לערן־געגנשטאַנד, שטעלט כ׳ שטיפּ אַרויס אַזוינע מאָטיוון:

1) גראַמאַטיק פון דער מוטערשפּראַך לערנט גאָרניט. גראַמאַטיק איז וויכטיק באַם דערלערנען א פרעמדע שפּראַך, ווען מע דאַרף אויסלערנען די שפּראַך־פאָרמעס.

מוטערשפראַך אָבער, זאָגט כ׳ שטיף, לערנט מען זיך אויס פון זיך אַליין אין דער
פאַמיליע, אין דער שפּראַך־סוויווע, אין דער לעבנס־פּראַקטיק, אויך אין דער שול־
ארבעט.

דאָס, וואָס גראַמאַטיק קען אינעם געגעבענעם פאַל לערנען, זאָגט ער, האָט שוין
דאָס קינד גרייט (לויט דעם אַנטוויקלונג־גראַד).

„גראַמאַטיק,— באַמערקט נאָך כ׳ שטיף,— איז ניט נייטיק אויך צוליב אויסלערנען אָרטאָ־
גראַפיע און פּונקטואַציע, ווי אייניקע טײַנען דאָס. ביידע זאַכן קען מען דערלאַנגען אַף אַ פּאָ־
שעטערן פּראַקטישן וועג״.

2) די גראַמאַטישע סיסטעם קען מען די קינדער ניט געבן, ס׳איז ניט פאַר זייער
פאַרשטאַנד. גופא דער גרונט־באַגריף פון פאָרמעלער גראַמאַטיק — פאָרמע — איז אַ
ספק, צי ער איז צוגענגלעך פאַר די קינדער.

3) וואָס־זשע בלײַבט פון גראַמאַטיק?—טײַנעט ווײַטער כ׳ שטיף. קלאַסיפיקאַציעס
און דעפיניציעס. איז מיט די קלאַסיפיקאַציעס איז נאָך גראַמאַטיק אַליין ניט פאַרטיק
(אַשטייגער, די פראַגע וועגן ווערב און אינוואַריאַנט), און דעפיניציעס האָבן אַ טע־
ווע צו פאַרגעסן ווערן.

4) הייסט דאָס, אַז עס גייט פאַקטיש אינעם ביסל טערמינאָלאָגיע. דאָס דאַרף מען
וויסן, אַנערקענט כ׳ שטיף. אָבער פון טערמינאָלאָגיע מאַכט מען ניט קיין לימעד.
די טערמינעס דאַרף מען לערנען בײַ דער שפּראַך־אַרבעט, אַזוי ווי קינדער טוען
דאָס אין אַריפמעטיק, אַזוי ווי קינדער לערנען הונדערטער, טויזנטער אַנדערע טער־
מינען, אָנגעהויבן פון די געוויינלעכע „טערמינעס״: טיש, בוך א.אז.וו.

אַזוי מאַכט כ׳ שטיף צונישט דאָס לערנען גראַמאַטיק אין שול.

לויט כ׳ שטיפן, פאַרנעמט די שול דאָס לעצטע אָרט אין הינזיכט פון לערנען
די קינדער מוטערשפּראַך. די פאַמיליע, די שפּראַך־סוויווע, די לעבנס־פּראַקטיק טוען
דאָ אויף אַסאַך מערער.

די טײַנעס פונעם כ׳ שטיף וואָלטן עפּשער געהאַט אַ זינען, ווען די אויפגאַבע פון
דער שול וואָלט באַשטאַנען אויסשליסלעך אין לערנען מוטערשפּראַך אין ענגן זי־
נען פונעם וואָרט. אין שול דאַרף אָבער דאָס קינד באַהערשן די ליטעראַרישע שפּראַך.
און דאָס דעקט זיך ניט מיט דער מוטערשפּראַך, אינעם ענגן זינען פונעם וואָרט,
מיט דער שפּראַך פון דער סוויווע, וואָס רינגלט אומיטלבאַר אַרום דאָס קינד, מיט
דער שפּראַך פון דער לעבנ־פּראַקטיק פונעם קינד.

די ליטעראַרישע שפּראַך שטרעבט צו איינהײַטלעכקײַט אין איר גראַמאַטישער
סטרוקטור. די שפּראַך פון דער פאַמיליע היט אײַן דיאַלעקטן־אייגנשאַפטן (אין אויס־
שפּראַך, בענעגייע מין פון סובסטאַנטיוון, בייגונג).

די ליטעראַרישע שפּראַך איז אין איר זאַצבוי פילאַרטיקער און קאָמפּליצירטער
פון דער רייד־שפּראַך. די איינהײַטלעכע אָרטאָגראַפיע און פּונקטואַציע שטעלן פאָר מיט
זיך וויכטיקע, אומאָפּרײַסבאַרע עלעמענטן פון דער שריפטלעכער ליטעראַרישער שפּראַך.

לויט כ׳ שטיפן, טוט אויף דער גראַמאַטיק־לימעד ניט מער, וואָס ער לערנט אויס
די קינדער די פאָרמעס פון דער געגעבענער שפּראַך. ווען דאָס וואָלט אפילו גע־
ווען אַזוי, וואָלט דאַן דאָס לערנען די גראַמאַטיק פון דער מוטערשפּראַך אויך גע־
האַט אַ באַשטימטן ווערט.

די אופגאבע פונ גראמאטיק איז, פארשטייט זיכ, א פיל ברייטערע. גראמאטיק דארפ העלפנ די קינדער צו באזיניקנ די שפראכ־סטרוקטור, אופצודעקנ דאָס „רעאלע פראקטישע באוווסטזיינ", ווי עס אנטפלעקט זיכ אינ דער שפראכ־סטרוקטור, אונ העלפנ דערמיט די קינדער בעסער צו אָפערירנ מיט שפראכ.

מע דארפ דערביי געדענקענ, אז די קינדער דארפנ אינ שול באהערשנ די ליטערארישע שפראכ.

באהערשנ די ליטערארישע שפראכ הייסט באוואָפענענ זיכ מיט אירע אויסדרוקמעגלעכקייטנ, הייסט באהערשנ דעמ ריכטיקנ וואָרט־אונ זאצבוי, הייסט וויסנ די שפראכ ניט בלויז אזוי, ווי מע קענ זי „פונ זיכ", נאָר קענענ באוווסטזיניק אונ צוועקמעסיק אויסנוצנ די רעסורסנ פונ דער שפראכ. אזויארומ, באקומט דאָס לערנענ גראמאטיק א באשטימטנ טעאָרעטישנ אונ א נאָכ גרעסערנ פראקטישנ באטייט.

די אָנהענגער פונ פאָרמעלער גראמאטיק האָבנ פארנומענ זיכ דעריקער מיט דערווייזנ דעמ פראקטישנ ווערט פונ גראמאטיק אינ שול. פארוואָס דאָס איז געווענ אזוי,— וועגנ דעמ וועלנ מיר נאָכ רעדנ. די דיסקוסיע מיט כ' שטיפנ וועגנ גראמאטיק אינ שול איז אויכ געפירט געוואָרנ אינ דער פלאכ פונ דערווייזנ בלויז די פראקטישע נוצנ פונ גראמאטיק.

כ' פאלקאָוויטש האָט אינ זיינ ארטיקל [1]) אויספירלעכ גערעדט וועגנ דעמ באטייט, וואָס עס האָט גראמאטיק צוליב באהערשנ אָרטאָגראפיע. ענטפערט כ' שטיפ: אויב מע דארפ אויסלערנענ ריכטיק שרייבנ „ווייזט" אונ „ווייסט", איז דאָכ דער כילעק צווישנ זיי א סעמאנטישער. איז צוליב וואָס איז דאָ נייטיק גראמאטיק? שוינ גיכער פאָנעטיק.

דערויפ דארפנ מיר זאָגנ:

„ווייזט" אונ „ווייסט" אונטערשיידט מענ טאקע לויטנ באטייט. אָבער דער כילעק אינ באטייט דערקלערט נאָכ ניט די אָרטאָגראפיע. קעדיי צו וויסנ, אז מע דארפ שרייבנ „ווייסט" (די שטוב) מיט א ס אונ „ווייזט" (מיטנ פינגער) מיט א ז, דארפ מענ קענענ אייַנשליסנ ווייסט אינ איינ ריי מיט וויַס, ווייסער א. ד. גל. אונ ווייזט אינ איינ ריי מיט וויַז, ווייזער א. ד. גל., ד.ה. מע דארפ וויסנ וועגנ דעמ וואָרצל פונעמ וואָרט, וועגנ סופיקס, פלעקסיע א.אז.וו. ד.ה. מע דארפ זיינ באקאנט מיט דער גראמאטישער סטרוקטור פונעמ וואָרט, מיטנ וואָרטבוי אונ וואָרטבילדונג.

דער כ' שטיפ האלט דאפקע יאָ, אז וואָרטבילדונג דארפ מענ דערלערנענ אינ שול, ער שליסט אָבער אויס וואָרטבילדונג פונ גראמאטיק. ער מאָלט, אגעוו, די לאגע אזוי, אז די פאָרמעלע גראמאטיק פארנעמט זיכ קלוימערשט בלויז מיט אויסרעכענענ א צעטל סופיקסנ, וואָס קומענ פאָר אינ די אָדער יענע ווערטער, אונ אז דעמ באטייט פונ די סופיקסנ דעקט זי, קלוימערשט, ניט אופ.

אזוינס איז קיינמאָל ניט געווענ אפילע אינ דער ארכי־פאָרמעלער גראמאטיק.

וואָרטבילדונג איז א וויכטיק קאפיטל פונעמ גראמאטישנ קורס אינ שול. וואָרטבילדונג איז נייטיק צוליב פארשטיינ דעמ בוי פונ וואָרט אונ זיינ באטייט. וואָרטבילדונג לערנט צו פארשטיינ די פראָצעסנ, וואָס קומענ פאָר אינעמ לעקסישנ באשטאנד פונ דער שפראכ.

---

[1]) ע. פאלקאָוויטש. „שפראכקולטור אונ גראמאטיק" — „ייד. שפראכ" 1930. נומ. 4—5.

לערנענ וואָרטבילדונג איז נייטיק אויכ צוליב באַהערשנ אָרטאָגראַפיע.

ס'איז שוינ אוועק די צײַט, ווענ דאָס באַהערשנ אָרטאָגראַפיע האָט מענ באַזירט בלויז אַפ ביאָמעכאַניסטישע פּרינציפּנ פונ אויג־און מוסקול־טרענירונג. איצט איז שוינ עקספּערימענטאַל און טעאָרעטיש דערוויזנ, וואָס פאַר אַ באַטײַט ס'האָט דאָס באַזיניקנ די אָרטאָגראַפיע פונעמ וואָרט פאַר באַהערשנ זי. און צוליב באַזיניקנ די אָרטאָגראַפיע דאַרפ מענ באַזיניקנ דעמ בוי פונעמ וואָרט. דער מאָרפאָלאָגישער פּרינ־ציפּ איז גאַנצ היפּש פאַרטראָטנ אינ אונדזער אָרטאָגראַפיע.

מיר ווענדנ זיכ, אַשטייגער, צו שילערישע העפטנ. זעענ מיר דאָ גרײַזנ אינ דער אָרטאָ־גראַפיע פונ פּרעפיקסנ, סופיקסנ און פלעקסיעס, אָט פעלנ אויס בינדצייכנס אינ צונויפזאַצנ. וויאַזוי קענ מענ אויפקלערנ די שילער די דאָזיקע גרײַזנ, וויאַזוי קענ מענ פאָרמולירנ פאַר זיי די אָדער יענע אָרטאָגראַפישע קלאָלימ, אויב מיר וועלנ ניט שאַפנ די באַזע פונ די נייטיקע דערצו גראַמאַטישע ידיעות?

כ' שטיפ האָט געטײַנעט, אַז צוליב אָרטאָגראַפיע איז וויכטיקער פאָנעטיק, ווי גראַמאַטיק. ס'פאַרשטייט זיכ, אַז צוליב באַהערשנ די אָרטאָגראַפיע איז נייטיק אַ באַשטימטער סכומ פאָנעטישע ידיעות. אָבער אינ דער לעבעדיקער שפּראַכ טרעט דאָכ אַרויס דער קלאַנגלעכער מאָמענט (אַשטייגער, קלאַנגענ־אַסימיליאַציע) ניט איזאָ־לירט, נאָר איבערגעפלאָכטנ מיטנ סעמאַנטיש־סטרוקטורישנ מאָמענט (ווײַז + ט = וואָרצל + פלעקסיע). דעריבער איז טאַקע נאַטירלעכ אינעמ שול־קורס פונ שפּראַכ ניט דערלערנענ פאָנעטיק באַזונדער אַנ און פאַר זיכ. דערפאַר ווערט טאַקע פאָנעטיק אײַנגעשלאָסנ אינעמ קורס גראַמאַטיק, און ס'איז ניטאָ קיינ שומ גרונט צו אַרגו־מענטירנ מיט פאָנעטיק קעגנ גראַמאַטיק.

דער כ' פאַלקאָוויטש גיט נאָכ דעמ כ' שטיפ, אַז די פאָרמעס פונ דער מוטער־שפּראַכ דאַרפ דאָס קינד ניט לערנענ, עס האָט זיי פאַרטיק. מיר האָבנ אָבער אינעמ קינדס מויל דאָ אָפט צו טאָנ מיט דיאַלעקט־פאָרמעס (אינ בייגפאַלנ, אינ מינ־באַנוצ). ס'איז דאָ ווידעראַמאָל דעריבער נייטיק די הילפ פונ גראַמאַטיק, קעדיי צו באַ־הערשנ די ליטעראַרישע שפּראַכ. ס'איז טאַקע אינ אַ געוויסער מאָס ריכטיק, אַז מיר פאַרשפּאָרנ צו לערנענ דעמ שילער ריכטיק אויסבילדנ די מערצאָל־פאָרמ פונ טיש, מיר דאַרפנ אָבער אויסלערנענ די קינדער ריכטיק צו שרײַבנ די פלעקסיעס נ און ענ, אונטערצושיידנ צווישנ דער איינצאָל־פאָרמ ב ר ו ד ע ר מיט דער מערצאָל־פאָרמ ב ר י ד ע ר, אונטערצושיידנ צווישנ דער אינפיניטיוו־פאָרמ ג ע פ י נ ע נ מיט דעמ פאַרטיציפּ ג ע פ ו נ ע נ (אינ רייד איז דאָס אינעמ אוקראַינישנ דיאַלעקט אַלצײנס). איז אָט די און ענלעכע פאַקטנ פאָדערנ שוינ אַפילע נאָר צוליב אָרטאָגראַפישע צוועקנ, מיר זאָלנ מיט די קינדער דורכאַרבעטנ די אויסבילדונג פונ מערצאָל, די בייגונג־סיסטעמ א.אַז.וו.

מיר האָבנ דאָ באַהאַנדלט די פראַגע וועגנ אָרטאָגראַפיע, איז שוינ נאַטירלעכ, אַז מיר זאָלנ איצט אַריבערגיינ צו דער פראַגע וועגנ פּונקטואַציע. כ' שטיפ האָט ווידער־אַמאָל געהאַלטנ, אַז דער איניענ פונ פּונקטואַציע איז גאָרניט אַזוי קאָמפּליצירט. זײַנע באַווײַזנ:

ערשטנס, שטעקט אינ פּונקטואַציע אַ היפּש ביסל אינטאָנאַציע. און, צווייטנס, האָט שוינ כ' פאַלקאָוויטש געוויזנ אינעמ ערשטנ קאַפּיטל פונ זײַנ „גראַמאַטיק

פֿאר דערוואקסענע״ (2 אופֿלאגע), אז דאָס וויכטיקסטע פֿון פּונקטואציע קען מען אויסלערנען די שילער אָן דער הילף פֿון גראמאטיק [1].

נעמען מיר כ׳ פֿאלקאָוויטשעס ביכל און מיר בלעטערן דורך דאָס ערשטע קאפּיטל. וואָס איז דאָ געגעבן פֿון פּונקטואציע?

די אָפּשטעל־צייכנס סאָף זאץ, קאָמעס בא איבערעכענונג און ווענדונג — און שוין.

פֿרעגט זיך: צי איז דען דערמיט שוין אויסגעשעפּט דאָס וויכטיקסטע? נו, און ווו איז די פּונקטואציע אינעם צונויפֿגעזעצטן זאץ, צווישן דעם הויפּטזאץ און בײַזאץ, אָדער ווען דער בײַזאץ צעהאקט דעם הויפּטזאץ? צי קען מען אויך דאָ אויסקומען אָן גראמאטיק, און פֿארלאָזן זיך בלויז אף אינטאָנאציע? אָדער וואָס זאָל מען טאָן מיט די פֿאלן, ווען מיר האָבן אין זאץ פּאוזעס, וואָס דארפֿן ניט ווערן פּונקטוירט? אשטייגער, די פּאוזע צווישן סוביעקט און פּרעדיקאט? פֿארוואָס איז דאָס אלץ ווייניקער וויכטיק, ווי קאָמעס בא איבערעכענונג א.ד.גל.?

די דאָזיקע אלע מאָמענטן ווײַזן, ווי אקטועל ס׳איז די פּונקטואציע: אָן איר איז דעם לייענער אסאך שווערער צו באנעמען דעם אינהאלט.

ס׳איז קלאָר: צו פֿולשטענדיקער שריפֿטקענעוודיקײַט אין פּונקטואציע קען מען אָן גראמאטיק ניט דערגרייכן.

פֿאָרמולירנדיק די צילן פֿונעם שפּראך־לימעד אין שול, רעדט כ׳ שטיף וועגן צוגעוויינען די שילער צום לייענען א צײַטונג און א בראָשור. איז ווי׳אזוי ווירקט די באקאנטשאפֿט מיט דער גראמאטישער סטרוקטור פֿון דער שפּראך אף קענען לייענען און באנעמען דאָס געלייענטע?

אונדזער ריידן קומט פֿאָר ניט וואָרט בא וואָרט. מיר אָפּערירן באם ריידן מיט גרייטע „וואָרט־פֿאָרמולעס״, אויסנוצנדיק דעם אָנגעזאמלטן פֿארמאָג פֿון לאָגיש־און סינטאקסיש־צווישן זיך פֿארבונדענע ווערטער. פּונקט אזוי איז באם לייענען שטויסן מיר זיך אָן לויט באזונדערע ווערטער וועגן דעם אינהאלט פֿון א גאנצער פֿראזע אפֿן סמאך פֿון באקאנטע סינטאקסישע פֿארבינדונגען.

די גרײַזן פֿון אומדערפֿארענע לייענער איז אָפּט צו דערקלערן דערמיט, וואָס זיי באגעגענען זיך מיט פֿרעמדע פֿאר זיי שפּראכלעכע קאָנסטרוקציעס.

דאָ גייט ניט בלויז אין דער לויפֿיקײַט פֿונעם לייענען. ס׳גייט אין באנעמען טיפֿער און אלזײַטיקער דעם אינהאלט פֿונעם געלייענטן. גראמאטיק לערנט מיט די מעטאָדן פֿון אנאליז און סינטעז צו באנעמען דעם אינהאלט פֿון דער שפּראך־סטרוקטור אין איר גלידערונג און קייטלונג.

גראמאטישע געשולטקײַט הייבט די קולטור פֿונעם לייענען. וועגן דעם האָט גערעדט גאנץ טרעפֿלעך כ׳ דאָבין אין זײַן ארטיקל „גראמאטיק און סטיליסטיק אין דער ארבעטשול״ („יידישע שפּראך״ 1930, נומ. 4—5). כ׳ שטיף האָט דעם דאָזיקן וויכטיקן פּונקט אין זײַן אָפּענטפֿער אזוי גוט ווי פֿארשוויגן.

מיר האָבן גערעדט וועגן קענען באנעמען א קאָמפּליצירטערן זאץ באם לייענען. און ווי האלט דאָס מיט לערנען ריכטיק בויען א קאָמפּליצירטערן זאץ? צי קען מען

---

1) מיר שטרײַכן אונטער, אז דאָס האָט כ׳ שטיף אזוי אויסגעטײַטשט פֿאלקאָוויטשן. כ׳ פֿאלקאָוויטש בויט אָבער פֿאקטיש אין די ווײַטערדיקע קאפּיטלען די פּונקטואציע אף דער באזע פֿון גראמאטיק.

זיכ דאָ באַגײנ אָנ גראַמאַטיק? אָט שטויסנ מיר זיכ אָנ אָפּ א גרײַזיקנ זאצבוי אינעמ שילערס שפּראַכ. ס׳פארשטײט זיכ, אז די ניט ריכטיקײַט פונעמ זאצבוי קענ מענ אינ באַזונדערע פאַלנ אופדעקנ אויכ אָנ דער הילפ פונ גראַמאַטיק. לערנענ הײסט דאָכ אָבער „טיפּיזירנ, סיסטעמאַטיזירנ“, זאָגט ריכטיק כ׳ שטיפּ, ניט טײַטשנ אַלעמאָל באַזונדערע בײַשפּילנ, אונ טיפּיזירנ קענ מענ דאָכ נאָר מיט דער הילפ פונ גראַמאַטיק.

כ׳ פּאלקאָוויטש האָט שוינ געהאַט באַרירט די דאָזיקע פראַגע. ער האָט געבראַכט אַזא בײַשפּיל, פונ א סטודענטישער שריפטלעכער אַרבעט: „מע האָט אונטערגעפירט סאַכאַקלענ פונ דער באַהאַנדלונג די באַריכטנ אָפּ די פּראָפקרײַזנ“. כ׳ שטיפּ האָט געענטפערט: סטודענטנ, וואָס שרײַבנ אַזוי, קענענ שלעכט יידיש, אונ מע דאַרפ מיט זײ לערנענ יידיש, ווי א פרעמדע שפּראַכ. אינדערעמעסנ איז דאָס ניט אַזוי אײנפאַכ. די סטודענטנ, וואָס שרײַבנ אַזוי, ווי אינ דעמ נאָר־וואָס געבראַכטנ מוסטער, קענענ עפּשער גאַנצ גוט די גערעדטע שפּראַכ. דאָס הײסט אָבער נאָכ ניט, אז זײ זײַנענ באַוואָרנט פונ אויסגליטשנ זיכ בײַס זײ קומענ צו קאָמפּליצירטערע אויסבילדונגענ אינעמ זאצבוי פונ דער ליטעראַרישער שפּראַכ.

מיר האָבנ פאַר זיכ אינעמ געבראַכטנ בײַשפּיל אַזא דערשײַנונג: דער זאצבוי פונעמ סטודענט איז שוינ באַווירקט פונ דער ליטעראַרישער קאָנסטרוקציע מיטנ ווערבאַלנ סובסטאַנטיוו, ער האָט אָבער די קאָנסטרוקציע ניט באַזיניקט גראַמאַטיש, ווערט ער דעריבער געשטרויכלט באַמ אָנווענדנ זי.

די אָנהענגער פונ גראַמאַטיק אינעמ פאָרמאַליסטישנ לאַגער האָבנ אָפּט גערעדט וועגנ דער שוועריקײַט אונ אַבסטראַקטקײַט פונ גראַמאַטיק, אונ דערלאַנגענ קאָנסעקווענט גראַמאַטיק די קינדער אינ דער שול פונעמ ערשטנ קאָנצענטער האָבנ זײ געהאַלטנ פאַר א שווערנ אײניענ. מע האָט זיכ דערבײַ געזוכט פאַרשײדענע אויסוועגנ. בוזוק, אַשטײגער, האָט געהאַלטנ, אז מעטאָדיש איז דער באַקוועמסטער פאַרנ ערשטנ קאָנצענטער דער פאָרמעלער פּרינציפּ, ווײַל

„די פאָרמעל־גראַמאַטישע סימאָנימ פונ די וואָרט־קלאַסנ זײַנענ צוגענגלעכ פאַרנ קינדערשנ פאַרשטאַנד... דאַרפ מענ, הײסט דאָס, די קינדער ווײַזנ נאָר די פאָרמעס פונ סובסטאַנטיוו, די אינהאַלטלעכע באַשטימונג פונ גראַמאַטישע דערשײַנונגענ קענ אויכ באַהעפט ווערנ צו די פאָרמעלע דעפיניציעס אינ שול, אָבער ניט פריִער פונעמ 6—7 לערניאָר“ [1].

אויכ פּעשקאָווסקי האַלט, אז גראָד דער אינטערעס צו דער אויסערלעכער קלאַנגלעכער כאַראַקטעריסטיק פונ דער גראַמאַטישער פאָרמ ווידערשפּרעכט ניט צו דער קינדערשער פּסיכיק. א סימענ, אז קינדער האָבנ ליב וואָרטשפּיל, שאַראַדעס, האָבנ ליב צו שטיפנ מיט רײד. איז ווידעראַמאָל דערפונ געדרונגענ, אז אינעמ ערשטנ קאָנצענטער דאַרפ קומענ דער פאָרמעל־קלאַנגלעכער אַנאַליז, עמעס, אַביסל באַפּרישט מיט סעמאַנטיק [2]. דאָ זעענ מיר בולעט, וויאַזוי דער פאָרמאַליזמ פירט צומ אויסלײדיקנ דעמ שפּראַכ־לימעד פונ אינהאַלט אונ פאַרוואַנדלט אימ שיר ניט אינ הוילער רײד־שטיפערײַ...

נאָר אויב די רוסישע פאָרמאַליסטנ האָבנ געמוזט זוכנ א באַרעכטיקונג פאַר גראַמאַטיק בלויז אינעמ ערשטנ קאָנצענטער, ווײַל כ׳ שטיפּ ניט אָנערקענענ גראַמאַטיק אויכ

---

[1]) П. О. Бузук. Основные вопросы языкознания, стр. 136.

[2]) Я. М. Пешковский. Вопросы методики... стр. 19.

פארנ צווייטנ קאָנצענטער. די סיסטעמ פונ גראמאטיק, האלט ער, איז ניט פאר קינדער (אונ דאָ איז געמיינט שוינ די מיטלשול). דעמ גרונט־באגריפ פונ פאָרמעלער גראמאטיק־פאָרמ זײַנענ די קינדער ניט אימשטאנד צו באנעמענ.

אָבער דאָ גייט ניט אינ שווערקײַט אונ גרינגקײַט בלויז, נאָר אינ דער ריכטיקײַט אונ צוועקמעסיקײַט פונעמ צוגאנג גופע.

אָט בעריעט זיכ, אשטייגער, כ׳ פאלקאָוויטש אינ זײַנ „גראמאטיק פאר דערוואקסענע" צו ברענגענ דעמ באגריפ וועגנ פאָרמעלנ אונ מאטעריעלנ באטײַט. ער זעט דאָס צו מאכנ וואָס פאָפולערער, אונ ס׳באקומט זיכ בא אימ ניט שווער, כאָטש אפילע אביסל פארפלאכט, ווולגאריזירט.

צוליב וואָס אָבער איז פאלקאָוויטשנ נייטיק די גאנצע האָרעוואניע? קעדיי די שילער זאָלנ זיכ דערוויסנ, אז

„מיט שטודירנ אלערליי פאָרמעלע דערשײַנונגענ בא איינצלנע ווערטער אונ בא גרופעס ווערטער, מיט סיסטעמאטיזירנ אונ קלאסיפיצירנ די דאָזיקע דערשײַנונגענ אונ מיט אויסטײַטשנ זייערע באטײַטנ—מיט דער דאָזיקער ארבעט פארנעמט זיכ די וויסנשאפט, וואָס הייסט גראמאטיק" (ז. 15).

וואָס גיט דאָס דעמ שילער? באמ שילער קענ דאָס נאָר ארויסרופנ פארוווּנדערונג אונ אופרעגונג: וואָס פאר א שײַכעס האָט צו אימ, צו זײַנ שפראכ, צו זײַנ רעדנ אונ שרײַבנ די דאָזיקע גראמאטיק?

ס׳איז איצט אָפגעפאלנ די אופגאבע צו געבנ די קינדער דעמ באגריפ „פאָרמ" אלס גרונט־באגריפ, ווײַל ניט אפ אימ דארפ זיכ באזירנ די גראמאטישע סיסטעמ. שפראכ איז רעאל פראקטיש באוווּסטזײַנ, אונ אלע אָפטיילנ פונ דער שפראכ־וויסנשאפט דערלערנענ, וויאזוי די שפראכ שפיגלט אָפ דאָס רעאלע פראקטישע באוווּסטזײַנ. דער אויסגאנג־פונקט פאר אלע לינגוויסטישע וויסנשאפטנ איז דעריבער דער באטײַט. די שפראכ איז סטרוקטוריש. די גראמאטיק דערלערנט די באטײַטנ, וויאזוי זיי אנטפלעקנ זיכ אינ דער סטרוקטור פונעמ וואָרט אונ זאצ.

דאָס דאָזיקע דערלערנענ באזירט זיכ אפ דער באטײַטלעכער גלידערונג פונעמ זאצ אונ וואָרט, אונ דאָס איז דער גרונט פונעמ גראמאטיק־אונטעריכט אפ אלע שטופעס פונעמ לערנענ.

כ׳ שטיפ טײַנעט, אז קיינ סיסטעמ פונ גראמאטיק קענ מענ די קינדער ניט געבנ. געבנ גראמאטיק אלס סיסטעמ הייסט אָבער ניט טאָנ דאָס אפ אלע שטופנ אלציינס ברייט אונ טיפ, אלציינס פילזײַטיק אונ אויסשעפיק. ווי אינ אלע וויסנשאפטנ, איז דאָ, פארשטייט זיכ, נייטיק די נאטירלעכע קאָנצענטרישקײַט, די נאטירלעכע שטופנווײַזע אנוואקסונג אונ קאָמפליצירונג אינעמ באטראכטנ דעמ געגנשטאנד. אינ דעמ זינענ דארפ מענ פארשטיינ לעבינס ארויסזאָגונג וועגנ דעמ [1]), אז מיט דער פאָרמעלער לאָגיק (דערבײַ מיט נייטיקע קאָרעקטיווּנ) מוז מענ זיכ באנוגענענ אינ דער שול.

[1]) „די פאָרמעלע לאָגיק, מיט וועלכער מע באגרענעצט זיכ אינ די שולנ (אונ מע דארפ זיכ באגרענעצנ — מיט קאָרעקטיווּנ — פאר די נידעריקערע קלאסנ פונ דער שול), נעמט די פאָרמעלע דעפיניציעס אָנפירנדיק, זיכ דערמיט, וואָס עס איז דאָס געוויינלעכסטע אָדער וואָס עס ווארפט זיכ אָפטער אינ די אויגנ, אונ באגרענעצט זיכ דערמיט. די דיאלעקטישע לאָגיק פאָדערט, מיר זאָלנ גיינ ווײַטער" (Ленин. Еще раз о профсоюзах, т. XXVI, стр. 132)

אין דער זעלביקער צײַט דאַרף מען אונטערשטרײַכן, אַז דער קרײַז יעדיעס, וואָס מיר גיבן אין דער מיטלשול, דאַרף זײַן ווי געהעריק סיסטעמאַטיזירט און פּינקטלעך אָנגעצייכנט.

די באַהויפּטונג, אַז קיין סיסטעם קען מען די קינדער ניט געבן, פֿאַלט אײַנגאַנצן צונויף מיט די אײַנשטעלונגען פֿונעם קאָמפּלעקס־מעטאָד, וואָס האָט אונטערגעריסן די סיסטעמאַטישקײַט פֿונעם אונטעריכט אין באַזונדערע דיסציפּלינעס.

ווײַטער האָט דער כ׳ שטיפּ אויסגעדריקט אַ געוויסן צווייפֿל אינעם ווערט פֿון דער גראַמאַטישער קלאַסיפֿיקאַציע, ווײַל גראַמאַטיקער אַליין קענען דאָ צווישן זיך ניט דורכקומען.

דאָס איז, פֿאַרשטייט זיך, געזאָגט מער צוליב פּאָלעמיק. יעדנפֿאַלס, נעמט אָן כ׳ שטיפּ און נוצט אויס די רעזולטאַטן פֿון דער קלאַסיפֿיקאַציע. געוויס שטייט איצט גראַמאַטיק פֿאַר אַסאַך פּראָבלעמעס, וועלכע דאַרפֿן געלייזט ווערן אָפּסנײַ אין שײַן פֿון מאַרקס־לעניניסטישער מעטאָדאָלאָגיע.

דאָס הייסט אָבער בעשומופּנים ניט, אַז דאָס, וואָס מיר קענען הײַנט־צו־טאָג שוין לערנען די קינדער, איז ניט נוצלעך פֿאַר זיי ניט טעאָרעטיש, ניט פּראַקטיש, בפֿראַט נאָך, ווען מיר ווייסן, אַז אין שול קענען מיר ביקלאַל ניט אויסשעפּן די אָדער יע־נע שפּראַך־דערשײַנונג אין איר גאַנצער קאָמפּליצירטקײַט.

קיין ערנסטע באַגרינדונג האָט אויך ניט אונטער זיך כ׳ שטיפּס אָפּוואַרפֿן דעפֿי־ניציעס. דעפֿיניציעס, זאָגט כ׳ שטיפּ, האָבן אַ טענדענץ צו פֿאַרגעסן ווערן. אויב גיין מיטן דאָזיקן געדאַנק, איז פֿאַרוואָס זאָל מען דאָס ניט אָנווענדן צו דער גאַנצער לערן־אַרבעט? וואָס פֿונעם גאַנצן לערן־מאַטעריאַל האָט דען ניט די מיִעסע טענדענץ צו פֿאַרגעסן ווערן? אָבער דער דאָזיקער געדאַנקענגאַנג איז געריכטעט קעגן פֿאַרפֿעסטיקן די לערן־אַרבעט אין שול, קומט אויס אָפּצושטעלן זיך דערויף.

אין דער אַרגומענטאַציע קעגן גראַמאַטיק גייט כ׳ שטיפּ אַרויס פֿון אַזאַ פֿאָרויס־זעצונג: ס׳דאַרף זײַן אַ כּלעק צווישן לערנען מוטערשפּראַך און אַ פֿרעמדע שפּראַך. גראַמאַטיק לערנט די פֿאָרמעס, און דאָס קען שוין דער שילער סײַווי. מיר האָבן אויבן געזען גערעדט, וואָס פֿאַר אַן אינהאַלט מיר לייגן אַרײַן אינעם לערנען גראַמאַטיק. ס׳פֿאַלט שוין אָפּ, אַזויאַרום, די טײַנע, אַז די גראַמאַטיק פֿון דער מוטערשפּראַך לערנט גאָרניט. מיר דאַרפֿן אָבער דאָ נאָך צוגעבן פֿאָלגנדיקס.

די סאָוועטישע שול איז אַ פֿילשפּראַכיקע. די מוטערשפּראַך דאַרף קומען צוהילף דעם שילער באַם דערלערנען די איבעריקע שפּראַכן. דעם שילער וועט גרינגער זײַן צו באַנעמען די ניט־אייגענע שפּראַך, אויב ער וועט זען, מיט וואָס די דאָזיקע שפּראַך איז אין איר גראַמאַטישער סטרוקטור ענלעך צו זײַן מוטערשפּראַך, און מיט וואָס אונטערשיידט זי זיך פֿון איר.

אַלזאָ, גראַמאַטיק פֿון דער מוטערשפּראַך דאַרף און קען צונוץ קומען די שי־לער באַם דערלערנען די איבעריקע שפּראַכן.

די פֿאָרמאַליסטישע גראַמאַטיק האָט געזוכט איר עקזיסטענץ־רעכט, אַלס לערנ־געגנשטאַנד, דעריקער אין די שמאָל פּראַקטישע באַדערפֿענישן פֿון דער שול. ס׳פֿאַר־שטייט זיך, אַז באַם מעטאַפֿיזישן אָפּטיילן מיט שפּראַך, אָפּגעריסן פֿון זײַן און באַ־וווסטזײַן, איז זייער שווער געווען צו ריידן וועגן דעם אַלגעמיינעם בילדונג־ווערט

און וועגן דער אַלגעמיינער בילדונג־ווירקונג פון גראַמאַטיק. אַנדערש איז די לאַגע באַם מעטאָדאָלאָגישן איבערבוי פון דער לינגוויסטיק אינגאַנצן גענומען, און ספּעציעל פון דער גראַמאַטיק.

מיר דאַרפן איצט שטאַרקער אונטערשטרייכן די ראָליע פון גראַמאַטיק אין דער אַלגעמיינער אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג פונעם שילער.

גראַמאַטיק דעקט אויף פאַר די קינדער דעם שפּראַכלעכן אויסדרוק פון וועזנטלעכע דענק־באַגריפן (זאַך, טוונג, סימען); זי דעקט אויף די באַציִונגען צווישן טוער און טוונג, סוביעקט און אָביעקט, פאַקט און זיין סיבע א.אז.וו. אַלזאָ, גראַמאַטיק שפּילט אַ באַשטימטע ראָליע אינעם לערנען אָפּערירן מיט די דאָזיקע קאַטעגאָריעס.

מיר קומען דאָ צו צו דער פראַגע וועגן דער באַציִונג צווישן גראַמאַטיק און לאָגיק. דאָ איז צוועקמעסיק צו דערמאָנען, וואָס לעניִן האָט באַמערקט וועגן דעם באַם קאָנספּעקטירן העגעלס אַרויסזאָגונג אַף דער דאָזיקער טעמע.

העגעל האָט געשריבן:

„דער, וואָס הייבט ערשט אָן דערלערנען גראַמאַטיק, געפינט אין אירע פאָרמעס און געזעצן טרוקענע אַבסטראַקציעס, צופעליקע קלאָלים, בכלל אַסאַך אָפּגעזונדערטע דעפיניציעס, וואָס ווייזן נאָר דעם ווערט און באַטייט פון דעם, וואָס איז פאַראַן אין איר אומיטלבאַרן זין...

און, פאַרקערט, בלויז דער, וואָס באַהערשט שוין די שפּראַך און ווייסט אויך אַנדערע שפּראַכן פאַרגלייכיק מיט דער ערשטער, האָט שוין די מעגלעכקייט צו דערפילן אין דער גראַמאַטיק פון זיין שפּראַך, גייסט און בילדונג פונעם פאָלק... מיט דער הילף פון גראַמאַטיק קען מען אויך דערקענען דעם אויסדרוק פונעם גייסט אין אַלגעמיין, די לאָגיק" (העגעל — „וויסנשאַפט פון דער לאָגיק", רוסישע אויסגאַבע, 1929, ז. 12).

לעניִן קאָנספּעקטירט די דאָזיקע שטעל און כאַראַקטעריזירט זי מיט אַן אָנמערקונג:

„פיין און טיף!"

באַם לייענער קען אויפקומען אַ באַגרינדעטע דערווידערונג:

העגעל און לעניִן האָבן אין זינען אַן אַנדערע, אַ העכערע שטופע אינעם דערלערנען שפּראַכן און גראַמאַטיק.

ריכטיק! אָבער „די טרוקענע, אַבסטראַקטע צופעליקע קלאָלים, אָפּגעזונדערטע דעפיניציעס", וואָס דער שילער געפינט אין גראַמאַטיק אינעם ערשטן עטאַפּ פון לערנען, „ווייזן... דעם ווערט און באַטייט פון דעם, וואָס איז פאַראַן אין איר אומיטלבאַרן זין". און אָנהייבן די דערקענטעניש־אַרבעט מיט די קינדער מוז מען פונעם „אומיטלבאַרן זין", דאָס הייסט ניט, אַז מיר דאַרפן רעסטאַווירן אין שול די אַלטע לאָגיסטישע גראַמאַטיק, וועלכע האָט איינגעשמידט די קאָמפּליצירטע שפּראַך־ווירקלעכקייט אין די פאַרגליווערטע געזעצן פון דער פאָרמעלער לאָגיק.

מיר דאַרפן שוין פון די אָנהייב־שריט אינעם גראַמאַטיק־לימעד אַרייַנברענגען די „נייטיקע צוגאָבן", לויט כ' לעניִנס אויסדרוק, צו דער עלעמענטאַרער גראַמאַטישער סיסטעם, קעדיי די שילער זאָלן קענען באַטראַכטן די שפּראַך ווייט־מעגלעך אין אירע פאָרמיטלונגען, אַלס איינהייט פון ווידערשפּרוכן. דאָס טוען מיר טאַקע, באַלויכטנדיק, צום בייַשפּיל, אין דער שול־גראַמאַטיק די איבערגאַנג־דערשיינונגען אין דער ווערטער־קלאַסיפיקאַציע (סובסטאַנטיווירטער אינפיניטיוו, סובסטאַנטיווירטער אַדיעקטיוו) א. ד. גל.

5. סטיליסטיק און גראמאטיק

דער דראנג נאָכ לעבעדיקער שפראכ־ארבעט אינ שול — דאָס איז די אקס פונ כ׳ שטיפס פראָגראמ פונ שפראכ־אונטעריכט אינ שול. מע דארפ לערנענ די קינדער אָרגאניזירנ רייד, לערנענ זיי זאָגנ דאָס, וואָס זיי מיינענ, פרײַ, זאכלעכ, אָנ איבעריקע קאָמפּליקאציעס, דאָס געזאָגטע זאָל פארמאָגנ „סײַ די קלאָרקײַט פונ פראָסט, סײַ די אויסדריקלעכקײַט, די איבערצײַגנדיקײַט פונ א העכערער שפראכ־קולטור“. ווײַטער אנטוויקלט כ׳ שטיפ אזוינע געדאנקענ:

דאָ גייט ניט אינ וואָרט, אונ דעריקער ניט אינ וואָרט־פוצ, דאָס האָט מער שײַכעס צומ קינסטלערישנ סטיל, אונ דאָס איז א זאכ, וואָס ס׳איז שווער יענעמ אויסצולערנענ. דאָס איז, אינ א גרעסערער מאָס, שוינ א זאכ פונ טאלאנט.

אינ וואָס־זשע גייט יאָ?

> „עס גייט דאָ אָנ זאצ, אָנ דער פראזע. ס׳גייט אָנ דעמ, וויאזוי אָרגאניזירט מענ ווערטער, רייד, אז ס׳זאָל זיכ בינדנ פרײַ, די פראזע זאָל ניט פארשאפנ קיינ איבעריקע שוועריקײַטנ נישט דעמ זאָגער (דעמ שרײַבער), נישט דעמ הערער (דעמ לייענער)“.

אזוי פאָרמולירט כ׳ שטיפ, די צוועקנ, וועלכע ער האָט אינ זינענ אינ זײַנ פראָגראמ פונ סטיליסטיק פונ דער קולטור־שפראכ.

ס׳איז שוינ אָנגעוויזנ געוואָרנ, אז אינ דער פראגע וועגנ די קינסטלעריש־בילדערישע עלעמענטנ פונעמ סטיל איז כ׳ שטיפ געוועג ניט גערעכט. דעמ פּאָעטיש־קינסטלערישנ סטיל האָט ער באטראכט אײַנזײַטיק — אויסשליסלעכ אלס אנטפלעקונג פונעמ גײַסט פונעמ אינדיוויד. דער פּאָעטיש־קינסטלערישער שפראכ האָט ער קעגנגעשטעלט די פּובליציסטישע שפראכ, אלס פּאָליטישע שפראכ. דער פּאָעטיש־קינסטלערישער סטיל איז אונ דארפ זײַנ אינדיווידועל באפארבט. די פּאָעטישע בילדערישקײַט וואקסט אָבער פונ באשטימטע סאָציאלע וואָרצלענ. אונדזער שול האָט טאקע ניט קיינ דירעקטע אויפגאבע צו גרייטנ פּאָעטנ אונ קינסטלער. זי נוצט אָבער אויס דאָס קינסטלערישע וואָרט צוליב באווירקנ צומ גוטנ די שפראכ־אנטוויקלונג פונעמ שילער. אונ דאָס איז ניט דאָס זעלביקע, וואָס „דער עסטעטיזמ פונ דער אלטער גימנאזיע“, ווי דער כ׳ שטיפ טײַטשט דאָס. די שפראכ פונ דער קינסטלערישער ליטעראטור איז אויכ פּאָליטישע שפראכ. די שפראכ פונ דער סאָוועטישער קינסטלערישער ליטעראטור אינ אירע בעסטע מוסטערנ דארפ די שול ברייט אויסנוצנ אינעמ שפראכ־לימעד.

די סאָוועטישע שול האָט שוינ אויכ א באשטימטע טראדיציע אָנצוקומענ אינ דער שפראכ־ארבעט צו די בעסטע מוסטערנ פונ דער סאָוועטישער פּובליציסטיק, ספּעציעל צו די ווערק פונ אונדזערע פירער. נעמענדיק אינ זיי דאָס, וואָס איז מער צוגענגלעכ פארנ קינדערשנ עלטער, ווײַזנ מיר די שילער אפנ דאָזיקנ מאטעריאל מוסטערנ פונ א הויכ־קוואליטאטיווע אינהאלט אונ אנטשפּרעכיקער פאָרמ, מוסטערנ פונ אדעקוואטקײַט צווישנ אינהאלט אונ פאָרמ. אָט דאָס, אונ ניט בלויז די אָפּעראציעס איבערנ איזאָלירטנ זאצ פונ דער צײַטונג אונ בראָשור, וואָס אפ זיי איז באזירט געווענ כ׳ שטיפס סטיליסטיק, דארפ באשטימענ דעמ אינהאלט פונ דער ארבעט איבער דער פּאָליטישער שפראכ אינ שול.

כ׳ שטיפ האָט פארשטאנענ סטיליסטיק, ווי א לערע מיט א ברייטער פראָגראמ, ווי אנ אלגעמיינע לערע וועגנ שפראכ־אויספורעמונג. ספעציעל אָבער האָט ער פאַנאנדערגעארבעט פראגעס פונ סינטאקסישער סטיליסטיק. דאָס איז ארויסגעדרונגענ פונ זײַנ קוק אפנ צושטאנד פונ אונדזער קולטור־שפראכ[1]). דעמ זאצבוי האָט ער דאָ געהאלטנ, ווי באוווסט, פארנ שוואכסטנ אָרט. ס׳איז אָבער אויכ באוווסט (דער כ׳ שטיפ אליינ האָט דאָס דערנאָכ אנערקענט), אז ער איז צו דער דאָזיקער פּראָבלעמ צוגעגאנגענ יידישיסטיש־פּוריסטיש. באלויכטנדיק די פראגע וועגנ דער ארבעט אפ סטיליסטיק אינ שול, פירט דורכ כ׳ שטיפ די זעלביקע פאלשע אײַנשטעלונגענ.

דער כ׳ שטיפ זאָגט אינ „שפראכקולטור“:

„מיט דעמ סינטאקטישנ געבײַ פונ דער הײַנטיקער פובליציסטישער שפראכ קענ מענ ניט זײַנ רויק. דאָס דאָזיקע געבײַ האָט געמאכט א טהומ צווישנ דער גערעדטער... שפראכ אונ דער שריפט־שפראכ“[2]).

כ׳ שטיפ פארופט זיכ אינ „שפראכקולטור“ אפ זײַנע סטיליסטישע ארבעטנ וועגנ ווערבאלנ סובסטאנטיוו, וועגנ דער פאסיווער קאָנסטרוקציע א. ד. גל. ד. ה. ער רעדט אלצ וועגנ די קאָנסטרוקציעס, וועלכע „שאפנ דעמ טהומ“. ער ארבעט דאָ פאנאנדער אפסנײַ, אונ ווי שטענדיק, אפ א רײַכנ מאטעריאל, די פראגע וועגנ וואָרטשטעלונג, וועגנ סובאָרדינאציע אונ קאָאָרדינאציע.

דאָ איז געגעבנ אסאכ שטאָפ, וואָס קענ העלפנ דעמ לערער צו וועקנ דאָס סטילגעפיל באמ קינד. שלעכט אָבער איז, וואָס אויכ די דאָזיקע פראגעס ווערנ דורכנ כ׳ שטיפ באהאנדלט יידישיסטיש־פּוריסטיש. אונ געריכטעט זײַנענ די דאָזיקע ארבעטנ צו קולטיווירנ בא די קינדער איינ זשאנר, איינ סטאנדארט, דעמ „פאָלקסטימלעכנ“ סטאנדארט.

כ׳ שטיפ שרײַבט:

„אויסלערנענ זיכ אויסבינדנ די קאָמפליצירטע פראזע איז זייער שווער; די לערניאָרנ אינ דער ארבעטשול קענענ דאָ ניט קלעקנ“.

די ארבעטשול שטעלט, נאטירלעכ, ניט פאר זיכ קיינ ספעציעלע אופגאבע צו לערנענ „אויסבילדנ די קאָמפליצירטע פראזע“, ווי עפעס א ספעציעלע קונסט פונ „פראזעמאכערײַ“. כ׳ שטיפס סטיליסטיק באטײַט אָבער קולטיווירנ א באגרענעצטנ רעפערטואר „גרינגע“ קאָנסטרוקציעס, אונ אונדזער צוועק איז, אז דער שילער זאָל

1) אויסשעפנדיק פאנאנדערקלײַבנ כ׳ שטיפס אָנשווינגענ אינ דער דאָזיקער פראגע, ווי אויכ כ׳ שטיפס סטיליסטישע קאָנצעפציעס—דאָס גייט ארויס פונ די גרענעצנ פונ אונדזער טעמע.

2) שפעטער, אינ „רעוויזיע, האָט כ׳ שטיפ געשריבנ:

„וועגנ דער גאָרער סעריע סטיליסטיק דארפ איכ זאָגנ — וועגווײַזנדיק איז דאָ פאר מיר געווענ צוויי פרינציפנ: דער מאסנ־לייענער אונ די אופווירקונג, דאָס צוגענגלעכע אונ דאָס עמאָציאָנעלע אינ דער שפראכ... אפ א געוויסער סטאדיע, ווענ מיר האָבנ נאָכ פארשיידענע קולטור־שטופעס אינ קולטור־סטילנ, קענ ניט זײַנ איינ שפראכ־סטאנדארט.

די קולטור־סיטואציע בײַט זיכ דאָ ווידער זייער שנעל: מיליאָנענ ווערנ ארײַנגעצויגנ אינ קולטור. דאָס, וואָס ס׳זעט הײַנט אויס שווער, קענ מאָרגנ אָנקומענ גרינג אָדער גרינגער... דער נײַער דאָר קולטור־אופשטײַגער פונ ארבעטער אונ קאָלווירטלער — קענ נאָכ דאָ ווײַזנ נײַע מוסטערנ פונ קולטור־שפראכ“.

באהערשנ די רעסורסנ פונ דער ליטעראַרישער שפראכ, ער זאָל ניט בלייַבנ הינטערשטעליק, יעדנפאלס באמ לייענענ, ווענ ער וועט זיכ אָנשטויסנ אפ א קאָמפליצירטער פראזע. אונ שוינ צוליב דעמ אליינ דארפ מענ אינ שול גרינטלעכ דערלערנענ דעמ בוי פונ דער קאָמפליצירטער פראזע. באַ כ׳ שטיפנ באקומט זיכ, אז די קאָמפליצירטע פראזע איז גראמאטיש — „אויסגעקליגלט”, איז עפעס א בייזווייליקע אויסטראכטעניש, אז דאָס האָט די בורזשואזע גראמאטיק ארייַנגעבראכט אינ דער שפראכ. מיט דער דאָזיקער „קאָנצעפציע” איז אויכ דורכגעדרונגענ כ׳ שטיפס סטיליסטיק, אונ דער דאָזיקער צוגאנג איז וויסנשאפטלעכ פאלש אונ פראקטיש שעדלעכ פאר דער שול.

די צענטראלע מעטאָדישע פראָבלעמ, וואָס איז פארבונדנ מיט לערנענ סטיליסטיק, איז ווידעראמאָל טאקע די פראָבלעמ פונ גראמאטיק. כ׳ שטיפ האָט אָבער געשטעלט די פראגע אזוי, אז צוליב לערנענ סטיליסטיק איז ניט נייטיק קיינ גראמאטיק, אלס א באזונדערע דיסציפלינ.

דער אויסגאנג־פונקט, האלט כ׳ שטיפ, דארפ אלעמאָל זייַנ די לעבעדיקע שפראכארבעט, אונ באַ דער פאסיקער געלעגנהייַט זאָגט מענ די קינדער, וואָס איז סובסטאנטיוו א. אז. וו. אזויווי מע טוט דאָס, לויט כ׳ שטיפס מיינונג, אינ אריפמעטיק. צי קענ מענ זיכ לאָזנ אפ אזא וועג? ס׳קענ ניט זייַנ קיינ צוויי מיינונגענ וועגנ דעמ, אז דער כ׳ שטיפ פארייַנפאכט שטארק דעמ איניענ. צוזאמענ מיטנ לינגוויסט יעספערסנ, וויל כ׳ שטיפ האָבנ, אז באנעמענ די באגריפנ סובסטאנטיוו, אדיעקטיוו א.ד.גל. איז דאָס זעלביקע, וואָס באנעמענ די ווערטער קו, פערד א. אז. וו. ס׳איז איבעריק לאנג צו דערווייַזנ, אז דאָס איז ניט איינס אונ דאָס זעלבע. אינ גראמאטיק האָבנ מיר דאָכ צו טאָנ מיט אבסטראקטע באגריפנ, ניט מיט קיינ קאָנקרעטע פאָרשטעלונגענ. אונ מיט „פראקטיש” דערקלערנ סוביעקט, פרעדיקאט לויט דער פונקציע קענ מענ דאָ ניט יויצע זייַנ.

די באגריפנ, וואָס ליגנ אינ די גראמאטישע טערמינעס, בילדנ דאָכ א סיסטעמ, זיי דערגאנצנ איינער דעמ צווייטנ אונ דרינגענ ארויס איינער פונעמ אנדערנ. ערשט אינ זייער געבונדנקייַט גיבנ זיי די מעגלעכקייַט צו אנטפלעקנ דעמ אינהאלט פונ וואָרט אונ זאצ. דאָ מוז זייַנ א באשטימטער לאָגישער סיידער באמ אריבערגיינ פונ איינ וואָרט־אונ זאצ־קאָמפאָנענט צו א צווייטנ, פונ איינ גראמאטישנ באגריפ צו א צווייטנ. כ׳ שטיפס שטעלנ די פראגע, אז באַ דער אָדער יענער געלעגנהייַט קלערט מענ אופ די אָדער יענע דערשייַנונג, דערמאנט שטארק די אייַנשטעלונג פונעמ קאָמפלעקס־מעטאָד, אזא צוגאנג נעמט אָפ די מעגלעכקייַט צו געבנ א קרייַז סיסטעמאטישע יעדיִעס. ער רייַסט אונטער די לערנ־ארבעט אינ שול.

אייַנגאנצנ ניט ריכטיק איז באמ כ׳ שטיפ די אנאלאָגיע מיט אריפמעטיק. כ׳ שטיפ נעמט דאָ די טערמינעס, אויסגעטאָנ פונ די באגריפנ, וואָס זיי שליסנ אייַנ. נעמענ מיר אָבער די באגריפלעכע זייַט, איז גראָד אריפמעטיק דער מוסטער פונ דער שטרענגסטער סיסטעמאטיזירונג פונעמ לערנ־מאטעריאל, אונ צעשטערנ די דאָזיקע סיסטעמ האָט אפילע דער קאָמפלעקס־מעטאָד ניט געוואגט.

כ׳ שטיפ האָט געטייַנעט, אז די „גראמאטיסטנ” דערטרינקענ דעמ לעבעדיקנ צוגאנג צו שפראכ־אויספורעמונג אינ א יאמ גראמאטישנ אנאליז, — זיי הארגענענ אוועק דעמ סטיליסטישנ צוגאנג מיט היפערטראָפיע פונ גראמאטישער טערמינאָלאָגיע.

דאָס איז ווירקלעכ ניט קיינ אויסגעטראכטע זאכ.

די גראמאטיקעס, וואָס כ׳ שטיפ האָט באטראכט אינ זיינ ארטיקל, זיינענ בעפיירעש געוועג שולדיק אינ דעמ, וואָס כ׳ שטיפ האָט זיי אינקרימינירט. צי האָט מענ אָבער דערפונ געמעגט מאכנ אזא אויספיר, אז גראמאטיק איז דער קעגנזאצ פונ סטיליסטיק, אז גראמאטיק קענ ניט לעבנ אינ פרידנ מיט סטיליסטיק, אז גראמאטיק טאָר זיכ ניט צורירנ צו סטיליסטיק, ווייל „זי האָט ליימענע הענט”? ס׳פארשטייט זיכ, אז ניט. די באריידעוודיקייט פונ די גראמאטיקעס, וואָס כ׳ שטיפ באטראכט, שטאמט דערפונ, וואָס דאָס זיינענ טיפישע ארבעט־ביכלעכ מיט אלע „מיילעס” פונ ארבעט־ביכלעכ. זיי ווילנ פארבייטנ דעמ לערער, זיי באקומענ ניינ מאָס רייד אונ ווערנ באריידעוודיקער פונ דעמ סאמע באריידעוודיקנ לערער. דער כ׳ שטיפ איז געווענ גערעכט, בעשאס ער האָט אופגעוואָרפנ די אווטערס פונ געוויסע גראמאטיקעס זייער סטיליסטישע בלינדקייט אונ טויבקייט.

אויכ די סטיליסטישע קאפיטלעכ אינ די איצטיקע לערנביכלעכ זיינענ נאָכ אלצ ווייט דערפונ, וואָס די שול דארפ.

מע טאָר אָבער ניט אידענטיפיצירנ א צווייג פונ דער וויסנשאפט מיט אירע באזונדערע פאָרשטייער.

כ׳ שטיפ שאפט אויכ א פאלשע פערספעקטיוו בענעגייע דער באציונג צווישנ אנאליז אונ סינטעז אינעמ שפראכ־לערנענ.

ס׳איז טאקע ריכטיק, אז אינ דער אלטער שול איז דער גראמאטישער אנאליז פארוואנדלט געוואָרנ אינ סכאָלאסטישנ פילפל.

דאָס איז אָבער ניט ריכטיק בענעגייע דעמ נאָכאָקטיאבערדיקנ פעריאָד. פארקערט, מיר וויסנ דאָכ, אז נאָכ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָבנ מיר געהאט אפילע לינקאטשישע פרווונ אינגאנצנ אויסצושליסנ פונ שול דעמ גראמאטישנ אנאליז.

אזוי, אשטייגער, האָט וועגנ דעמ געשריבנ א. מאשקינ:

„דער דאָזיקער אָפט פראקטיקירטער אנאליז לערנט צו צומ אנאליטישנ שפראכבוי דאנ, ווענ דאָס אָנייגענע די סינטאקסישע געוווינהייטנ דארפ טראָגנ איבערהויפט א כאראקטער א מעכאנישנ. דער שפראכ־אקט דארפ זיינ ניט קיינ ווילנס־פרייער, אויב ער וויל דיסקאָנטירנ דעמ עקאָנאָמיע־פאקטער אינ אונדזער שפראכ; אינ קעגנפאל וועט דאָס קאָנסטרוירנ צוגיינ באוווסטזיניק אונ דעריבער לאנגזאמ, ניט שפאָרעוודיק” [1].

אָט צו וואָס מע פלעג זיכ דערעדנ! אונ ניט אומזיסט איז אינעמ צווייטנ באשלוס פונעמ צ.ק. וועגנ דער שול, אינעמ אָפטייל וועגנ שפראכ־לימעד, ספעציעל אָנגעוויזנ, אז דער גראמאטישער אנאליז דארפ פארנעמענ אינעמ שפראכ־אונטעריכט א באשטימט אָרט.

די ריכטיקע פארהעלטעניש צווישנ אנאליז אונ סינטעז דארפ זיכ אויסדריקנ אינ דעמ, אז אנאליז אונ סינטעז זאָלנ גיינ האנט בא האנט. אינ לערנענ גראמאטיק איז נייטיק אי אנאליז אי סינטעז. אנאליז איז נייטיק באמ דערלערנענ די גראמאטישע קאָנסטרוקציע. סינטעז — באמ לערנענ זיכ אָנצווועגדנ זי.

ס׳איז אבסאָלוט ניט ריכטיק פאָרשטעלנ די זאכ אזוי, אז היפערטראָפיע פונ אנאליז — דאָס איז די מאָנאָפאָל פונ גראמאטיק. אנאליז אָנ סינטעז קענ געמאָלט

[1]) А. Машкин. Синтаксис в школе. „Шлях освіти“, 1925, № 1—2, стр. 81.

זײַנ אױכ אינ סטילִיסטיק. אונ דאָ װאָלט דאָס, נאַטירלעכ, געװענ דער זעלביקער פעלער, װאָס אינ גראַמאַטיק.

כ׳ שטיפּ האָט מוירע געהאַט, אַז דאָס סיסטעמאַטישע לערנענ גראַמאַטיק װעט אױפעסנ די צײַט, װאָס איז נײטיק פאַר סטיליסטיק. מע װעט לערנענ גלאַט די שפּראַכ־פאָרמעס, ד.ה. דאָס, װאָס די קינדער װײסנ. די פאָרמעס גופא װײסנ טאַקע די קינדער. װעט מענ דעריבער ניט דאַרפנ פּאַטערנ קײנ צײַט, קעדײ צו לערנענ די קינדער, װיאַזױ צו זאָגנ, צ.ב. „טאַטע" אינ דאַטיװ. די קינדער דאַרפנ אָבער װיסנ די סיסטעמ, זײ דאַרפנ באַקומענ דעמ באַגריפ בײגפאַל, פּערזאָנ א.אז.װ., דאַרפ מענ זײ דעריבער לערנענ די דעקלינאַציע אינ א סיסטעמ, אונ ניט אַרױספּליקנ באַזונדערע פאָרמעס. אַלזאָ, װילנ מיר האָבנ זיכערע רעזולטאַטנ אינעמ לערנענ סטיליסטיק פונ זאַצבױ, װילנ מיר, אַז די שילער זאָלנ באַזיניקנ דעמ מאַטעריאַל אונ אימ פעסט אָנײגענענ, דאַרפנ מיר דאָס לערנענ אינ א סיסטעמ, אפ דער באַזע פונ גראַמאַטיק. אונ ס׳איז קלאָר, פאַרװאָס גראַמאַטיק איז איצט געװאָרנ דער פירנדיקער אונ אָרגאַניזירנדיקער קאָמפּאָנענט אינעמ שפּראַכ־לימעד.

גראַמאַטיק פירט אַרײַנ דעמ שפּראַכ־לימעד אינ די ברעגנ פונ א סיסטעמ מיט א באַשטימטנ פעסט־אָנגעצײכנטנ קרײַז יעדיעס; גראַמאַטיק איז די באַזע פאַר סיסטעמאַטישער אַרבעט איבער אָרטאָגראַפיע אונ פּונקטואַציע. גראַמאַטישע געשולטקײַט הײבט אופ די קולטור פונעמ לײענענ, רעדנ אונ שרײַבנ, הײבט אופ די אַלגעמײנע שפּראַכ־קולטור פונעמ שילער.

באַפרײַט פונ די פאָרמאַליסטישע פּענטעס, העלפט גראַמאַטיק מיט טיפער צו באַנעמענ אונ בעסער צו אָפּערירנ מיט שפּראַכ, אַלס רעאַלנ, פּראַקטישנ באַװוסטזײַנ, העלפט מיט דער אַלגעמײנער אַנטװיקלונג פונעמ שילער.

די דאָזיקע רעזולטאַטנ קענענ אָבער דערגרײכט װערנ נאָר דאַנ, אױב דאָס לערנענ גראַמאַטיק װעט געפירט װערנ ניט בלױז אַנאַליטיש, נאָר אױכ סינטעטיש, אױב די אַרבעט אפ גראַמאַטיק װעט צונױפגעשלאָסנ װערנ מיט דער אַרבעט אפ שפּראַכ־אַנטװיקלונגנ, אױב די אַרבעט איבער דער אָדער יענער שפּראַכ־קאָנסטרוקציע װעט אײַנשליסנ דאָס לערנענ, װיאַזױ אָנצוװענדנ זי צװעקמעסיק, װעט אײַנשליסנ דעמ סטיליסטישנ צוגאַנג צו איר.

6. עלעמענטנ פונ שפּראַכ־טעאָריע אינ שול

מיר גײענ אַריבער צו דער פראַגע װעגנ די עלעמענטנ פונ שפּראַכ־טעאָריע אינ שול [1].

כ׳ שטיפּ װיל, אַז די קינדער זאָלנ באַנעמענ דעמ באַטײַט פונ דער שפּראַכ אינ געזעלשאַפטלעכנ לעבנ, װי א מיטל צו פאַרשטענדיקנ זיכ פאַר צוזאַמענאַרבעט אונ צוזאַמענלעבנ.

דאָ לאָזט זיכ באַמ כ׳ שטיפּ פילנ דער זעלביקער פעלער, װאָס באַמ פאָרמולירנ די ציל־אײַנשטעלונג פונעמ שפּראַכ־לימעד.

---

[1] דער דאָזיקער פּראָבלעמ איז געװידמעט דער צװײטער טײל פונ כ׳ שטיפּס אַרטיקל „שפּראַכ־קולטור" („די סאָציאַלע נאַטור פונ דער שפּראַכ", „די סאָציאַלע דיפערענציאַציע פונ דער שפּראַכ" — „ידישע שפּראַכ" 1930, נומ. 4—5).

דאָרט האָט דער כ׳ שטיפּ גערעדט וועגן א בלאסן „סאָציאַלן צוועק“, וועגן „אײַנגלידערן זיך אמגרינגסטן אין קאָלעקטיוו“ אָנשטאָט צו האָבן אין זינען דאָס דערציִען דעם אָנטײלנעמער פון דער סאָציאַליסטישער בויונג, פון דער בויונג, וואָס קומט פאָר אין די באַדינגונגען פון אָנגעשטרענגטן קלאסנקאמף. דאָ רעדט כ׳ שטיפּ וועגן שפּראַך, אלס מיטל פון צוזאמענלעבן און צוזאמענארבעט און זאָגט קיין איין וואָרט ניט וועגן דעם, אז די שפּראַך איז א פאקט און פאקטער פון קלאסנקאמף. טײלווײַז האָט דאָס דער כ׳ שטיפּ שפּעטער אלײן אנערקענט אין „רעוויזיע“:

> „מע דארף ניט זאָגן „די סאָציִעלע נאטור פון דער שפּראַך“ סטאם. וועגן דער סאָציאַלער נאטור דערמאנט שוכארט אויך — אן אָפענער אידעאליסט צווישן די בורזשואזע לינגוויסטן...
> מע האָט באדארפט זאָגן: „קלאסן־נאטור“.

אָבער נאָך א גרעסערער פעלער איז דאָ אָט וואָס. דער כ׳ שטיפּ באַטראכט די קאָמוניקאטיווע פונקציע פון דער שפּראַך, די אנטוויקלונג פון דער שפּראַך און די סאָציאַלע דיפערענציאַציעס אין איר, אָפּרײַסנדיק איינע דערשײַנונג פון דער צווייטער. באַם לײענער קען זיך שאפן א פאָרשטעלונג, אז דאָס זײַנען עפּעס איינגאנצן פארשײדענע, צווישן זיך ניט געבונדענע אנטפלעקונגען פון דער שפּראַך־ווירקלעכקײַט.

דער כ׳ שטיפּ אילוסטרירט די קאָמוניקאטיווע ראָליע פון דער שפּראַך. ער אָפּערירט מיט אזא מאטעריאַל, וואָס זײַן קלאסנפּײַנטלעכער טאָך שפּאַרט גראָד זײער בולעט ארויס. דער כ׳ שטיפּ פארשווײַגט דאָס, ווײַל ער האָט אין זינען צו ווײַזן בלויז די קאָמוניקאטיווע פונקציע פון שפּראַך, באקומט זיך לויט כ׳ שטיפּן, אז „רעדן איז זילבער, שווײַגן איז גאָלד“ א. ד. גל. איז ניט די „פילאָסאָפיע“ פון א באַשטימטן קלאס אין באַשטימטע געזעלשאפטלעכע באַדינגונגען, נאָר א מין אלמענטש־לעכער געבאָט פונעם געזעלשאפטלעכן צוזאמענלעבן א.אז.וו.

כ׳ שטיפּ האָט וועגן דעם דאָזיקן פעלער דערמאנט אין „רעוויזיע“. ער האָט אָבער ניט ריכטיק אָנגעוויזן די סיבעס פונעם פעלער. כ׳ שטיפּ האָט גערעדט אין „רעוויזיע“ בלויז וועגן דעם, אז ער האָט ניט גענוג פאָרזיכטיק אָפּערירט מיטן פאָלקלאָר־מאטעריאַל, אז דער פעלער נעמט זיך מער פון איבערכאפּן די מאָס און צאָל (צופיל ווערטלעך), און צאָל, ווי באוווסט, גײט אריבער אין קוואַליטעט... ס׳פאַר־שטײט זיך, אז צוליב פעסטשטעלן די ראָליע פון שפּראַך אינעם געזעלשאפטלעכן לעבן האָט מען טאקע ביקלאַל ניט באַדארפט שעפּן דעם מאטעריאַל קימאַט אויס־שליסלעך פונעם אלטן פאָלקלאָר.

אינעם ברויזיקן קלאסנקאמף פון אונדזער איצט קען מען געפינען אסאך אָנשוי־לעכערן מאטעריאַל. און דער מאטעריאַל מוז גאָר ניט זײַן דאַפקע א ספּעציעל ייִדישער. וועגן דעם האָט שוין גענוי גערעדט כ׳ גיטליץ אין זײַן ארטיקל „קעגן קלאסנ־פײַנטלעכע טעאָריעס אין דער שפּראַך־וויסנשאפט“ („ראַטנבילדונג“ נומ. 4—1932).

כ׳ שטיפּס דורכפאַל האָט זיך אָבער דעריקער גענומען דערפון, וואָס ער אָפּערירט מעטאָדעלאָגיש־פאלש מיטן פאָלקלאָר־מאטעריאַל, וואָס ער רײַסט אָפּ מעכאַניסטיש די קלאסן־דיפערענציאַציע אין דער שפּראַך פון איר לעבן און אנטוויקלונג, פון דער קאָמוניקאטיווער ראָליע פון שפּראַך.

אלס פּאָזיטיווער מאָמענט אינעם כ׳ שטיפּס ארטיקל דארף פארצײכנט ווערן דאָס, וואָס דער כ׳ שטיפּ ווײַזט אָן, וויאזוי מע דארף אין שײַן פון סאָציאַלער די־

פערענציאַציע אינטערפּרעטירנ די דעהעברעיִזאַציע פונ דער ייִדישער שפּראַכ אינ די סאָוועטישע באַדינגונגענ.

דאָס איז באַזונדערס קעדײַ אונטערצושטרײַכנ, ווײַל אפ דעמ זעט מענ בוילעט דעמ כילעק צווישנ דער סאָוועטישער ייִדישער שול מיט דער ייִדישער בורזשואַז-נאַציאָנאַליסטישער שול אינ אויסלאַנד.

דאָרט ברעכט מענ זיכ דעמ קאָפּ, וויאַזוי אײַנצופלאַנצנ אינ דער שפּראַכ פונ די קינדער דעמ העברעיִשנ עלעמענט.

„אינ דער ייִדישער שול,—לייענענ מיר אינ די „ייִוואָ-בלעטער”,—טאָר מענ ניט סטאַמ לערנענ ייִדיש. דאָ מוז מענ ק ו י ד ע מ ק אָ ל לערנענ דאָס סאַמע פונדאַמענטאַלע אינ דעמ לאָשנ” [1].

אונ דאָס איז, פאַרשטייט איר שוינ אַלײנ, דער העברעיִשער עלעמענט.

ס'זײַנענ אָבער פאַראַנ באַמ כ' שטיפּ אויכ אינעמ דאָזיקנ טייל אַזוינע דעטאַלנ, וואָס גיבנ א פאַלשע אָריענטאַציע.

„שלאָגנ מיט עמעצנ קאַפּאָרעס”, „קומענ צומ אויסשפּײַענ”,—די דאָזיקע פראַזעאָלאָגישע אויסדרוקנ, זאָגט כ' שטיפּ, פונקציאָנירנ נאָכ אינ דער שפּראַכ „אָנ די אַסאָציאַציעס מיט דער רעליגיעזער קולטור”.

לויט כ' שטיפּנ קומט אויס, אַז די שול מעג זיי נאָכ קולטיווירנ, אַז די שול דאַרפ מיט די דאָזיקע אויסדרוקנ „באַרײַכערנ” די שפּראַכ פונ די שילער. דאַרפ מענ דאָ פרעגנ: אינ וועמעס שפּראַכ פונקציאָנירנ די דאָזיקע אויסדרוקנ: אינ דער שפּראַכ פונעמ פּראָלעטאַרישנ אַוואַנגאַרד, אינ דער סאָוועטישער פּרעסע? קלאָר, אַז נײנ.

געווײנלעכ, נוצט די דאָזיקע אויסדרוקנ דער, וואָס האָט יאָ די אַסאָציאַציעס מיט דער רעליגיעזער קולטור.

אַלזאָ, דער כ' שטיפּ גייט צו צו דער פראַגע ניט ריכטיק.

כ' שטיפּ באַטראַכט די רייענ ווערטער: „כיידער, יעשיווע, זמאַנ, מעלאַמעד” אונ „אַרבעטשול, טעכניקומ, סעמעסטער, לערער”, ווי לעקסישע דערשײַנונגענ פונ באַזונדערע עפּאָכעס, וואָס ווײַזנ די אַנטוויקלונג פונ דער שפּראַכ.

דאָס איז ווידער ניט ריכטיק. ווײַל אויכ אינ אונדזער עפּאָכע באַמיִענ זיכ די געלטזעק אונ אַלע זייערע מעשאָרסימ (דאָרט, ווו מע לאָזט זיי) מיט דער הילפ פונעמ כיידער אונ דער יעשיווע פאַרטעמפּנ די מויכעס פונ די אַרבעטנדיקע. אונ אַנטשפּרעכיק דערצו שטרעבט דער קלאַסנסוינע אײַנצוהיטנ אינ דער שפּראַכ די טערמינאָלאָגיע פונ דער דאָזיקער בורזשואַז-קלעריקאַלער „בילדונג” (אָדער, ריכטיקער — פאַרפינצטערונג) סיסטעמ.

שרײַבט דאָכ דער אַוטער פונעמ אויבנדערמאָנטנ אַרטיקל („דער העברעיִשער עלעמענט אינ ייִדיש”) דורכויס קימאַט „זמאַנ”, ניט „סעמעסטער”, אונ גאָלאָמב, דער „טרײַער ריטער” פונ ייִדישער פאָרמ פאַר „געדאַנקענ, וואָס ווערנ פירגעטראָגנ אינ ייִדיש”, זעצט איבער דעמ סאָוועטישנ טערמינ „רינגענ” דורכנ העברעיִשנ וואָרט „קיטעס”—א טערמינ, וואָס איז אינגאַנצנ אָנגעמאָסטנ פאַר די ייִדישיסטישע יעשיוועס.

פאַלשע באַהויפּטונגענ אונ פאָרמולירונגענ געפינענ מיר נאָכ באַמ כ' שטיפּ דאָרט, ווו ער באַטראַכט מאַטעריאַלנ פונ דער קינסטלערישער ליטעראַטור, וואָס

[1] „ייִוואָ-בלעטער” 1932, 3, ז. 261.

קענען אויסגענוצט ווערן צוליב אילוסטרירן די סאָציאַלע דיפערענציאַציע אין דער שפּראַך: הערשל שאמיי, צום ביישפּיל, זאָלאָגיש־נאַציאָנאַליסטישע „כאַכמעלעך" ווערן דאָ כאַראַקטעריזירט בלויז אַלס מוסטערן פון הינטערשטעליקייט פון א געוועזענעם „קוסטאר". ריכטיק באמערקט כ׳ י. רעזניק, אז דאָס איז א בילבל אפן געוועזענעם קוסטאר, דעם איצטיקן ארבעטער. פונקט אזוי, קענען מיר צוגעבן, ווי דאָס גאנצע ווערק „הערשל שאמיי" איז א טראָצקיסטיש־נאַציאָנאַליסטישער פּאַסקוויל אף דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט.

סומירנדיק דאָס געזאָגטע, קומען מיר צו אזוינע אויספירן:

1) כ׳ שטיף האָט אין „שפּראַכקולטור" אָנגעוויזן וויכטיקע בלויזן פון דער שפּראַך־ארבעט אין שול. די סיבעס זייערע האָט ער אָבער געשילדערט ניט פול און ניט ריכטיק.

דאָס האָט געשטאמט טיילווייז דערפון, וואָס דער כ׳ שטיף האָט באטראכט דעם שפּראַך־אונטעריכט אויסער דער גאנצער סיסטעם פון דער לערן־ארבעט אין שול.

דעריקער האָט זיך דאָס אָבער געגומען דערפון, וואָס דער כ׳ שטיף איז מעטאָדאָלאָגיש פאלש צוגעגאנגען צו די פּראָבלעמעס פון שפּראַך־טעאָריע און שפּראַך־בוינג.

2) דאָס האָט זיך אויסגעדריקט באזונדערס בולט אין כ׳ שטיפס צוגאנג צו דער פּראָבלעם פון גראמאטיק. די באהויפּטונגען וועגן דער אָביעקטיוויקייט פון גראמאטיק, די טייַנעס וועגן דער קאָנסערוואַטיוויקייט פון גראמאטיק, פון איין זייט, און איר „היציקייט", פון דער צווייטער, דאָס לייקענען דעם באטייט פון גראמאטיק פאר שפּראַך־בוינג — דאָס אלץ האָט זיך געגומען פון די ניט אויסגעלעבטע פאלשע מעטאָדאָלאָגישע איינשטעלונגען, פון ניט איינזען די נייטיקייט פונעם מעטאָדאָלאָגישן איבערבוי פון לינגוויסטיק און פון אירע באזונדערע צווייגן, איינגעשלאָסן די גראמאטיק. דעם גרונט־פעלער פונעם גראמאטיק־אונטעריכט אין שול — דעם פאָר־מאליזם — האָט דער כ׳ שטיף ריכטיק אָנגערופן. דאָס וואָלט געווען א גרויסער פאר־דינסט פונעם כ׳ שטיף, ווען כ׳ שטיף וואָלט דערביי דעשיפרירט דעם מעטאָדאָ־לאָגישן טאַך פונעם פאָרמאליזם. דער כ׳ שטיף האָט זיך אָבער געשטעלט אף אן אנ־דער וועג, אפן וועג פון קעמפן קעגן לערנען גראמאטיק ביקלאל. דערמיט האָט דער כ׳ שטיף דעזאָריענטירט דעם לערער בענוגייע פארשטיין דעם ווערט פון גראמאטיק צוליב באהערשן די ליטעראַרישע שפּראַך. דאָס אויסשליסן פון שול די סיסטעמאַ־טישע ארבעט אף גראמאטיק, ווי דער כ׳ שטיף האָט דאָס געפאָדערט, וואָלט נאָר געפעסטיקט די פּרינציפּן פונעם קאָמפּלעקס־מעטאָד אין שול און וואָלט געשטערט צו אָרגאניזירן די סיסטעמאַטישע לערן־ארבעט.

3) די צוועקן פונעם שפּראַך־לערנען אין שול האָט דער כ׳ שטיף פאָרמולירט ניט ריכטיק. זיינע פאָרמולירונגען שטימען ניט מיט די ציל־איינשטעלונגען פון דער סאָוועטישער שול. דער כ׳ שטיף איז דאָ געבליבן אין געפענקעניש פון ניט אויסגע־לעבטע בורזשואַז־פאָלקיסטישע טראדיציעס. דאָס האָט געבראַכט צו היפּשע פעלערן באַם באטראַכטן באזונדערע פּראָבלעמעס פונעם שפּראַך־אונטעריכט: די עלעמענטן פון שפּראַך־טעאָריע אין שול, די ראָליע פונעם קינסטלערישן וואָרט אינעם שפּראַך־אונטעריכט, דעם פאַרנעם און די ריכטונג פון דער סטיליסטישער ארבעט אין שול.

4) כ׳ שטיפּס סטיליסטישע אַרבעטן זײַנען פֿאַר אונדז ניט אָנעמבאַר אין זייער גאַנצן מעטאָדאָלאָגישן גאַנג. כ׳ שטיפּ אַלײן האָט שפּעטער אָנערקענט די וועזנטלעכסטע בלויזן פֿון זײַן סטיליסטישער פֿאָרש־אַרבעט.

אָבער דער קאָנקרעטער מאַטעריאַל, וואָס איז אָנגעזאַמלט אין די סטיליסטישע אַרבעטן, צומטייל די אינטערפּרעטאַציע פֿונעם מאַטעריאַל — אַשטייגער, וועגן וואָרטשטעלונג, איבערכאַזערונג — דאָס איז ביז איצט אַ דאַנקבאַרער שטאָף פֿאַר דער סטיליסטישער אַרבעט אין דער שול.

5) און העכער איבערן פּאַקטישן מאַטעריאַל הייבט זיך אויף כ׳ שטיפּס אומגעהײַערער דראַנג נאָך לעבעדיקער שפּראַך־אַרבעט אין שול, זײַן געטרײַע אומופהערלעכע און אײַנגעשפּאַרטע פּראָפּאַגאַנדע פֿון דער אַרבעט איבער שפּראַכקולטור אין שול. אין דעם טייל היט אײַן נאָך אויך איצט דער אַרטיקל „שפּראַכקולטור“ זײַן אַקטועלקײַט.

ב. סלוצקי

דער וועג פונעם כ׳ נ. שטיף צו באפרייַען זיך פון זייַן ייִדישיסטישער יערושע און דער זשורנאַל „אפן שפּראַכפראָנט" („די ייִדישע שפּראַך")

1

דעם 7־טן אַפּרעל 1934 איז געוואָרן א יאָר זינט עס איז געשטאָרבן דער כ׳ נ. שטיף. מיט זייַן טויט איז איבערגעריסן געוואָרן זייַן פארצווייַגטע אָנגעשטרענגטע ארבעט אפן געביט פון דער ייִדישער שפּראַך־פאָרשונג, ס׳איז אויך איבערגעריסן געוואָרן זייַן אומדערמידלעכע ארבעט אינעם זשורנאַל „אפן שפּראַכפראָנט" (געוו. „די ייִדישע שפּראַך"), אינעם זשורנאַל, וואָס שטיף האָט שעפערישע און אים אָרגאַניזירט און אָנגעפירט מיט אים, און וואָס דערשייַנט איצט אין דער פאָרם פון פעריאָדישע זאמלביכער מיטן זעלביקן נאָמען.

אינעם סאָוועטישן פעריאָד פון זייַן טעטיקייַט איז פארן כ׳ נ. שטיף דער זשורנאַל „אפן שפּראַך פראָנט" („די ייִדישע שפּראַך") געווען ניט בלויז א טריבונע, ער איז אויך געווען דער צענטראַלער — צוליב אויך דער שווערסטער — מאָמענט אין זייַן ווירקן און שאפן.

כ׳ נ. שטיף איז, ווי באוווּסט, געקומען צו אונדז אין טאָג ווי א בורזשואזער געלערנטער, געקומען מיט ווילד־פארוואקסענע ייִדישיסטישע שטעגן און וועגן, געקומען געבויגן אונטער א שווערער, דריקנדיקער נאַצדעמאָקראַטישער יערושע־לאַסט. איז אָט דורך דעם זשורנאַל און מיט דעם זשורנאַל „אפן שפּראַכפראָנט" (געוו. „די ייִדישע שפּראַך") האָט כ׳ נ. שטיף פייַנלעך, אין ביטערן קאמף מיט זייַן שווערער יערושע, מיט זיך זעלבסט און מיט זייַנע פריִערדיקע פרייַנט, געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען ארויסצופלאָנטערן זיך פון די דאָזיקע ווילד־פארוואקסענע ייִדישיסטישע שטעגן און וועגן. ער האָט ביסלעכווייַז געוואָרפן פון זיך די יערושע־לאַסט, וואָס ער האָט זי פיל יאָרן געטראָגן ווי א פאָן אין זיך און פאר זיך, און האָט גענומען מאכן די ערשטע טריט ארויפצוארבעטן זיך אפן ברייטן, פרייַען טראַקט פון דעם מאַרקס־לעניניזם מעטאָד פון פאָרשן, פון דער מאַרקס־לענינישער לינגוויסטישער וויסנשאפט.

ליידער, האָט זיך כ׳ נ. שטיפס לעבן איבערגעהאקט באַם סאמע אָנהייב פון זייַן ארופטרעטן אפ דעם דאָזיקן גרויסן וועג.

איז אָט וועגן דעם דאָזיקן סאָוועטישן פעריאָד אין שטיפס ווירקן און שאפן.

כ׳ נ. שטיפ האָט עמיגרירט קיינ אויסלאנד אינעם יאָר 1921. שטיפ איז דעמאָלט געווענ ביז גאָר נאציאָנאליסטיש געשטימט, ער איז געווענ אנ אויסגעשפראָכענער יידישיסט אונ א שארפער קעגנער פונ דער פראָלעטארישער רעוואָליוציע. זיינ נאציאָנאליזם, ווי יעדער נאציאָנאליזם, איז, פארשטענדלעכ, געווענ בלויז א פאָרם, וואָס אינ איר האָט זיכ אויסגעדריקט זיינ קעגנערשאפט צו דער סאָוועטישער אָרדענונג, איז געווענ א צודעק פאר די אויסגעשפראָכענע אנטיפראָלעטארישע פאָזיציעס. דאָס צעשטערנ די יידישע בורזשואזע קולטור, אלס א טייל פונ דער גאנצער בורזשואזער קולטור, האָט שטיפ אויסגעטייטשט, ווי א צעשטערונג פונ דער יידישער קולטור איבערהויפט. ער האָט געטיינעט, אז בא דער ראטנמאכט, אז בא דער דיקטאטור פונעמ פראָלעטאריאט איז ניטאָ קיינ אָרט פארנ „יידנטומ”, פאר דער יידישער קולטור, — אונ יידישע קולטור האָט דעמאָלט בא אימ באטייט אויסשליסלעכ א בורזשואזע יידישע קולטור. ער האָט געהאלטנ, אז אזא יידישע קולטור קענ וואקסנ אונ זיכ אנטוויקלענ בלויז אפ יענער זייט סאָוועטישע גרענעצ. איז ער אוועקגעגאנגענ אהינ, צו די „יידנ”, קיינ ליטע, קיינ פוילנ, קיינ דייטשלאנד צו בויענ דאָרטנ די „יידישע” קולטור. אונ ער איז טאקע דער, וואָס אימ געהער די איניציאטיוו אוועקצולייגנ די ערשטע שטיינער פארנ „טעמפל” פונ דער יידישיסטישער קולטור, פאר דער נעסט פונ דער יידישער פאשיסטישער „ווִיסנשאפט”, פארנ „ייוואָ”.

צומ גליק פונ כ׳ נ. שטיפ איז אימ געראָטנ ניט צו פארזינקענ אינעמ זומפ פונעמ עמיגראנטנ־לאגער. אינ דער פארסאמטער לופט פונ רעכילעס־טרייבעריי, פונ זאָאָלאָגישער סינע צומ ראטנלאנד האָט נ. שטיפ געהאט אויסצושטיינ גרויסע שווערע ניסיוינעס. שטיפ איז אָבער די דאָזיקע ניסיוינעס נאָכ געוויסע וואקלונגענ בייגעשטאנענ. ער איז געווענ איינער פונ די ערשטע יידישע עמיגראנטנ, וואָס האָבנ געריסנ מיט דער עמיגראציע אונ זיכ אומגעקערט אינ ראטנפארבאנד.

אינ קאָוונע, ווילנע, בערלינ האָט כ׳ שטיפ געהאט גענוג געלעגנהייטנ צו איבערצייגנ זיכ, אז זיינע טרוימענ וועגנ א ברייט־פארצווייגטער יידישער קולטור זיינענ אינ די קאפיטאליסטישע לענדער ניט מער ווי אילוזיעס. אקעגנ־זשע האָבנ די גרויסע דערגרייכונגענ פונ דער לענינישער נאציאָנאלער פאָליטיק אינ דער קאָנקרעטער אָנווענדונג צו דער יידישער נאציאָנאלער מינדערהייט ביקלאל אונ אפנ קולטור־געביט ביפראט אימ באוויזנ, אז גראָד בא דער ראטנמאכט, וואָס שטיפ האָט זי געהאלטנ פאר דער אומברענגערנ פונ דער יידישער קולטור, אז גראָד בא דער דאָזיקער ראטנמאכט האָט די קולטור אפ דער יידישער שפראכ באקומענ אזא גראנדיעזנ פארנעמ, וואָס אינ קאפיטאליסטישע לענדער איז אפילע אומעגלעכ צו טרוימענ וועגנ דעמ. אונ דאָס אלצ האָט אימ געשטויסנ צו ענדערנ זיינ אָריענטאציע.

כ׳ נ. שטיפ איז אָבער געקומענ צוריק מיט א גאנצנ באלאסט נאציאָנאליסטישע אילוזיעס. שטיפ איז געוואָרנ ראטנ־פריינטלעכ פריער פאר אלצ, אונ טאקע דערפאר, וואָס בא דער ראטנמאכט, ווי ער האָט גערעכנט, איז מעגלעכ ברייט צו ארבעטנ אפנ „יידישנ פעלד”, אונ ער האָט טאקע געוואָלט, אז די גאנצע

סאָוועטישע בויונג אינ דער ייִדישער סוויווע זאָל דינענ פריִער פאר אלצ דעמ ייִדישנ נאַציאָנאליזמ, דער בורזשואזער, דער ייִדישיסטישער קולטור. אזוי, אז שטיפס פאָזיציע יענע צײַט האָט פאָרגעשטעלט מיט זיכ א מישמאש פונ ייִדישיזמ אונ פונ צעשוווּמענע סימפאטיעס צו דער ראטנמאכט.

3

גלײַכ בא זײַנ קומענ פונ אויסלאנד האָט זיכ שטיפ דערפילט דעזאָריִענטירט. ער האָט גלײַכ דערזענ, אז דער פאטאָס בא די באָלשעוויקעס אינ דער אזויגערופענער ייִד־ארבעט איז ניט פארנ נאַציאָנאליזמ, נאָר דורכויס פארנ אינטערנאַציאָנאליזמ, פארנ סאָציאליזמ; ער האָט דערזענ, אז די גאָרע נאַציאָנאלע קולטורעלע בויונג איז בא דער ראטנמאכט ניט קיינ מיטל צו פארשטארקנ די נאַציאָנאלע אָפגעזונדערטקײַט — דער וויכטיקסטער סימענ פונעמ ייִדישיזמ, — נאָר פארקערט, אז דער איקער איז בא זיי דער אינטערנאַציאָנאלער סאָציאליסטישער אינהאלט, וואָס ווערט ארײַנגעלייגט אינ דער נאַציאָנאלער פאָרמ.

דאָס איז געווענ שטיפס ערשטער וויכטיקסטער קאָנפליקט מיט דער סאָוועטישערווירקלעכקײַט נאָכ זײַנ אומקערנ זיכ פונ אויסלאנד. עס איז געווענ נאָכ א צווייטער קאָנפליקט. טראָצ דעמ, וואָס ער האָט זיכ אָפגעריסנ פונ זײַנ עמיגראנטישער סוויווע אונ איז אָפט אפילע שארפ ארויסגעטראָטנ קעגנ איר, איז דאָכ בא שטיפנ פארבליבנ אינ א גרויסער מאָס דער עמיגראנטישער, ביקלאל דער דעמלטיקער בורזשואזער ביטל צו אונדזערע טעכנישע מעגלעכקײַטנ אונ פײַיקײַטנ. שטיפ איז געקומענ צו אונדז, ווי א פרײַנטלעכער אויסלענדישער „ספעצ” (באזונדערס די ערשטע יאָרנ פונ אונדזער בויונג), געקומענ מיט א גוטנ ווילנ „מיטצוהעלפנ” דער ראטנמאכט אינ דער ייִדישער קולטור־בויונג, אינ דער זעלביקער צײַט אָבער אויכ צו באווירקנ די דאָזיקע בויונג אינ זײַנ, שטיפס, גײַסט; ער האָט געהאלטנ, אז וואָס באלאנגט, באזונדערס, דער ייִדישער שפראכ־בויונג, איז, עמעס, ווילנ ווילנ מיר אסאכ, קענענ קענענ מיר אָבער זייער וויייניק, אָדער אפילע גאָרנישט, אונ אז מע דארפ מיט אונדז אָנהייבנ קנעלנ ערשט פונעמ אלעפבייז. נ. שטיפ האָט אויכ געהאלטנ, אז אלצ, וואָס מיר טוענ אינ איניִענ פונ שפראכ, טוענ מיר דאָס ווי דילעטאנטנ, אָדער גאָר ווי פולשטענדיקע אמעראצימ. שטיפ האָט דעמלט געהאלטנ אלע ייִדישע שפראכטוער אינעמ ראטנפארבאנד, די אומפארטייִשע אונ נאָכמער די פארטייִשע, די אלטע אונ נאָכ מער די יונגע, פאר ווילדע שפראכ־אמעראצימ, וואָס קענענ קיינ ייִדיש ניט, וואָס שרײַבנ ייִדיש שלעכט, וואָס זעצנ איבער אינ ייִדיש נאָכ ערגער, קורצ, וואָס שרײַבנ אפ א ייִדישנ זשארגאָנ אונ זײַנענ אומבאהאָלפנ, וואָס קענענ זיכ ניט קיינ אייצע געבנ אינ דער שפראכ. שטיפ האָט געהאלטנ, אז ער, שטיפ, דער ווילגעלערנטער אינ ייִדיש, ער, וואָס האָט אלע שליסל צומ עמעסנ, עכטנ ייִדישנ שפראכ־אוצער, איז בארופנ צו לערנענ, צו בילדנ די דאָזיקע אָפגעשטאנענע, די דאָזיקע אמעראצימ, קעדיי צו דערהייבנ די ייִדישע שפראכ, די ייִדישע קולטור צו א מעלוכע־שפראכ, צו א מעלוכע־קולטור.

די דאָזיקע „ספעצ”־גײַוועס בענעגייע צומ סאָוועטישנ ייִדיש, צומ סאָוועטישנ „פענעמ” (ווי שטיפ פלעגט זיכ אויסדריקנ), צו דער סאָוועטישער פרעסע־שפראכ האָט

אָפּגעקלונגען אינ אַלע שטיפס ארויסטרעטונגען און נאָכמער אינ זײַנע פּריוואטע שמועסנ. דאָס האָט זיכ דורכגעגעריסנ אפילע אויכ אינ זײַנ פּראָגראמ־ארטיקל אינ דער „יִדישער שפּראַכ".

„אז מיט דער דאָזיקער קולטור־שפּראכ איז דאָ גאָר ניט גלאַט, — דאָס ווייסנ מיר שוינ פונ לאנג, נאָכ מער האָבנ מיר דאָס דערפילט די לעצטע צײַט אינ ראטנ־פארבאנד" (מײַנ אונטערשטרײַכונג — ב. ס.).

און:

„איז ניטאָ קיינ צײַט צו שלײַפנ, צו פײַלנ די שפּראכ, אפילע רעכט צו קלערנ וועגנ איר, דערהויפּט אינ דער אײַליקער צײַטונג־ארבעט, און מ׳נעמט זיכ דאָס ניט צומ הארצנ" (מײַנ אונטערשטרײַכונג — ב. ס.) („די יִדישע שפּראכ" 1927, נומ. 1, שפּ. 1 — 2).

און אָט דאָס „ניט נעמענ זיכ צומ הארצנ" האָט שטיפנ באזונדערס טיפ געקרענקט, און געקרענקט האָט דאָס אימ, דעריקער, ווײַל:

„די גרויסע רוסישע פּרעסע איז אָפנ, מ׳מוז צו איר אָנקומענ: זי שמידט באגריפנ און אויסדרוק־מיטלענ, נעמט מענ דעמ געדאנק צוזאמענ מיט דעמ אויסדרוק־מיטל, און אזוי, נישט אי־בערגעקאָכט, ניצעוועט מענ דאָס איבער מיט יִדישע ווערטער" („די יִדישע שפּראכ" 1927, נומ. 1, שפּ. 3).

און טאקע אינ דעמ דאָזיקנ „נעמענ פונ רוסיש" האָט שטיפ געזענ די גרעסטע געפאר פאר יִדיש, פארנ „ריינעמ" יִדיש; די דאָזיקע מוירע פארנ „נעמענ פונ רוסיש" איז בא שטיפנ אינ טאָכ גענומענ געווענ א פּסעוודאָנימ פונ דער נאציאָנא־ליסטישער מוירע פאר די אינטערנאציאָנאליזירונג־טענדענצנ, וואָס די סאָוועטישעווירקלעכקײַט טראָגט מיט זיכ אינ דער קולטור־בויונג. קעגנ די דאָזיקע טענדענצנ האָט שטיפ פארביטערט געקעמפט.

4

פאר דעמ ערשטנ יאָר אָבער, וואָס שטיפ איז אָפּגעווענ אינעמ ראטנפארבאנד, האָט ער דאָכ באוויזנ זיכ אביסל ארומצוקוקנ, זיכ צוגעווינענ, עפּעס וואָס צו לער־נענ אויכ, און ער האָט זיכ אָנגעהויבנ איבעראָריענטירנ. עמעס, דאָס זײַנענ, נאטיר־לעכ, געווענ בלויז ערשטע טריט און דערבײַ גאנצ ניט קיינ זיכערע און גאָר ניט קיינ ברייטע. די דאָזיקע איבעראָריענטירונג פילט זיכ שוינ אפילע אינ זײַנ פריִער־דערמאנטנ פּראָגראמ־ארטיקל. שטיפ פרווט שוינ אָנהייבנ ריידנ מיט דער סאָוועטישער שפּראכ, ער נוצט שוינ אינ א געוויסער מאָס איר לעקסיק, אפילע אייניקע אירע שטאמפּנ. ער הייבט אויכ אָנ אביסל מער שעצנ די נײַע קאטעגאָריע „פּענ־מענטשנ", וואָס מע דארפ פאר זיי

„שאפנ א שפּראכ־לאבאָראטאָריע, ווו אונדזער רעאלע קולטור־שפּראכ זאָל קריטיש געפּרווט ווערנ, זי זאָל געלײַטערט ווערנ, זי זאָל באריַיכערט ווערנ מיט זאמלענ, סיס־טעמאטיזירנ דעמ פאראנענעמ מאטעריאל, מיט נײַע פּראָבע־פּאָרשלאגנ א.אז.וו." („די יִדישע שפּראכ" 1927, נומ. 1, שפּ. 3).

די דאָזיקע לאבאָראטאָריע האָט געזאָלט זײַנ דער זשורנאל „די יִדישע שפּראכ", וואָס איז געגרינדעט געוואָרנ אינעמ 1927 יאָר.

אינעמ דאָזיקנ זשורנאל האָט זיכ שטיפ ניט פארמאָסטנ אָפּ א פארצווײַגטער פּי־לאָלאָגישער ארבעט. ער האָט פאר זיכ געשטעלט נעענטערע, קאָנקרעטע און פּראקטישע

צוועקן: רייניקן די ייִדישע שפּראַך [1]), אויסלערנען די סאָוועטישע „פּען־מענטשן" צו שרײַבן אַ שיין, ריין, עכט ייִדיש. פונדאַנען טאַקע די ציל־אײַנשטעלונג פונעם זשורנאַל צו זײַן אַן אָרגאַן „פאַר פּראַקטיש ייִדיש שפּראַכוויסן".

צוגעטראָטן איז שטיף צו זײַן אַרבעט מיט די אַלטע לינגוויסטישע און ייִדישיס־טישע מיטלען, ווײַט פונעם מאַרקס־לענינישן מעטאָד פון אַרבעט און פאָרשונג, ווײַט פון די באָלשעוויסטישע ציל־אײַנשטעלונגען. די ערשטע צײַט האָט דעריבער דער זשורנאַל מיט קיין סאַך זיך ניט אונטערגעשיידט פון די ענלעכע אויסלענדישע אויס־גאַבעס. דער זשורנאַל איז דעריבער געווען די ערשטע צײַט עפּעס ווי איזאָלירט פון אַ פּראָלעטאַרישער אַרומרינגלונג, ער איז געווען אײַנגעשלאָסן אין די שמאָלע ראַ־מען פון זײַן „פּראַקטיש שפּראַכוויסן", גלײַך ווי אויסער די דאָזיקע שמאָלע ראַמען איז גאָרניט פאָרגעקומען אַזוינס, וואָס זאָל האָבן אַ שײַכעס אויך צו דער „ייִדישער שפּראַך".

די אַאודיטאָריע, וואָס צו איר האָט שטיף גערעדט אין זײַן זשורנאַל, איז פּאַקטיש גע־ווען עפּעס אַן אומקלאָרע, אַ צעשוווּמענע. דער זשורנאַל האָט ניט באַוויזן צו פאַר־בינדן זיך אַפילו מיט דער לערערשאַפט, וואָס צו איר האָט ער אייגנטלעך פריִער פאַר אַלץ געוואָלט ריידן. שטיף האָט גערעדט עפּעס פון אַ „ספּעצ"־גײַוויִשער הייך, ניט אַראָפּנידערנדיק צו דער אַאודיטאָריע.

אין דעם דאָזיקן פעריאָד האָט שטיף נאָך אַלץ זייער ווייניק און שוואַך געהאַט אַסימילירט אין זיך דאָס סאָוועטישע, בײַ אים איז נאָך אַלץ פאַרבליבן אין דער פולער מאָס דער ייִדישיסטישער צוגאַנג צו די פראַגעס פון דער ייִדישער שפּראַך און דער גרויסער דערעכערעץ פאַר דער בורזשואַזער, אויסלענדישער וויסנשאַפט, די היפּשע גרינגשעצונג פון דער סאָוועטישער לינגוויסטישער וויסנשאַפט, אין זײַן גאָרער אַרבעט קוקט ער זיך נאָך אַלץ שטאַרק אום אויף אויסלאַנד. ס'פאַרשטייט זיך, ניט אויפן פּראָלעטאַרישן אויסלאַנד, נאָר אויפן אויסלאַנד פון די ווײַנרײַכס. דאָס פילט זיך פריִער פאַר אַלץ אין זײַן באַציִונג צום „ייִוואָ", אַשטייגער, אין דער נייטראַלער כראָניק־נאָטיץ „וועגן דער שפּראַך־אַרבעט אינעם ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע" („ייִדישע שפּראַך" 1927, נומ. 2), אין די מאָלראַנטע רעצענזיעס וועגן דעם 2־טן און 3־טן באַנד „פילאָלאָגישע שריפטן", וואָס שטיף האָט אין דער ערשטער צײַט נאָך זײַן קומען פון אויסלאַנד נאָך מיטגעאַרבעט אין זיי (דאָרטן, 1928, נומ. 3(10); 1929 נומ. 4 — 5, 17 — 18), אין מײַן נייטראַלן רעפעראַט וועגן „נײַ ייִדיש" פון דעם ייִדישיסט, דעם ווײַסן עמיגראַנט ז. קאַלמאַנאָוויטש; עמעס, צום סאָף פון דעם דאָזיקן רעפעראַט איז צוגעגעבן, אַז „ניט מיט אַלצדינג, וואָס ז. קאַלמאַנאָוויטש שרײַבט, זײַנען מיר מאַסקים... אָבער פּאָלעמיזירן געהערט ניט צו קיין רעפעראַט"; דער דאָזיקער צוגאַנג אָבער שוואַכט אַבסאָליוט ניט אָפּ די נייטראַלע באַציִונג צו קאַלמאַ־נאָוויטשעס אײַנשטעלונגען.

כאַראַקטעריסטיש איז אין דעם פּראַט אויך שטיפס אַרטיקל אין „די רויטע וועלט" 1927 יאָר, נומ. 3: „די ייִדישע וויסנשאַפט, אירע צוועקן און אויפגאַבן". אינעם דאָ־זיקן אַרטיקל איז דעם גאַנצן אונטערשייד צווישן דער וויסנשאַפט־אַרבעט אין ייִדיש אין ראַטנפאַרבאַנד און אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער זעט שטיף בלויז אין דעם,

---

[1]) לויט שטיפס אײַנשטעלונג אין יענער צײַט, האָט דאָס געזאָלט הייסן — פאַרהיטן די ייִדישע שפּראַך פון דער רוסישער ווירקונג.

וואָס אינעמ ראטנפארבאנד ווערט די דאָזיקע ארבעט געשטיצט פונ דער מעלוכע, און אינ די קאפיטאליסטישע לענדער ווערט זי פונ דער מעלוכע גערודיפט.

„אינ די בורזשואזע לענדער, — שרייבט שטיפ, — איז דאָס (די וויסנשאפטלעכע ארבעט אינ יידיש — ב. ס.) דערוויל א ציטערדיקער פרווו, אינ ראטנפארבאנד ווערט דאָס א רעאלער, זיכערער פאקט" (אונטערגעשטרייכט פונ נ. שטיפ).

לויט דעמ דאָזיקנ ארטיקל קומט אויס, אז, אייגנטלעכ, איז ניטאָ קיינ פרינציפּיעלער, קלאסנ־אונטערשייד צווישנ אונדזער וויסנשאפט־ארבעט אינ יידיש און דער וויסנשאפט־ארבעט אינ יידיש אינ די קאפיטאליסטישע לענדער, ווייל אויכ אינ די דאָזיקע לענדער באזירט זיכ קלוימערשט די וויסנשאפט־ארבעט אינ יידיש אפ „אנ ארבעט בא די יידישע מאסנ, קוידעמקאָל בא יידישע ארבעטער" (אגעוו, לאָזט זיכ אינ דעמ דאָזיקנ ארטיקל פילנ אויכ די נאצדעמאָקראטישע „טעאָריע" וועגנ אָנבורזשואזקייט פונ דער יידיש־שפראכיקער קולטור).

צו דעמ דאָזיקנ אָרט אינעמ ארטיקל גיט צו די רעדאקציע פונ דער „רויטער וועלט" א באמערקונג, וואָס שטרייכט אונטער דעמ בורזשואז־נאציאָנאליסטישנ כאַראקטער פונ דער יידישער וויסנשאפטלעכער ארבעט אינ אויסלאנד, וואָס פונ איר רעדט נ. שטיפ.

די פּאָלעמיק מיט די „יוואָ"־טוער האָט ביקלאל זייער שטארק פארשפעטיקט אינעמ זשורנאל „די יידישע שפראכ"...

דער דאָזיקער קאָנטאקט מיט די „יוואָ"־טוער, דאָס דאָזיקע ארומקוקנ זיכ אפנ בורזשואזנ אויסלאנד פילט זיכ אויכ אינ שטיפס באריכט וועגנ דער ארבעט פונ דער קאטעדרע פאר יידישער קולטור אינעמ זשורנאל „ראטנבילדונג" 1928, נומ. 3, דאָרטנ קאָנסטאטירט שטיפ מיט צופרידנקייט, אז דער זשורנאל „די יידישע שפראכ"

„האָט געקראָגנ א גוטנ נאָמענ אויכ אריבער די גרענעצנ פונ פסרר. לויט דעמ דאָזיקנ מוסטער האָט דער יידישער וויסנשאפטלעכער אינסטיטוט אינ ווילנע באשלאָסנ ארויסצוגעבנ אנ ענלעכנ זשורנאל אינ פוילנ".

5

שטיפ האָט אָנגעהויבנ זיינ שארפע אטאקע אפ דער סאָוועטישער יידישער פרעסע־שפראכ מיט דעמ גאָרנ ברענ, וואָס ער האָט פארמאָגט. דאָס איז געווענ אנ עמעסע יידישיסטישע שטורעמ־אטאקע אפ דער שפראכ פונעמ יידישנ רעוואָליוציאָנערנ פּראָלעטאריאט.

אָנגעהויבנ האָט שטיפ די דאָזיקע אטאקע אינעמ ערשטנ נומער פונעמ זשורנאל „די יידישע שפראכ" מיטנ בארימטנ ארטיקל „פונ". שטיפ האָט דאָרטנ געקערט וועלטנ:

„דער „פונ" איז געוואָרנ א כאלאס, א מאקע" („די יידישע שפראכ 1927, נומ. 1, שפּ. 11).

„פּאָטער ווערנ פונעמ ווילדנ „פונ" איז מעגלעכ ניט אנדערש, סיידנ פּאָטער ווערנ פונ דעמ ווילדנ זאצ, פּאָטער ווערנ פונעמ מעליצע־און טארגעמ־לאָשנ, וואָס פארוויסט די שפראכ און דעמ געדאנק. מ'מוז נעמענ ראמענ אונדזערע מיסטשטאלנ" (דאָרטנ, שפּ. 21).

דער ארטיקל „פונ" האָט אופגערייצט, אופגעבראכט די סאָוועטישע געזעלשאפטלעכקייט. און ניט אזוי מיטנ עצעמ שטעלנ די פראגע וועגנ דעמ, וויאזוי מע דארפ נוצנ די פּראָפּאָזיציע „פונ", ווי מיטנ טאָנ פונעמ דאָזיקנ ארטיקל. קעגנ דעמ שטעלנ די פראגע וועגנ דער פּראָפּאָזיציע „פונ" האָט קיינער, דאכט זיכ, גאָרנישט ניט

געהאט. א סימענ — די פּאָזיטיווע אָנווײַזונגענ האָט מענ גלײַכ אָנגענומענ, אונ דער האַמעטנער אונ פארפלאָנטערנדיקער דרײַ־אונ פירגאָרנדיקער „פונ" האָט גיכ אָנגעהויבנ פארשווונדנ ווערנ פונ דער סאָוועטישער פּרעסע. אופגעבראכט, באַליידיקט האָט דעריקער די ייִדישיסטיש־פּוריסטישע טענדענצ אינ דעמ דאָזיקנ ארטיקל, דער „ספּעציִשער" ביטלטאָנ בענעגײַע דער סאָוועטישער פּרעסע־שפּראכ (דאָס איינע ווערטעלע „מיסטשטאַלנ", וואָס איז ווערט!), עס האָט אופגערייצט שטיפס קאטעגאָרישקײַט, זײַנ עקסטרעמקײַט, זײַנ דעקרעטעווענ, זײַנ באשולדיקנ דעמ „פונ" אינ אזוינע זינד, וואָס ער איז זיי גאָרנישט באגאנגענ. שטיפ איז אָנגעפאלנ ניט בלויז אפ דעמ פארגרײַזטנ נוצנ די פּראָפּאָזיציע „פונ". אימ איז געגאנגענ ניט אזוי אינעמ „פונ", ווי דעריקער אינעמ זאצבוי. שטיפ האָט כאראקטעריזירט דעמ זאצבוי פונ דער סאָוועטישער ייִדישער פּרעסע־שפּראכ פאר ניט קיינ ייִדישנ, פאר א ווילדנ, אונ קעגנ אָט דעמ „ווילדנ זאצבוי" איז געווענ געצילט זײַנ הויפּט־פײַער. דעמ דאָזיקנ „ווילדנ זאצבוי", די „פּאפּירענע שפּראכ", ווי ער האָט פאראכטלעכ גערופנ די שפּראכ פונ דער ייִדישער סאָוועטישער פּרעסע, האָט ער א לאנגע צײַט ניט אופגעהערט צו באָמבארדירנ. דאָס זײַנענ געווענ די ארטיקלענ „פּאסיווע קאָנסטרוקציִע", „זאכווערטער אָנשטאָט צײַטווערטער", „באר", „דער פּאלשער בײַזאצ", „שפּראכ־קולטור" [1]). קעגנ דער דאָזיקער סאָוועטישער ייִדישער „פּאפּירענער שפּראכ" האָט ער ארויסגעשטעלט די „פאָלק־שפּראכ", די „פאָלקסטימלעכע" פאָרמעס פונ דער שפּראכ, די אלטע הינטערשטעליקע עלעמענטנ אירע. דאָס איז געווענ בא שטיפנ אנ אויסדרוק פונ דער שטרעבונג צו פארקערעווענ די אנטוויקלונג פונ דער ייִדישער שפּראכ אינעמ ראטנפארבאנד אפ בורזשואזע ייִדישיסטישע וועגנ.

די ווײַטערדיקע ארטיקלענ שטיפס זײַנענ געשריבנ געוואָרנ, עמעס, עטוואָס אײַנגעהאלטענער, ווי דער ארטיקל „פונ", דאָכ אָבער אלצ נאָכ מיט דער פריִערדיקער קאטעגאָרישקײַט אונ עקסטרעמקײַט, מיט דעמ פריִערדיקנ דעקרעטעווענ.

6

דער סטימול פונ שטיפס שפּראכ־קאמפּ איז, ווי געזאָגט, געווענ דער פּוריזמ, דער ייִדישיזמ. שטיפ האָט אָבער אלעמאָל געפּרווט צו פארדעקנ דעמ דאָזיקנ סטימול זײַנעמ, ער רעדט דעריקער מער פאר אלצ וועגנ „קלאָרקײַט". ער זאָגט, אז

> „דאָ האנדלט זיכ ניט בלויז פונ שפּראכ־עסטעטיק (כאָטש איכ האלט שפּראכ־עסטעטיק, ווי א טייל שפּראכ־קולטור, אויכ ניט פאר אָפּגעפּרעגט); דאָ האנדלט זיכ פונ ק ל אָ ר ק ײַ ט, פונ ריכטיק איבערגעבנ אונ באנעמענ א געדאנק" („די ייִדישע שפּראכ" 1927, נומ 1, שפּ. 11—„פונ").

אוואדע האָט שטיפנ אינטערעסירט קלאָרקײַט. דער בורזשואזער שפּראכ־עסטעטיזמ אָבער, דאָס צאצקעווענ זיכ מיט ארכאיִזמענ, דאָס זשאָנגלירנ מיט אלטע „פאָלקסטימלעכע" זאצ־פאָרמעס האָט דאָ געשפּילט גאָר א גרויסע, אויב ניט די גרעסטע

[1]) וועגנ דעמ ארטיקל „שפּראכקולטור" וועל איכ דאָ ספּעציִעל ניט ריידנ. איכ שיק אָפּ דעמ לייענער צו דער ריכטיקער אונ שארפער אָפּשאצונג, וואָס כ' יא. רעזניק האָט געגעבנ דעמ דאָזיקנ ארטיקל אינ „ראטנבילדונג" 1932 י. שוינ אלײנ דער נאָמענ פונ כ' רעזניקס קריטישער נאָטיצ—„קעגנ אנטימארקסיסטישער קאָנטראבאנדע אינעמ שפּראכ־לימעד"— כאראקטעריזירט די פּאָזיציע, וואָס שטיפ האָט אינ יענער צײַט פארנומענ אינ דער פראגע פונעמ שפּראכ־לימעד אינ דער ייִדישער שול, אונ וואָס ס'שליסט זיכ צונויפ מיט זײַנע, שטיפס, שפּראכ־אײַנשטעלונגענ ביקלאל.

ראַליע. שטיף איז געווען א גלענצנדיקער סטיליסט, ער האָט פאַרמאָגט א זייער מוזיקאַלישן אויער, איז געווען זייער פּינקטלעך צו יעדן וואָרט־ניואַנס, צום וואָרט־קלאַנג, זײַן פּוריזם אָבער, זײַן צאַצקעווען זיך מיט אַרכאַיזמען, זײַן זשאָנגלירן מיט „פֿאָלקס־טימלעכע" פֿאָרמעס איז גאַנץ אָפֿט געגאַנגען בּאַ אים אפּן כּעזשבּן טאַקע פֿון דער קלאָרקײַט, וואָס פֿאַר איר האָט ער ווערלטן אײַנגעלייגט. באַזונדערס האָט זיך דאָס באַ אים געפֿילט, ווען עס איז אים געגאַנגען אין אויסמײַדן א רוסישע שפּראַך־פֿאָרם, א רוסישן שפּראַך־שטאַמפּ. א ברייטע אילוסטראַציע צו דעם קען דינען זײַן איבּערזעצונג פֿון דובּנאָווס „נײַסטע געשיכטע פֿון יידישן פֿאָלק", באַנד 1 (פֿאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע, 1926). עמעס, שטיף איז געווען א גרויסער מײַסטער אַלס איבּערזעצער, אָבער גראָד אין דער דאָזיקער איבּערזעצונג האָט זיך קאָנצענטרירט און אויסגעדריקט זײַן גאָר'ער פּוריזם, זײַנע אַלע „פֿאָלקסטימלעכע" זשאָנגלירונגען. דאָס בּוך איז פֿול מיט אַזויפֿיל „פֿאָלקסטימלעכע" „פֿאַרפּאָשעטקײַטן", וואָס מאַכן גאַנץ אָפֿט דעם זאַץ טרוקן, געפּענטעט און ניט פֿאַרשטענדלעך. שטיף האָט זיך אַזוי געמיט אַוועקצוגיין פֿונעם רוסישן זאַצבּוי, אַז גאַנץ אָפֿט גייט ער פּאָשעט אַוועק פֿונעם טעקסט גופֿע.

כאַראַקטעריסטיש פֿאַר שטיפֿס פּוריזם און פֿאַר זײַן מאַפּקער זײַן די „קלאָרקײַט" צוליבּ דעם איז, אַשטייגער, זײַן מאַטערן זיך אײַנצופֿלאַנצן אין דער סאָוועטישער שפּראַך א ריי אַרכאַיזמען. שטיף מײַדט אויס, אַשטייגער, דעם „אָדער־אָדער" און שרײַבּט דורכויס „ענטפֿער־אָדער", נאָר דערפֿאַר, ווײַל דער ערשטער איז, לויט זײַן מיינונג, גענומען פֿונעם רוסישן или, или- און דער צווייטער איז א פֿאָלקסטימלעכע אַלט־יידישע פֿאָרם (פֿונעם דײַטשישן entweder-oder), און אים אַרט זייער ווייניק, וואָס „ענטפֿער־אָדער" קלינגט אינגאַנצן ווי א פֿרעמד וואָרט און גיט ניט קיין קלאָרע פֿאַרשטענדלונג פֿון דעם, וואָס ס'איז געמיינט. דאָס מאַכט אָבער ניט אויס. דאָרטן, ווו עס גייט אין „ריינקײַט", אין „פֿאָלקסטימלעכקײַט", אין אָפּהיטן די יידישע שפּראַך פֿון דער ווירקונג פֿון רוסיש, אין „עסטעטיזם," איז שטיף ניט געווען אַזוי שטרענג בּענוגע דער קלאָרקײַט.

7

דאָס ציקאַוועסטע אין שטיפֿס קאַמף קעגן דער „פּאַפּירענער שפּראַך", קעגן דער רוסישער ווירקונג איז דאָס, וואָס גראָד אין אָט דעם קאַמף איז ער אַליין געווען אונטער דער רוסישער ווירקונג, אונטער דער ווירקונג פֿון א גרופּע רוסישע לינגוויסטן, ווי גוס, ווינאָקור א. אנד., וואָס האָט פּוריסטיש באַשיצט די עלטערע „פֿאָלקסטימלעכע" פֿאָרמעס און קאָנסטרוקציעס, פֿאַרזעענדיק די נײַע נאָרמעס אינעם סאָוועטישן שפּראַך־פּראָצעס. די דאָזיקע גרופּע לינגוויסטן האָט אויך אַטאַקירט די „פֿאָרמיסטיקטקײַט" פֿון דער רוסישער פּרעסע־שפּראַך און האָט אויך, נאָך בּיז שטיפֿן, אַרויסגעשטעלט קעגן איר די באַשולדיקונגען אין פּאַסיווער קאָנסטרוקציע, אין באַנוצן זאַכוואָרט אָנשטאָט צײַטוואָרט, אין שטאַמפּן און שפּראַך־קלישע. ניט מער, וואָס נ. שטיף האָט דאָס פֿאַריידישיסטעוועט, פֿאַרבּרייטערט, פֿאַרשאַרפֿט און פֿאַר־אַלגעמיינערט.

באַזונדערס פֿאַרבּיטערט האָט שטיף געקעמפֿט קעגן די נײַע „שטאַמפּן" און קעגן די נײַע „שפּראַך־קלישעס", וואָס זײַנען גענומען פֿונעם אַלגעמיינעם סאָוועטישן

שפראכ־ארסענאל. וואָס האָט אָבער שטיפ אנטקעגנגעשטעלט זיי? טאקע אויכ „שטאמפנ“, טאקע אויכ „שפראכ־קלישע“, ניט מער, וואָס די שטאמפנ אונ שפראכ־קלישע, וואָס ער האָט קעגנגעשטעלט צו די סאָוועטישע, האָבנ געהאט אינ זיינע אויגנ איינ באַרעכטיקונג, איינ מײַלע — זיי זיינענ אלטע, „פאָלקסטימלעכע“ (אשטייגער, „זיכ איינגעבנ“ — „געראָטנ“; „א פינגער אָנ א פינגער ניט א קלאפ געטאָנ“ — „ניט ארײַנגעטאָנ קיינ האנט אינ קאלטער וואסער“ א. ד. גל.). צומאָל וויל ער קעגנשטעלנ צו דעמ אָנגענומענעמ סאָוועטישנ שטאמפ — אנאלאָגיש דעמ רוסישנ — זיינעמ א ניִיעמ שטאמפ, א צוגעטראכטנ לויטנ „ייִדישנ גייסט“. אזוי וויל ער, מע זאָל אָנשטאָט דעמ אָנגענומענעמ „אָנזאָג“ (наказ) נוצנ „פארזאָג“, ווייל ער האלט, אז אינ „ייִדיש“ „זאָגט מענ ניט אָנ, נאָר מע פארזאָגט“. שטיפ האָט געפּאסלט, ווי שטאמפנ, „פארשפּרייטנ“, „דורכפירנ“ (אנ ארבעט, א קאמפּאניע). ער האָט עס געהאלטנ פאר ניט קיינ געלונגענע רוסיציזמענ. אָנשטאָט „פארשפּרייטנ“ לייגט ער פאָר נוצנ „ריינ“־ייִדישע ווערטער: „אויסברענגענ“, „אָפּזעצנ“, „פארברייטנ“, „אויסברייטנ“, „אָפּגאנג“; פאר „דורכפירנ“ — „טונ“ („טונ אנ ארבעט“). אינ דעמ איז צו זענ, אז שטיפ האָט געקעמפט פארנ ארײַנשפּארנ אינ דער ייִדישער שפּראכ ארכאיזמענ אפילע דעמלט, ווענ דאָס סאָוועטישע וואָרט איז קלאָרער אונ פארשטענדלעכער אונ איז שוינ לאנג איינגעבירגערט אינ דער שפּראכ. דאָס איז נאָכ אנ איבעריקער באווײַז, אז הויפּט־זאכלעכ איז דעמלט שטיפנ געגאנגענ אינעמ איזאָלירנ די ייִדישע שפּראכ פונ דער ווירקונג פונ די איבעריקע סאָוועטישע שפּראכנ. „דורכפירנ“ האָט שטיפ געהאלטנ פאר א „ווילדגראָז“ אינ ייִדיש, פאר א ווילדנ רוסיציזמ, אונ ער האָט פארזענ, אז דורכפירנ איז א פארשפּרייט וואָרט אויכ אינ דײַטש. אזוי נוצט ענגעלס גאנצ אָפט דאָס וואָרט „דורכפירנ“, אשטייגער, אינ זיינ פאָרעדע צו מארקס „דער בירגערקריג אינ פראנקרייכ“, ווו אפ וואָסערע צוויי זײַטלעכ שרײַבט ער דורכאנאנד:

„In folge davon wurde am 8 April die Verbanung aller religiösen Symbole... aus den Schulen befohlen und allmählich durchgeführt“ (Der Bürgerkrieg in Frankreich im Jahre 1871, „Ukrdershnazmenvydav“ Charkov 1933; Einleitung, S. 16).

ווײַטער:

„Ein Dekret wegen der Verhaftung von Geiseln erlassen, aber nie durchgeführt“ (S. 16).

„Wie die Durchführung des Satzes“ (S. 17).

שטיפ האָט אָבער געהאלטנ, אז „דורכפירנ“ איז פרעמד דער ייִדישער שפּראכ, אז עס איז גענומענ פונ רוסיש, אונ דאָס איז שוינ געווענ בא אימ א גענוגנדיקער מאָטיוו אפ צו פּאסלענ אָט דאָס וואָרט.

8

די אויפגאבע פונ מײַנ ארטיקל איז, פארשטייט זיכ, ניט צו אנאליזירנ אלע קאָנקרעטע פעלערנ אינ שטיפס ארבעטנ. מײַנ אויפגאבע דאָ איז בלויז צו באצייכענענ דעמ וועג, וואָס שטיפ האָט דורכגעמאכט אפ בײַצוקומענ די דאָזיקע פעלערנ אונ זיכ אליינ. איכ וועל זיכ דעריבער באנוגענענ מיט אָנווײַזנ בלויז אייניקע פונ די דאָזיקע פעלערנ.

שטיפ האָט, אשטייגער, געטײַנעט, אז די פּאסיווע קאָנסטרוקציע

„איז די גרעסטע סטירע אנטקעגן דער רעוואָליוציאָנערער ענערגיע פון אונדזער צײַט, אנטקעגן דער אקטיווקײַט פון דעם סאָוועטישן לעבן און פרעסע־מאטעריאל“ („די ייִדישע שפּראך“ 1927, נומ. 2, שפּ. 30).

דעם דאָזיקן ארגומענט האָט שטיף גענומען מיט א לײַכטער האנט בא די פריִער־דערמאנטע רוסישע לינגוויסטן. אינדערעמעסן איז דאָ שטיפן ווייניק וואָס געגאנגען אינעם אָנעמען זיך די קריוודע פון דער רעוואָליוציאָנערער ענערגיע, אים איז געגאנגען אינעם אָנעמען זיך די קריוודע פונעם „עכטן“, „ריינעם“ ייִדיש, די קריוודע פון דער „פאָלקסטימלעכקײַט“. שטיפן איז דאָ געגאנגען אין דעם, וואָס די פאסיווע קאָנסטרוקציע איז, לויט זײַן מיינונג, גענומען ד ו ר כ ו י ס פ ו ן ר ו ס י ש, וואָס זי איז בא אונדז, לויט זײַן מיינונג, א נײַע פאָרם, „וואָס ערשט נעכטן האָבן מיר זי גענומען פון דער פרעמד“ (ד. ה. פון רוסיש. — ב. ס. דאָרטן, שפּ. 23). דערבײַ שפּארט זיך שטיף אָן אפ די גרעסטע אווטאָריטעטן אין ייִדיש (אפ מענדעלען, אפ שאָלעם־אלייכעמען, אפ בערגעלסאָנען), כאָטש ווען שטיפן לוינט דאָס, טרעט ער שארף ארויס אפילע קעגן אווטאָריטעטן אויך, טאקע אקעגן מענדעלען. שטיף ווײַזט אָן, אז די דאָזיקע אווטאָריטעטן נוצן קימאט קיינמאָל ניט די פאסיווע קאָנסטרוקציע. דערבײַ מאכט שטיף איין גרונטיקן טאָעס.

שטיף האָט אטאקירט, ווי באוווּסט, איין פראָנט — דעם צײַטונג־פראָנט. דאָרט האָט ער געזען די הויפּט־געפאר אין היִנזיכט פון דער רוסישער ווירקונג, די הויפּט־געפאר פאר דער „ריינקײַט“ פון דער ייִדישער שפּראך. דערבײַ האָט ער אָפּעריִרט ניט מיט דער צײַטונג־שפּראך ביִקלאל, ניט מיט פובליציסטישע מאטעריאלן ביִקלאל, נאָר אויסשליסלעך מיט דעם כראָניקאלישן צײַטונג־מאטעריאל, מיט קאָרעספּאָנדענצן און מיט באזונדערע גרײַזן אין די גרעסערע ארטיקלען. שטיף האָט ניט אויסגעפאָרשט די שפּראך פון די בעסערע, ערנסטערע פובליציסטן פון דער סאָוועטישער פרעסע (ער האָט ביִקלאל געהאלטן, אז אזוינע זײַנען ניטאָ), ער האָט בלויז זאָרגזאם און פלײַסיק געקליבן טאָעס נאָך טאָעס אין די ארטיקלען פון „עמעס“ און פון „שטערן“ (זעלטענער פון „אָקטיאבער“) און האָט אופגעניזשעט א גאנצן קראנץ „ו י ל ד ע ז א צ ן“ (ניט זעלטן צופעליקע, פארזעענע פון די רעדאקציעס); שטאמפּן און שפּראך־קלישע, און ער האָט דערבײַ איגנאָריִרט דאָס גאָרע פּאָזיטיווע פון דער סאָוועטישער ייִדישער פרעסע־שפּראך. דער גרעסטער טייל מאטעריאלן, וואָס אפ אים האָט שטיף געבויט זײַן „פאפירענע שפּראך“, איז גענומען דעריקער בא די נײַע „פען־מענטשן“, בא די ארבדאָרפקאָרן (צו יענער צײַט קימאט דורכויס אָנפאנגער), בא צופעליקע, ווייניק געשולטע און ווייניק געניטע שטעטלדיקע קאָרעספּאָנדענטן אָדער צײַטונג־איבערזעצער, און קעגן אָט דעם דאָזיקן כראָניקאלישן, צופעליקן, רויען צײַטונג־מאטעריאל פון ניטגעניטע, צומאָל און עפּשער גאָר אָפּט ווייניק גראמעטנע „פען־מענטשן“ האָט שטיף ארויסגעשטעלט די שווערסטע ארטילעריע־מוסטערן פון קונסט־ווערק פון די גרעסטע שפּראך־מײַסטערס אונדזערע. און מערקווירדיק, קיינמאָל מאכט שטיף ניט קיין פארגלײַכונג פון דער צײַטונג־שפּראך, וואָס ער באקעמפט, מיט די פובליציסטישע ווערק פון די זעלביקע שפּראך־מײַסטערס (אשטייגער, מיט די פובליציסטישע ארטיקלען פון שאָלעם־אלייכעמען, פּערעצן, בערגעלסאָנען א. אנד.), נאָר מיט זייערע קינסטלערישע ווערק. איך בין זיכער, אז ווען מע זאָל דורכאנא־

ליזירנ די פובליציסטישע שפראכ פונ אונדזערע קלאסיקער, וואלט מענ דארט געפונענ ניט איינ „ווילדנ זאצ“ [1].

שטיפ האט אויכ שטארק באקעמפט דעמ 1־טנ פארטיציפ. ער האט אימ געהאלטנ פאר פרעמד דעמ יידישנ „גייסט“, פאר אנ אריינגעבראכטנ פונ דער פרעמד, פונ רוסיש. כאראקטעריסטיש איז דאס, וואס ער האט אינ דעמ באשולדיקט פריער פאר אלצ טאקע דעמ גרעסטנ פאר שטיפנ יידישנ שפראכ־אווטאריטעט — מענדעלע. ער פרעגט:

„פונוואנענ נעמט זיכ צו מענדעלענ אזא אנגעזאפטקייט מיט דעמ 1־טנ פארטיציפ (אקעגנ דער גארער יידישער בעלעטריסטיק)?“ („די יידישע שפראכ“ 1927, נומ. 7, שפ. 38).

אונ ער ענטפערט:

„מענדעלע האט דאס ניט געקאנט נעמענ בא דער פאלקס־שפראכ, ווארעמ די גערעדטע שפראכ האט דאס ניט... בעכיינ מוז מענ זאגנ, אז מענדעלע איז אינ דעמ פראט א נאוואטאר אינ דער יידישער ליטעראטור, ס'איז מענדעלעס א סינטאקסישער אופטו, אונ גענומענ האט ער דאס בא מער־אנטוויקלטע שפראכנ, קוידעמקאל בא רוסיש“ („די יידישע“ שפראכ“ 1927, נומ. 7, מענדעלע־נומער, שפ. 48).

צי האט מענדעלע טאקע דאס גענומענ קוידעמקאל בא רוסיש? צי איז שוינ אזוי פרעמד דער יידישער שפראכ דער ערשטער פארטיציפ? אונ אויב אפילע יא, צי איז מענדעלע טאקע באגאנגענ אנ אוולע קעגנ דער יידישער שפראכ, באריי־כערנדיק זי מיט א העכערער פארמ, א גענומענע „בא מער אנטוויקלטע שפראכנ“?

פארוואס־זשע אזא אופגעבראכטקייט בא שטיפנ אפ מענדעלענ פאר זיינ „סינ־טאקסישנ אופטו“? דערפאר, וואס שטיפנ איז דאכ פריער פאר אלצ געגאנגענ דא אינ עפעס אנדערש — אינ דעמ, וואס, לויט זיינ מיינונג, איז די דאזיקע פארמ ניטא אינ דער „רייד־שפראכ“, אינ דער „פאלק־שפראכ“, אינ דעמ, וואס לויט זיינ מיינונג איז די דאזיקע פארמ געקומענ אינ יידיש פונ רוסיש, אונ שולדיק אינ דעמ איז מענדעלע!

אונ ס'איז גאנצ נאטירלעכ, אז דאס אלצ האט ארויסגערופנ אומצופרידנקייט בא די סאוועטישע קולטורטוער. אנ אויסדרוק פונ דער דאזיקער אומצופרידנקייט איז געווענ כ' ל. רעזניקס ארטיקל „וועגנ דער פראפאזיציע „פונ“ (אינ דער „יידישער שפראכ“ 1927, נומ. 5—6), גורשטיינס רעצענזיע אפ דער „יידישער שפראכ“ (אינ „עמעס“ 1928, נומ. 81), זיינ ארטיקל „וועגנ אייניקע טייַנעס צו דער „יידישער שפראכ“ (אינ דער „יידישער שפראכ“ 1929, נומ. 1), די באמערקונג פונ דער רעדאקציע „עמעס“ צו מיינ ארטיקל „צוויי יאר „די יידישע שפראכ“ („עמעס“, 1929, נומ. 28); — אינ דעמ דאזיקנ ארטיקל האב איכ זיכ סאלידאריזירט מיט שטיפס פאזיציע אינ די גרונט־פראגעס, וואס זיינענ באהאנדלט געווארנ אינעמ זשורנאל „די יידישע שפראכ“ [2].

---

[1] ספעציעל וועגנ שטיפס קאמפ קעגנ דער פאסיווער קאנסטרוקציע—זע אויבנ דעמ כ' גורעוויטשעס ארטיקל „צו די מעטאדאלאגישע גרונטלאגעס פונ די סטיליסטישע שטרייטנ אינ דער יידישער סאוועטישער לינגוויסטיק“. (ר ע ד.)

[2] די באמערקונג איז אזא:

„פונ דער רעדאקציע: מיר זיינענ מאסקימ מיט כ' ב. סלוצקי אינ זיינ אפשאצנ די ארִיענ־טאציע פונ זשורנאל אפ באדינענ די לעבעדיקע שפראכ פונ אונדזער טאגטעגלעכער שאפונג, — פונ דער פרעסע, אינסטיטוציעס א. אז. וו. זיינ ליניע זיכ צו פארבינדנ מיט די מאסנ א. אז. וו. מיר זיינענ

שטיפ האָט אפילע די דאָזיקע גאנצ שוואכע אונ פאָליטיש ניט פארשארפטע קריטיק אופגענומענ זייער קרענקלעכ, האָט אפ איר רעאגירט, ווי א „ספעצ", וואָס „אמע־ראצימ" דערוועגנ אָפּצופרעגנ אפ זײַנע עמעסנ, אונ ער האָט דערבײַ פארגעסנ, וואָס ער האָט פײַערלעכ געמאָלדנ, אז „די ייִדישע שפּראַכ" קומט ניט דעקרעטירנ, נאָר פאָר־לייגנ. אפ יעדער קריטישער נאָטיצ האָט ער געענטפערט בייז, מיט באליידיקונג אונ זייער ברייט. אזוי, אשטייגער, האָט ער אפ כ' ל. רעזניקס ארטיקל געענטפערט מיט נאָכ א גרעסערנ ארטיקל פונ גאנצע 27 שפּאלטנ (קעגנ די 12 שפּאלטנ פונ כ' ל. רעזניקס ארטיקל). שטיפ האָט זיכ שטארק געהאלטנ בא זײַנע פּאָזיציעס אונ האָט פארביטערט געקעמפט פאר יעדער איינער פונ זיי, וואָס ער האָט ענדלעכ פאָרט געמוזט אָפּגעבנ!

9

די צווייטע אטאקע אפ דער סאָוועטישער פרעסע־שפּראַכ, וואָס שטיפ האָט געפירט אינ דעמ זשורנאל „די ייִדישע שפּראַכ", איז געווענ אפ די איבערזעצונגענ. דאָ אָבער האָט ער זיכ שוינ ניט באגרענעצט בלויז מיט דער פרעסע. דאָ האָט ער פאר־ברייטערט די ראמענ, ווײַל ער האָט געהאלטנ, אז דאָס בייז קומט אויסשליסלעכ פונ די איבערזעצונגענ, דערינ אויכ פונ די בוכ־איבערזעצונגענ. די ערשטע צײַט איז דאָזיקע אטאקע געפירט געווענ דורכ מיר, שפּעטער — דורכ אנדערע אויכ [1]).

די אטאקע אפ די איבערזעצונגענ — זי איז ענג געווענ געבונדנ מיט דער אטאקע אפנ „ווילדנ זאצבוי" אונ אפ דאָס „נעמענ פונ רוסיש" — איז אויכ געווענ א באָמבע־ארטיקע, אונ פונקט ווי בענעגייע דעמ „ווילדנ זאצבוי", אזוי איז אויכ די אטאקע

אָבער ניט שטענדיק מאסקימ מיט די מעטאָדנ פונעמ זשורנאל אינ לייזנ די דאָזיקע אופגאבעס אונ האלטנ, אז ניט שטענדיק געלינגט אימ זיי דורכפירנ אינ קאָנקרעטע פאלנ.

ריכטיק איז, לעמאָשל, געשטעלט די „פונ"־פּראָבלעמ, אָבער ניט אינ אלע טיילנ אונ פאלנ איז זי ריכטיק פארענטפערט. ריכטיק איז געשטעלט די פראגע וועגנ דעמ פאסיוונ זאצ — אָבער אינ קאָנקרעטנ לייזנ זי איז דער מעטאָד פונעמ זשורנאל גאָרניט קיינ ריכטיקער. אזוי איז אויכ מיט דער „באר"־פראגע, אונ אָט דער גרונט־כיסאָרנ באשטייט דערינ, וואָס פאר ריכטיק אונ קאנאָניזירט רעכענענ זיכ אלע פאָרמעס אונ שפּראַכ־געענג, וואָס זײַנענ עלטער פארנ אופקומ פונ דער ייִדישער רעוואָליוציאָנערער אונ ארבעטערישער מאסנ־באוועגונג, — אלצ, וואָס עס האָט געשאפנ די דאָזיקע באוועגונג אינ זינ פונ שפּראַכ־אנטוויקלונג, ווערט געשטעלט אינ זשורנאל אונטער א צייכנ פונ צווייפל אונ דיסקוסיע. דערבײַ ווידערשפּרעכנ אָפט די שפּראַכ אונ די ארטיקלענ אינ זשורנאל גופע די קלאָלימ אונ טעזיסנ, וואָס די מעכאברימ שטעלנ ארויס. אונ עס איז קיינ כידעש ניט: דאָס לעבעדיקע לעבנ פונ א שפּראַכ, וואָס שאפט זיכ, באווירקט זייער שרײַבנ שנעלער איידער זייער דענקענ.

אָבער אינ אלגעמיינ אנערקענענ מיר די גרויסע באדײַטונג אונ ווערט פונעמ זשורנאל, אונ געפינענ, אז ער דארפ וואָס מער פארשפּרייט ווערנ צווישנ די לערער, קולטורטוער, שרײַבער אונ אלע אינסטי־טוציעס א. אז. וו.".

דאָ דארפ איכ אָנווײַזנ, אז אינ דער קריטישער באמערקונג פונ דער רעדאקציע „עמעס" צו מײַנ ארטיקל (שוינ ניט גערעדט וועגנ די ארטיקלענ פונ א. גורשטיינ אונ יא. רעזניק) איז ניט געגעבנ גע־וואָרנ קיינ פּאָליטישע אָפּשאצונג פונ שטיפס פאלשע אײַנשטעלונגענ אונ זיי זײַנענ ניט כאראקטעריזירט געוואָרנ, ווי דאָס וואָלט געדארפט זײַנ, אלס אנ אויסדרוק פונ נאצדעמאָקראטיזמ אפנ שפּראַכ־געביט.

[1]) איכ מוז אנערקענענ מײַנ פעלער, וואָס איכ בינ אומקריטיש נאָכגעגאנגענ נאָכנ כ' שטיפ אינ זײַנ פּוריזמ אונ אימ געשטיצט אינ זײַנ אגרעסיווקײַט בענעגייע די נײַע, צי פונדאָסנײַ אנטוויקלטע „פרעמדע" שפּראַכ־פאָרמעס סײַ אינ דער פּראָזעאָלאָגיע, סײַ אינ דער לעקסיק.

בענעגייע די איבערזעצונגען געגאנגען אפ דעם שוואכסטן באצירק, אפ דער ערגסטער פונ די ערגסטע איבערזעצונגען — אפ ט. הייליקמאנס „געשיכטע פונ דער געזעלשאפטלעכער באוועגונג פונ די יידן אינ פוילן אונ רוסלאנד", ערשטער טייל, מאָסקווע 1926 („די יידישע שפראך" 1927, נומ. 1).

באנאנד מיט א גאנצער ריי זייער גערעכטע טײַנעס צו דער דאָזיקער איבערזעצונג טשעפע איך זיך אינ מײַנ רעצענזיע צום איבערזעצער אויך מיט ריינ שטיפישע טײַנעס — קעגנ דער פאסיווער קאָנסטרוקציע, קעגנ „באר", קעגנ רוסישנ שטאמפּ („גיסנ וואסער אפ דער מיל") א.ד.ג.

אלס א קעגנזאצ צו דער דאָזיקער שלעכטער איבערזעצונג זײַנען אינ א ווײַטערדיקנ נומ. (3—4, 1927) געגעבנ „מוסטערנ פונ גערעכטע איבערזעצונגען", גענומענ פונ דער פריִערדערמאנטער שטיפּס איבערזעצונג פונ דובנאָווס געשיכטע [1]).

די דאָזיקע נעגאטיווע זײַט אינ שטיפּס טעטיקײַט (אפּנ שפראך-געביט), אלס פארוואלטער פונ דער פילאָלאָגישער סעקציע — אונ מעמיילע שוינ אלס רעדאקטער פונעם זשורנאל „די יידישע שפראך", האָט באקומענ א ברייטע, כאָטש ניט קיינ גענוג שארפע אונ פולע אָפּשאצונג אינ דער רעזאָליוציע, וואָס די ערשטע אלפארבאנדישע יידישע שפראך-קאָנפערענצ אינ קיִעוו (8 — 13 פעווראל, 1931) האָט אָנגענומענ „וועגנ די סאכאקלענ אונ אופגאבעס פונ דער יידישער שפראך-ארבעט אינעם ראטנפארבאנד אונ וועגנ דער „יידישער שפראך". אינ דער דאָזיקער רעזאָליוציע ווערט אָנגעוויזנ, אז בא אלע גרויסע דערגרייכונגען פונ אונדזער וויסנשאפטלעכער שפראך-ארבעט דארפ מענ אויך פארצייכענענ א ריי גרויסע פעלערנ. די פעלערנ, וואָס די רעזאָליוציע ווײַזט אָנ, באשטייט אינ דעמ, וואָס דער שפראך-ארבעט האָט געפעלט דער מארקסיסטיש-לענינעסטישער מעטאָד; וואָס עס האָבנ אינ איר געפעלט אלגעמיינ מעטאָדאָלאָגישע פראָבלעמעס פונ מארקסיסטישער שפראך-וויסנשאפט; וואָס עס איז ניט געפירט געוואָרנ קיינ קאמפּ קעגנ די בורזשואזע טעאָריעס פונ די יידישיסטישע פילאָלאָגנ (ייוואָ) אונ ביקלאל קעגנ דער פאשיסטישער אונ סאָציאל-פאשיסטישער יידישער שפראך-וויסנשאפט; וואָס די פאקטישע אײַנשטעלונג אינ דער ארבעט, דערהויפּט די ערשטע צײַט, איז אינ א גרויסער מאָס געווענ א יידישיסטיש-פאָלקיסטישע.

אזוי ווײַט מיט דער נעגאטיווער זײַט פונ שטיפּס שאפנ אונ ווירקנ אפ דער סאָוועטישער יידישער שפראך, א ווירקנ, וואָס איז געווענ באזונדערס גרויס אינ די ערשטע יאָרנ פונ דעמ זשורנאל „די יידישע שפראך".

---

[1]) געפינענדיק זיך אונטער שטיפּס ווירקונג, האָב איך די דאָזיקע איבערזעצונג, ליידער, שטארק געלויבט אונ זי אָנגעגעבנ פאר „מוסטערנ פונ גערעכטענער איבערזעצונג" אונ האָב מיט די דאָזיקע מוסטערנ זיך געפליײַסט צו פּאָפּוליאריזירנ אונ צו דעמאָנסטרירנ שטיפּס סטיל, זײַנע שפראך-אופטועכצנ אונ, דעריקער, זײַנע פוריסטישע אײַנשטעלונגען. דערבײַ האָב איך גאָרניט צופעליק פארזענ די בעפיירעש פארטונקלטע אונ פארגרײַזטע (אנטקעגנ דעמ רוסישנ טעקסט) שטעלנ, די פילע ערטער אינ דער איבערזעצונג, וואָס מאכנ דעם בוך שווער צום לייענענ אונ ערטערווײַז אפילע צום פארשטיינ. אגעוו, האָב איך מיט קיינ אייִנ וואָרט ניט באצייכנט דעמ נאציאָנאליסטיש-פאשיסטישנ אינהאלט פונ דובנאָווס היסטאָריאָגראפיע ביקלאל אונ פונ דעמ דאָזיקנ בוך ביפראט. דאָס איז מײַנער א שווערער פעלער, וואָס איך פארווּרף איִמ, ליידער, צו שפעט.

איך האָב דאָ אינקורצן כאראקטעריזירט דעם פוריסטישן, קריגעריש־יִדישיסטישן פעריאָד פון שטיפס ארבעט אין דער „יִדישער שפּראך". עס וואָלט אָבער געווען א טאָעס צו מיינען, אז שטיף, אז „די יִדישע שפּראך" האָט ניט אָפּגעטאָן קיין פּאָזיטיווע ארבעט אויך. וועגן דער פּאָזיטיווער ראָליע פון נ. שטיפס ארבעט אפן געביט פון יִדישער שפּראך־פאָרשונג ווערט גערעדט אויך אין. די פּונקטן 1—2 פון דער פריִעדרעמאנטער רעזאָליוציע. עס איז קיין שום סאָפעק ניט, אז בא אלע שטיפס פעלערן, האָט דאָך שטיף, האָט דאָך „די יִדישע שפּראך" אָפּגעטאָן א היפּשע פּאָזיטיווע ארבעט אינעם זינען פון מיטווירקן, אז די יִדישע פּרעסע זאָל אופהייבן איר שפּראך אפ א העכערער שטופע. נאטירלעך, האָבן די הויפּט־ראָליע אינעם בעסערן די יִדישע סאָוועטישע שפּראך געשפּילט אנדערע מאָמענטן, אין דער ערשטער ריי דאָס, וואָס די אלע אָנפאנגערס, די אלע נײַע „פּען־מענטשן", די אלע ניט־געשולטע ארבקאָרן און נײַע פּרעסע־טוער האָבן זיך ביסלעכווײַז אײַנגעארבעט, האָבן זיך קוואליפיצירט, זיך אויסגעלערנט בעסער שרײַבן. מעמיילע איז געוואָרן בעסער די שפּראך פון דער פּרעסע אויך. א געוויסן שטויס אָבער צו דעם האָט געגעבן אויך די ארבעט פונעם כ' שטיף. שטיף איז געווען א ביז גאָר פּאָראקשנטער קעמפער אפ דעם דאָזיקן געביט. ער האָט שארף און אָפן געשטעלט (עמעס, מיט אסאך פעלערן און פאלשע אײַנשטעלונגען) די פראגע וועגן שפּראך־קולטור, וועגן שפּראך־קוואליטעט, וועגן הייבן דאָס וואָרט, וועגן מאכן עס קלאָרער, פארשטענדלעכער, עפעקטיווער. ער איז געווען צווישן די ערשטע, וואָס האָט גענומען ארבעטן אפ צו שאפן סאָוועטישע יִדישע לינגוויסטיק. א ריי ארטיקלען זײַנע אין דער „יִדישער שפּראך", „אפן שפּראכפראָנט" זײַנען, טראָץ זייערע פעלערן, דאָך געווען דער שטענדיקער וועקער פאר די פּרעסע־טוער, פאר די שפּראך־טוער ביקלאל, דער וועקער, וואָס האָט זיי גערופן מער אכט צו לייגן אפ דער לעקסיק און נאָכמער און באזונדערס אפ דעם זאצבוי, העכערן די קוואליפיקאציע פון די פּרעסע־טוער, דערהויפּט פונעם ארבקאָר, האָט געמאָנט צו שרײַבן קלערער, בעסער, שענער. די רעדאקטערס האָבן זיך אָנגעהויבן ערנסטער אָפּגעבן מיט דער שפּראך, מער זי ריי־ניקן, בעסערן זי; בא די צײַטונגען זײַנען געגרינדעט געוואָרן ארבקאָרן־קורסן; מע האָט גענומען לערנען די שפּראך.

די דאָזיקע פּאָזיטיווע ווירקונג האָט זיך גלײַך געלאָזט פילן אפ דער סאָוועטישער יִדישער פּרעסע; פון דער אנדערער זײַט, איז וויכטיק צו באצייכענען אויך די פּאָזיטיווע ווירקונג, וואָס די בארירונג מיט דער סאָוועטישער יִדישער פּרעסע האָט געהאט אפן זשורנאל „יִדישע שפּראך" און אפ איר רעדאקטער שטיף. שוין אינעם ערשטן יאָר פון דער „יִדישער שפּראך", שוין אינעם נום. 5—6, 1927 [1]) ווערט באם אנאליזירן א נומער „שטערן" באצייכנט:

„און דאָך מוז מען זאָגן, אז אונזער צײַטונג־שפּראך בעסערט זיך. אונדזער סאָוועטישע צײַטונג איז גאָרניט אזוי גלײַכגילטיק צו דער שפּראך, ווי עמעצן קען זיך אויסווײַזן, זי זוכט, און זייער פײַנלעך, ווי פּאָטער צו ווערן פון דער שפּראך־פּאר־

[1]) אגעוו, דארף מען געדענקען, אז די דאטעס אפ דער „יִדישער שפּראך" זײַנען בלויז פּאָרמעלע: די נומערן פלעגן פארשפּעטיקן מיטן דערשײַנען צומאָל אפ 3 און 6 כאדאָשים אויך!

ווילדקײַט, וואָס איז איר אינ א גרויסער מאָס געקומענ בעירושע פֿונ דער בירגערלעכער פּרעסע״ („די יידישע שפּראַכ״ 1927, נומ. 5—6, שפּ. 40).

די נײַע טענער, וואָס לאָזנ זיכ הערנ אינ דעמ דאָזיקנ אַרטיקל אינ פֿאַרגלײַכ מיט דעמ פּראָגראַמ־אַרטיקל פֿונעמ ערשטנ נומער „די יידישע שפּראַכ״, די דאָזיקע נײַע טענער זײַנענ געווענ א פּראָדוקט פֿונ א געוויסער איבעראָריענטירונג פֿונ דעמ כ׳ שטיפֿ גופֿע, מעמיילע אויכ פֿונעמ זשורנאַל „די יידישע שפּראַכ״ אונ פֿונ שטיפֿס נאָענטע מיטאַרבעטער. אינ דעמ אַרײַנפֿיר צו דעמ דאָזיקנ אַרטיקל ווערנ מער אָביעקטיוו שוינ אָנגעוויזנ די סיבעס פֿונ דעמ, וואָס די שפּראַכ פֿונ די יידישע סאָוועטישע צײַטונגענ איז צומאָל א שלעכטע, מע באַשולדיקט זי שוינ ניט אינ „זיכ ניט נעמענ צומ האַרצנ״, פֿאַרקערט, מע שטרײַכט אונטער, אַז זי זוכט זייער פֿײַנלעכ, וויאַזוי פּאָטער צו ווערנ פֿונ דער שפּראַכ־„פֿאַרווילדקײַט״. מע רוקט שוינ אויכ ניט אַרויס אינ דער ערשטער שורע די באַשולדיקונג וועגנ „נעמענ פֿונ רוסיש״, די שפּראַכ־„פֿאַרווילדקײַט״ ווערט שוינ ניט כאַראַקטעריזירט, ווי אינעמ פּראָגראַמ־אַרטיקל, אַלס א ספּעציפֿל סאָוועטישע דערשײַנונג, נאָר, פֿאַרקערט, עס ווערט שוינ אונטערגעשטרײַכט, אַז אינ א גרויסער מאָס איז זי איר געקומענ „בעירושע פֿונ דער בירגערלעכער פּרעסע״.

דאָס הייסט אָבער נאָכ ניט, אַז שטיפֿ, אַז „די יידישע שפּראַכ״ האָבנ שוינ ראַדיקאַל געביטנ די אָריענטאַציע, אַז שטיפֿ, אַז דער זשורנאַל „די יידישע שפּראַכ״ האָבנ זיכ שוינ איינגאַנצנ א קער געטאָנ מיטנ פּאָנעמ צו דער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט. א שריט פֿאָרויס איז דאָס אָבער פֿאַרט געווענ. דאָס זײַנענ געווענ שטיפֿס ערשטע טריט צו דערנעענטערנ זיכ צומ סאָוועטישנ יידישנ סטיל, צו איבערשאַצנ זײַנע אײַנשטעלונגענ בענוגע דער סאָוועטישער יידישער פּרעסע־שפּראַכ, דאָס זײַנענ אויכ געווענ זײַנע ערשטע פּרוווּ — עמעס, זייער ניט קיינ זיכערע — זיכ קריטיש צו שטעלנ צו דער יידישער בורזשואַזער פּרעסע־שפּראַכ, וואָס שטיפֿ האָט זי ביז דעמלט געהאַלטנ פֿאַר א פֿיל בעסערער, ווי די סאָוועטישע, אונ אָנצוהייבנ אָפּגיינ פֿונ דעמ יידישיסטישנ אויסלאַנד, אויפֿצוהערנ זיכ אומקוקנ אינ זײַנ אַרבעט אַפֿ די אויסלענדישע אויטאָריטעטנ, אַפֿ די ווײַנרײַכס אונ ווי נאָכ מע רופֿט זיי דאָרט.

11

א שטאַרקער שטויס צו דערנעענטערנ זיכ צו דער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט אונ צו דערווײַטערנ זיכ פֿונ דער מיטאַרבעט מיט „אויסלאַנד״ איז פֿאַר שטיפֿנ געווענ דער צווייטער אַלפֿאַרבאַנדישער קולטור־צוזאַמענפֿאָר אינ כאַרקאָוו אינ אַפּרעל 1928, אונ נאָכ מער, נאָכ שטאַרקער, נאָכ פֿעסטער — די אויבנדערמאַנטע שפּראַכ־קאָנפֿערענצ אינ קיעוו אינ פֿעוראַל 1931.

די ערשטע עפֿנטלעכע קריטיק אַפֿ דעמ קולטור־צוזאַמענפֿאָר, די קריטיק, וואָס איז געווענ געווענדעט קעגנ דער „יידישער שפּראַכ״, האָט געשטויסנ שטיפֿנ איבערצוקוקנ זײַנע אײַנשטעלונגענ בענוגע דער סאָוועטישער פּרעסע־שפּראַכ, דאָס האָט אימ אַרויפֿגעפֿירט אַפֿנ געדאַנק צו מאַכנ א גרעסערע גרינטלעכע אויספֿאָרשונג וועגנ איר. צו אַזא אויספֿאָרשונג איז ער צוגעטראָטנ אינ מײַ 1928. דאָס איז געווענ די ערשטע גרויסע אונ וויכטיקע פֿאָרש־אַרבעט בענוגע דער סאָוועטישער יידישער פּרעסע. וועגנ דער דאָזיקער אַרבעט איז געגעבנ געוואָרנ א גרעסערע אָפּהאַנדלונג

אין דער „יִדישער שפּראַך" 1929, נומ 3 (6). אינעם אַרײַנפיר צו דער דאָזיקער אָפּהאַנדלונג איז געזאָגט:

„די פילאָלאָגישע סעקציע באַ דער קאַטעדרע פאַר יִדישער קולטור האָט מיט דער איניציאַטיוו פונ איר פירער, כ׳ ב. שטיפּ, פירגענומענ אַנ אַרבעט צו דערלערנענ די שפּראַכ פונ דער סאָוועטישער יִדישער פּרעסע.

די אַרבעט האָט דעמ צוועק אויסצופאָרשנ אונ קלאָר צו מאַכנ די שפּראַכ־מיטלענ, וואָס מיט זיי אַרבעט די סאָוועטישע יִדישע פּרעסע; וואָס האָט זי איבערגענומענ פונ דער שפּראַכ־ירושע, וואָס האָט זי אופגעטונ נײַס, וואָס איז אינ דעמ נײַ־אופגעטאָנענעמ פאַראַנ געזונטס, פּראָגרעסיווס, אַזוינס, וואָס איז פײִיק זיכ אײַנצובירגערנ, אונ וואָס איז אינ דעמ פּרעמדס, צופעליקס, נישט אָרגאַנישס פאַר דער שפּראַכ, — וואָס פאָדערט אויסרעגולירט צו ווערנ מיט וויסנשאַפטלעכ־געזעלשאַפטלעכע מיטלענ" („די יִדישע שפּראַכ" 1929, נומ. 3 (16), שפּ. 23).

ווײַטער:

„אינטערעסאַנט אַזאַ פּראַט: די סאָוועטישע יִדישע פּרעסע האָט איבערגעאַנדערשט די טראַדיציאָנעלע נעמענ פונ יִדישע באַשעפטיקונגענ, קלאָרער צו דעמ קלאַסנ־אינהאַלט. מע שרײַבט: דעקלאַסירטער, פּויער, פּריוואַטלער (פּריוואַטניק), קוסטאַר, ראַטנאָנגעשטעלטער—אָנשטאָט: לופטמענטש, קאַלאָניסט, קרעמער (הענדלער), באַלמעלאָכע, סלוזשאַשטשע" (דאָרטנ, ז. 27).

„אַ וויכטיקער אופטו אינ דער סאָוועטישער יִדישער פּרעסע — דאָס איז די אַדיעקטיוויזאַציע פונ דער שפּראַכ. ווי ס׳איז וויסיק, האָט יִדיש אַקעגנ אַסאַכ רוסיש וויניקער מעגלעכקײַטנ צו בילדנ אַדיעקטיוונ. יִדיש העלפט זיכ דאָ אויס מיט קאָמפּאָזיטנ... די סאָוועטישע יִדישע פּרעסע האָט גענומענ שטאַרק בילדנ נײַע אַדיעקטיוונ, אָפּטמאָל אַפּ אַ גאַנצ דרייסטנ אופנ" (ז. 28).

אונ דאָס סאַמע אינטערעסאַנטסטע: דאָס האָבנ געטאָנ גראָד יענע „פּענ־מענטשנ", וואָס שטיפּ האָט זיי פריִער געווענ גרינגגעשעצט אָדער וויניק דערשאַצט, אונ גראָד די דאָזיקע אַדיעקטיוויזאַציע איז געקומענ דירעקט אונטער דער ווירקונג פונ רוסיש, פונ סלאַוויש ביקלאַל! איצט אָבער לייגט שוינ שטיפּ ניט אײַנ קיינ וועלטנ, פּאַרקערט, ער איז אַנטציקט פונ דעמ אופטו, ער איז דער ערשטער, וואָס מאַכט דערופּ אופמערקזאַמ אונ, ווי באַוווסט, איז ער די לעצטע פאָר יאָר פונ זײַנ לעבנ, באַזונדערס באַמ רעדאַקטירנ די פאַרשיידענע טערמינאָלאָגיעס, געווענ שטאַרק פאַרנ אַדיעקטיוויזירנ די שפּראַכ.

די דאָזיקע פאָרש־אַרבעט האָט אופגעדעקט נאָכ אַ נײַס — די דעהעבראַיִזאַציע פונ יִדיש [1]). דאָס האָט אַרופגעפירט שטיפּנ אַפּ אַ נײַעמ קער, אַפּ אַ נײַער פאָרשונג פונעמ אַנטוויקלונגס־גאַנג פונ דער יִדישער שפּראַכ אינעמ ראַטנפאַרבאַנד. די רעזולטאַטנ פונ דעמ איז געווענ שטיפּס ערשטע וויכטיקע אַרבעט אינעמ פּעריאָד פונ זײַנ פרווונ זיכ איבערצושליסנ אַפּ נײַע רעלסנ — „די סאָציאַלע דיפערענציאַציע אינ יִדיש" („די יִדישע שפּראַכ" 1929, נומ. 4 — 5), אַנ אַרבעט, וואָס מע דאַרפ זי רעכענענ פאַר אַ שיידפּונקט אינ שטיפּס שאַפנ, דער ערשטער קער זײַנער פונעמ קריגערישנ יִדישיזמ צו דער מאַרקס־לעניניסטישער פאָרשונג. טראָצ אירע פעלערנ, האָט די דאָזיקע פאָרשונג־אַרבעט דאָכ געבראַכט צו זייער גוטע רעזולטאַטנ פאַר שטיפּנ; זי האָט אימ געהאָלפנ צו באַפרײַענ זיכ אינ אַ היפּשער מאָס פונ זײַנ פּוריזמ, פונ זײַנ יִדישיזמ, פונ זײַנ האַלטנ קאָנטאַקט מיט די אויסלענדישע יִדישיסטנ.

---

[1]) אַ גענויע אָפּשאַצונג פונ שטיפּס טעאָריע וועגנ דעהעבראַיִזאַציע מיט אַלע אירע פּאָזיטיווע אונ נעגאַטיווע מאָמענטנ זע אויבנ דעמ אַרטיקל פונעמ כ׳ ע. ספּיוואַק „וועגנ דעהעבראַיִזאַציע אונ וועגנ דעמ העבראַיִשנ „עלעמענט" אינ יִדיש". (רעד.)

אינ צוזאמענהאנג דערמיט קומט פאָר בא שטיפנ אנ ענדערונג אינ זײַנע באציַ־ונגענ צו דער קריטיק. ער הערט זי אויס אביסל רויִקער, ער הערט זיכ אפילע צו צו איר. עמעס, עס טרעפנ נאָכ בא אימ רעצידיוונ, זײַנ וועג איז נאָכ אלץ ניט קיינ גלײַכער, איז נאָכ אלץ א וואקלדיקער, מיט שטויסנ, מיט אופרײַסנ, מיט צוריקטריטנ, ס'פילט זיכ אָבער אלץ מער אונ מער די ווירקונג פונ דער סאָוועטישער ארומ־רינגלונג אפ שטיפנ. שטיפ מאכט געוויסע טריט זיכ א קער צו טאָנ „מיטנ פאָנעמ צו דער פראָדוקציע". „די יידישע שפראכ" הייבט אָנ געבנ טערמינאָלאָגיעס פאר סאָוועטישע איַינריכטונגענ. שטיפ אליינ גיט זײַנ ביז גאָר וויכטיקע ארבעט „בלאנקענ פאר מיליציע אפ יידיש", אנ ארבעט, וואָס האָט, ניט געקוקט אפ א ריי ערנסטע בלויזנ, געבראָכנ די קאנצעליארישע טראדיציעס אונ געמאכט די שפראכ פונ דער קאנצעליאריע פאר א פאָשעטער, פארשטענדלעכער.

נאָכ א וויכטיקער שטויס אפ דעמ נײַעמ וועג זײַנענ געווענ זײַנע ארבעטנ איבער ווײַנגערס דיאלעקטאָלאָגישע האנאָכעס.

ווײַנגער האָט געהאלטנ, אז:

„די יידישע אויסשפראכנ זײַנענ זייער אלט אונ זײַנענ אנטשטאנענ ניט אינ פוילנ אונ ניט אינ רוסלאנד, נאָר שוינ אינ דײַטשלאנד... אז די אויספורעמונג פונ יידישע דיאלעקטנ דארפ מענ זוכנ ניט בלויז אינ מה"ד—מע דארפ דאָס זוכנ אינ א ל ט ה ו י כ ד ײַ ט ש אויכ" („די יידישע שפראכ" 1929, נומ. 1 (14), שפ. 13).

שטיפ פרעגט אָפ די דאָזיקע קאָנצעפציע אונ שטעלט ארויס אנ אנדערע — ד י ס פ ע צ י ע ל ע ו ו י ר ק ו נ ג פ ו נ ד י ס ל א װ י ש ע ש פ ר א כ נ א פ י י ד י ש. ער ברענגט ארויס זײַנע האנאָכעס, ווי ביקלאל אינ אלע זײַנע ארבעטנ, דורכ א גרויסנ אָנגעזאמלטנ מאטעריאל.

די דאָזיקע פאָרש־ארבעט האָט, אָנ ספק, מיטגעווירקט אפ זײַנ ראדיקאלנ אי־בערשאצנ, איבערקוקנ זײַנע אײַנשטעלונגענ וועגנ יידיש, אונ האָט אימ סאָפקאָלסאָפ געבראכט צו זײַנ „סלאוויזירונג פונ יידיש".

אינ דער דאָזיקער צײַט גיט שטיפ אופ אסאכ פונ זײַנע פריערדיקע פאָזיציעס. דער זשורנאל הייבט אָנ ביסלעכווײַז פארברייטערנ זײַנ באזע. ער ווערט אויס אָרגאנ פאר „פראקטיש יידיש שפראכוויסנ". אינ 1929 יאָר נעמט שטיפ אראפ פונעמ אונטער־קעפל דאָס וואָרט „פראקטיש". דאָס האָט צו עפעס פארפליכטעט. אינעמ זשורנאל בא־ווײַזנ זיכ טאקע ארטיקלענ, וואָס האָבנ שוינ ניט קיינ דירעקטע שײַכעס צו „פראק־טיש יידיש שפראכוויסנ". די טעמאטיק הייבט אָנ ווערנ א נײַע.

12

נאָכ א ווײַטערנ אונ ערנסטנ טריט אפ זײַנ וועג צו סאָוועטיזירנ זיכ מאכט נ. שטיפ אינעמ יאָר 1931. געבראכט דערצו האָט די פריערדערמאנטע שפראכ־קאָנפערענצ אינ קיִעוו.

די קאָנפערענצ איז געקומענ מיט שווערע באשולדיקונגענ קעגנ דעמ זשורנאל „די יידישע שפראכ", זי איז געקומענ מיט גרויסע טײַנעס צו שטיפנ. שטיפ האָט אויס־געהערט א שארפע קריטיק. ער האָט אפ איר קרענקלעכ רעאגירט, ער האָט זי אופ־גענומענ ניט גלאט. באזונדערס האָט שטיפ קרענקלעכ רעאגירט דערופ, וואָס מע האָט

געמאָנט באַ די פילאָלאָגן „פאַרטייִשקייט אין דער ייִדישער וויסנשאַפט־אַרבעט" (זע כ' ליבערבערגס אַרטיקל און די רעזאָליוציעס פונ דער קאָנפערענצ אינעמ זשורנאַל „די ייִדישע שפּראַכ" 1930, נומ. 6 (25) [1]).

דאָס איז אָבער אינ טאָכ געווענ זײַנ לעצטער ווידערשטאַנד.

דאָס לעבנ האָט געווירקט, געטאָנ זײַנס. שטיפ איז געווענ א צו לעבעדיקער מענטש, ער זאָל קענענ בלײַבנ ניט באַווירקט פונ דער סאָוועטישער סוויווע — אַרומ־אונ־אַרומ האָט געברויזט מיט זעלבסטקריטיק, אינ שײַנ פונ כ' סטאַלינס היסטאָרישנ בריוו אינעמ זשורנאַל „פּראָלעטאַרסקאַיאַ רעוואָליוציאַ" איז געגאַנגענ א רעוויזיע אינ־נעמ גאַנצנ לאַנד, אַפ אַלע פראָנטנ. דער אינסטיטוט פאַר ייִדישער פּראָלעטאַרישער קולטור איז אויכ אַרײַנגעצויגנ געוואָרנ אינ דער דאָזיקער שטפּערישער רעוויזיע־באַוועגונג. שטיפ האָט זיכ נאָכ אַלצ געאַקשנט, האָט ניט געוואָלט אַנערקענענ עפנטלעכ זײַנע פעלערנ, כאָטש באַ זיכ און מיט זיכ האָט ער די רעוויזיע שוינ לאַנג אָנגעהויבנ. דאָס האָט זיכ געפילט אינ דער טעמאַטיק פונעמ זשורנאַל. שטיפ עפנט א טירעלע פאַר דער יאַפעטידאָלאָגיע, וואָס ער האָט פריִער ניט געוואָלט הערנ און ויסנ פונ איר. שטיפ גיט דעמ כ' צווײַגס אַנ אַרבעט וועגנ באָווּשאָווערס שפּראַכ, כ' קאַגאַנאָוויטשעס א פּאָלעמישנ אַרטיקל וועגנ דער אוקראַיִנישער לינגוויסטיק „פאָלק־שפּראַכ און ליטעראַרישע־שפּראַכ", אַנ אַרטיקל, וואָס איז אַרויסגעטראָטנ קעגנ דער „פאָלקסטימלעכקײַט". עס הייבנ זיכ אָנ באַווײַזנ נײַע מענטשנ אינעמ זשורנאַל. דאָס הייסט ניט, אַז שטיפ האָט פריִער ניט געפּרוּווט צוציִענ נײַע מיטאַרבעטער, פאַרקערט, ער האָט אינ דעמ פראַט זייער אַסאַכ געטאָנ, ער פלעגט צעשיקנ הונדערטער בריוו מיט פאָרשלאַגנ, מיט מאָנענישנ צו שרײַבנ אינעמ זשורנאַל. די טעמאַטיק פונעמ זשורנאַל, וואָס איז געווענ זייער א שמאָלע — „פּראַקטיש שפּראַכוויסנ" — האָט אָבער ניט געקענט צוציִענ קיינ סאַכ מיטאַרבעטער.

די דאָזיקע, עמעס, זייער לאַנגזאַמע שטיפס איבעראָריִענטירונג האָט, נאַטירלעכ, געמוזט ווירקנ אויכ אַפ זײַנע באַציִונגענ צומ ייִדישיסטישנ אויסלאַנד. שטיפ הייבט אָנ אופנעמענ קריטיש די אַרבעט פונ זײַנע געוועזענע מיטוער אינ „ייִוואָ", עס הערנ זיכ שוינ באַ אימ גאָר אַנדערע טענער, עס באַמערקנ זיכ שוינ גאָרניט קיינ פרײַנטלעכע ווונקענ בענעגייע צומ ייִדישיסטישנ אויסלאַנד. נאָכ אינ זײַנ אַרטיקל „וועגנ דער שפּראַכ־אַרבעט" („די ייִדישע שפּראַכ" 1930, נומ. 1 (20), שפּ. 11) שרײַבט שטיפ:

„נישט צופעליק איז דאָ דער נײַער טערמינ „ש פּ ר אַ כ ־ אַ ר ב ע ט". דאָ שטעקט א נײַע סאָציאַלע אָריִענטאַציע, א נײַער צוועק און א נײַע אַרבעט־מעטאָדע, וואָס דער ייִדישלעכער שפּראַכ־פאָרשונג אינ אויסלאַנד איז דאָס פרעמד. דאָ האַנדלט זיכ ניט פונ קיינ אַנאַרכישער אַבסטראַקט־היסטאָרישער צעכ־פאָרשונג פונ יעכידימ, פאַר אויסדערוויילטע, — יעדער לויט זײַנע פּריוואַטע האַסאָגעס, מעטאָד און אינטערעסנ, דאָ האַנדלט זיכ פונ אָרגאַניזאַציע, פונ טוב קאָלעקטיוו, לויט א ב אַ ש ט י מ ט נ פּ ל אַ נ".

דאָס איז געווענ בלויז א שוואַכער אָנהייב פונ שטיפס רײַסנ מיט „אויסלאַנד". ווײַטער זײַנענ געקומענ מער דרייסטע און מער שאַרפע אַרויסטרעטונגענ קעגנ „אויסלאַנד"

[1]) דער נומער איז, ווי די מערהײַט נומערנ פונעמ זשורנאַל, אַרויס אַסאַכ שפּעטער איידער די אָנגעגעבענע דאַטע. דער דאָזיקער נומער איז אַרויס אינ 1931 יאָר, די דאַטע איז אָבער געבליבנ די פריִערדיקע.

אינעם „עמעס“ אונ אינעם „שטערנ“ אונ, ענדלעכ, זײַנ לעצטער ריס מיט אויסלאנד, זײַנ ארבעט „רעוואָליוציע אונ רעאקציע אינ דער שפּראכ“ („אפנ שפּראכפראָנט“ 1931, נומ. 1 (26—27).

שטיפס ארטיקל „די סאָציאלע דיפערענציאציע אינ יידיש“ האָט אופגערודערט דאָס גאנצע יידישלעכע געמויזעכצ אינ אויסלאנד. מע האָט ניט געקענט מויכל זײַנ שטיפנ דאָס, וואָס מיט זײַנ שטעלנ אזוי שארפ די פראגע וועגנ דער העברייִזאציע האָט ער צעטרייסלט איינעם פונ די הויפּט־זײַלנ פונעם יידישנ נאציאָנאליזם אינ אלע זײַנע שאטירונגענ. אונ עס האָט זיכ אָנגעהויבנ אנ אנטיסאָוועטישע העצע ארומ דעמ דאָזיקנ ארטיקל אינ דער גאנצער יידישער אונ העברייִשער פאשיסטישער פרעסע אינ אויסלאנד. אָט וויאזוי כ' שטיפּ כאראקטעריזירט די דאָזיקע העצע:

„.... ס'איז א סאָלידארישער כאָר פונ העברייִסטנ, ציעניסטנ, יידישיסטנ אונ אנדערע באלע־באטימ. ווער ס'ליפערט ארגומענטנ, ווער — אינסינואציעס. אָבער אלע טוענ זיי איינ זאכ, מיט א מערקווירדיקער איינִיקײַט; — מע האָט געעפנט א „שפּראכפראָנט“ פונ קלאל־יִסראָעל קעגנ דער סאָוועטישער לינגוויסטיק.

דער פּאָליטישער טאָכ פונ דער דאָזיקער קאמפאניע איז קלאָר: דאָס איז א נײַער ווארִיאנט פונ דער אלטער קאמפאניע צו מאָביליזירנ די געזעלשאפטלעכע מיינונג קעגנ דעמ ראטנפארבאנד, קעגנ די „יידסעקנ“, — אזוי ווי מע האָט דאָס פריער געטאָנ מיט די געשרייענ, אז מע „רויִנירט“ יידנ, אז מע „רויִנירט“ די יידישע עמונע, די „נאציאָנאלע קולטור“, אזוי ווי מע טוט דאָס יאָר־איינ, יאָר־אויס מיטנ געיאָמער וועגנ מאצעס פאר די „אומגליקלעכע“ אינ ראטנפארבאנד א. אז. וו.

די פירנדיקע ראָליע געהערט דאָ, ווי אלעמאָל, צו די ציעניסטנ. אָבער „סאָציאליסטנ“, „דעמאָקראטנ“, יידישיסטנ לייגנ דאָ אויכ צו א האנט. דאָס האָבנ זיי גענומענ אפ זיכ צו באַ־ווײַזנ, אז אָנ העברייִש וואָלט גאָר קיינ יידיש אפ דער וועלט ניט געווענ. טעאָרעטיש באגרינדנ דעמ דאָזיקנ טעזיס האָט גענומענ אפ זיכ דאָקטער מאקס ווײַנרײַכ“ („אפנ שפּראכפראָנט“ 1931, נומ. 1 — 2 (26 — 27), שפּ. 34).

אָט וויאזוי כ' שטיפּ כאראקטעריזירט אינ דעמ דאָזיקנ ארטיקל זײַנעמ דעמ טהאָמ צווישנ דער סאָוועטישער יידישער שפּראכ אונ דער שפּראכ פונ דער יידישער בורזשואזער פרעסע אינ אויסלאנד:

„.... צי קענ מענ זיכ פאָרשטעלנ אפילע, אז מיט אזא שפּראכ, ווי אינ די ציטאטנ פונ ריגער „פרימאָרגנ“ א. ד. גל., זאָל מענ קענענ אָנשרײַבנ אנ ארטיקל וועגנ פינפיאָריקנ פּלאנ, וועגנ דעמ קריזיס אינ די קאפיטאליסטישע לענדער, וועגנ דניעפּערבוי, וועגנ דער פארזיי־קאמ־פאניע, וועגנ סאָצגעוועט א.ד.גל.! — דאָס איז א שפּראכ פאר א „מאָעס־כיטנ“־אקציע, פאר א „וואל־קאמפאניע“ אינ וואָצלאווקער קאָהאָל־שטיבל, פאר יידישיסטישער קוויקעניש אונ פּאָלעמיק א. ד. גל... וואָס קענ די רעוואָליוציע מיט אזוינס מאכנ, כוצ דאָס אָפּצוואַרפנ!“ („אפנ שפּראכ־פראָנט“ 1932, נומ. 1 (28), שפּ. 15 — 16).

אינ דעמ דאָזיקנ ארטיקל האָט זיכ בא שטיפנ געהאנדלט ניט נאָר וועגנ די הע־ברייִשע עלעמענטנ:

„ס'גייט אָנ גאנצע שיכטנ שפּראכ, אָנ די אלע יידישלעכע ווערטלעכ, ווערטלעכ אונ ריידלעכ, וואָס פורעמענ אויס א געוויסנ שפּראכ־סטיל אונ וואָס זיי זײַנענ געקניפּט אונ געבונדנ מיטנ אלטפּאָטערישנ לעבנ...

... דאָס איז א שפּראכ פאר א מארשעלעק איטשעלע אינ „מאָמענט“, אינ „הײַנט“. די הע־ברייִשע עלעמענטנ זײַנענ צומיינסטנס בלויז א טייל פונ דעמ דאָזיקנ שפּראכ־סטיל... דאָס ריינ יידישע: „ס'קלעקט אזוי ווי בא א קאָזאק א בייגל“ א. ד. גל.,— דאָס איז אונדז שוינ אזוי פרעמד, ווי „די כאלע קלעקט נישט אפ האמויצי“ (דאָרטנ, שפּ. 17).

די דאָזיקע אַרטיקלען האָבן באַשטימט דעם ווײַטערדיקן וועג שטיפֿס, זיי האָבן אויסגעגראָבן אַ טהאָם צווישן אים מיט די ווײַנרײַכס. און רײַסנדיק מיט אויסלאַנד, רײַסט שטיף אויך די ייִדישיסטישע פּענטעס, וואָס זײַנען געלעגן אויף אים, און וואָס ער האָט זיי געטראָגן קיין אויסלאַנד און נאָכדעם זיי מיטגעבראַכט אַהער פֿון יענער זײַט גרענעץ.

13

דאָס יאָר 1931 איז געווען אַן איבערבראָך־יאָר אין שטיפֿס אָריִענטאַציע, דאָס איז געווען דער קער פֿון „די ייִדישע שפּראַך" צום „אויפֿן שפּראַכפֿראָנט". שטיף הייבט זיך אָן אינטערעסירן מיטן מאַרקסיזם־לעניניזם, ער מאַכט אַ פּרוּוו זיך אָנצוקניפּן מיט די רוסישע לינגוויסטן, ער הייבט אָן זיך אָפּצוזאָגן פֿון זײַן פּוריזם. באַזונדערס איז דאָס אָפּגיין פֿונעם פּוריזם געווען צו באַמערקן אין שטיפֿס פּרוּוון איבערצוזעצן די קלאַסיקער פֿון מאַרקסיזם. שטיף גייט שוין דאָ ניט איבער „פֿרײַ" דעם אינהאַלט, פֿאַרייִדישלעכט ניט די שפּראַך פֿונעם אויטער, ווי ער פֿלעג עס טאָן אין זײַנע פֿריִערדיקע איבערזעצונגען; ער באַמיט זיך צו זײַן פּינקטלעך אין זײַן איבערזעצונג, ברעכט זײַנע פֿריִערדיקע אײַנשטעלונגען סײַ אין פֿראַט פֿונעם זאַצבוי, סײַ אין פֿראַט פֿון דער לעקסיק, זעט אויסמײַדן „פֿאָלקסטימלעכע", אַלטע פֿאָרמעס און ווערטער, נוצט סאָוועטישע טערמינען און אויסדרוקן, כאָטש זיי זײַנען ניט אַלעמאָל „עכטע", „ייִדישלעכע".

צולעצט קומט דאָס סאַמע פּרוכבאַרע יאָר אין שטיפֿס שאַפֿן — דאָס 1932 יאָר. דאָס איז דאָס יאָר ניט בלויז פֿון נײַע גרויסע וויכטיקע פֿאָרש־אַרבעטן, דאָס איז אויך דאָס יאָר פֿון אַ נײַער ציל־אײַנשטעלונג, פֿון אַ נײַער מעטאָד־אָנווענדונג, פֿון אַ פּ ר וּ וו צו שטעלן זיך אויף מאַרקס־לעניניש פּאָזיציעס.

דאָס איז געווען דאָס יאָר פֿון אַזוינע בעעמעס ווענד־אַרבעטן, ווי די „רעוואָלוציע און רעאַקציע אין דער שפּראַך" (סאָף); „אויף דער שוועל פֿונעם 19־טן יאָרהונדערט", קאַפּ. 1, „די איבערקערעניש אין דער ייִדישער שריפֿט־שפּראַך סאָף 18־טן, אָנהייב 19־טן יאָרהונדערט"; קאַפּ. 2, „די סלאַוויזירונג פֿון ייִדיש"; „רעוויזיע".

אַ שטויס צו דעם אַלעם איז טאַקע געווען די זעלבסטקריטיק, וואָס שטיף האָט זיך קעגן איר אַ צײַט געווערט, און וואָס זי איז סאָפֿקאָלסאָף צושטאַנד געקומען מיט אַ גרויסער פֿאַרשפּעטיקונג אין יוני 1932 (דער יוני־פּלענום פֿון דער פֿילאָלאָגישער סעקציע). די פֿאַרשפּעטיקונג פֿונעם רעוויזיע־פּלענום איז, ווי דאָס אָנערקענט די רעדאַקציע אַליין, געקומען אין אַ געוויסער מאָס איבער דער שולד פֿון דער אָנפֿירונג פֿון דער סעקציע (ד.ה. פֿון שטיפֿן). דעם דאָזיקן פּלענום איז געווידמעט אַ ספּעציעלער נומער „רעוויזיע" (נומ. 4 (31). עמעס. די דאָזיקע זעלבסטקריטיק איז געווען ניט קיין פֿולע; שטיף האָט ניט אין דער פֿולער מאָס אויפֿגעדעקט אין זײַן „רעוויזיע" די קלאַסן־וואָרצלען פֿון זײַן פֿריִערדיקער פֿאַלשער פּאָזיציע אין דער ייִדישער שפּראַך־אַרבעט; אַ געוויסער טריט אָבער אין דער דאָזיקער ריכטונג האָט ער אין זײַן זעלבסטקריטיק שוין יאָ געמאַכט.

אינעם סאָף פֿון זײַן אַרטיקל „רעוויזיע" שרײַבט שטיף:

„איך האָב זיך צערעכנט מיט זיך אַליין, און דאָס איז דער סאַכאַקל: ס'איז פֿעלערן נישט קיין אײנצלנע, און נישט קיין צופֿעליקע, ס'איז אַ סיסטעם: צו לאַנג האָב איך געזויגן מיט יענער־

ייִדישיסטיק פון איין פֿאָלקיסטישער ברוסט. אָפּשטאַם און יאָרן האָבן זיך געלייגט אַף מיר מיט שווערן אָפּהאַלט. איך האָב זיך געפּרוווט אַרויסרײַסן און ביז געבליבן שטעקן אַפן האַלבן וועג. די אינערצ פון אַלטע פֿאָלקיסטישע געוווינהײַטן האָט זיך אַרויסגעשטעלט שטאַרקער פאַר דעם נײַעם פֿאַרשטאַנד" (דאָרטן, שפּ. 18).

שטיף האָט אָבער געוויזן אין זײַן צווייטן קאַפּיטל פון „אַף דער שוועל פונעם 19־טן יאָרהונדערט", אַז ער איז ניט לאַנג געבליבן שטיין „אַפן האַלבן וועג". ער האָט אין אָט דעם קאַפּיטל, וואָס איז געווען בלויז „פּאָרלויפיקע ערשטע שריט פון אַ פּאָרשונג", געוויזן, אַז ער האָט געשטרעבט צו רײַסן מיט יענער סיסטעם, אַז ער האָט זיך אָוועקגעלאָזט אַף אַ נײַעם וועג, צו אַ נײַער סיסטעם, צו דער מאַרקסיסטישער.

אין זײַן פֿאָרשונג „אַף דער שוועל פונעם 19־טן יאָרהונדערט" האָט שטיף זיך פֿאַרמאָסטן אַף אַ גאָר גרויסער אַרבעט. ער האָט די לעצטע כאַדאָשים פיל געאַרבעט און געזאַמלט מאַטעריאַלן, און מע קאָן רעכענען, אַז מיר וואָלטן אין די ווײַטערדיקע פֿאָרשונגען שטיפס געהאַט גרויסע וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען.

זײַנע „פּאָרלויפיקע ערשטע שריט" אין דער דאָזיקער פֿאָרש־אַרבעט זײַנען געווען אַנטשלאָסענע. שטיף האָט מיט דער דאָזיקער אַרבעט זײַנער אָפּגעלייקנט זײַן פריערדיקע פיליאָרנדיקע אַרבעט. זײַן אַרבעט פֿאַרענדיקט שטיף אַזוי:

„די נײַע פּראָבלעם־שטעלונג צעשטערט די נאַציאָנאַליסטישע לעגענדע, אַז דער „גײַסט" פון העברייִיש האָט אויסגעפורעמט ייִדיש, פֿאַרטרײַבט „גײַסטער"—„פֿאָלקסגײַסט", פעלקערישע „גײַסט־קרויווּשאַפט", זי גיט אונדז אויך אַ פֿאַדעם קלאָרער צו אָריענטירן זיך אין דער פּראָבלעם סלאַוויש פאַר דער פּראַקטישער שפּראַך־פּאָליטיק, זי עפנט אונדז נײַע פּראָבלעמעס פאַר פאַרטיפערטער פֿאָרשונג. צו דער דאָזיקער פֿאָרשונג דאַרף מען זיך איצט ערנסט נעמען" („אַפן שפּראַכפראָנט" 1932, נומ. 5—6 (32—33), שפּ. 66).

שטיף האָט זיך טאַקע צו דעם גענומען ערנסט, פעסט, מיטן גאַנצן אָנשטרענג אַרופצוטרעטן אַפן מאַרקסיסטישן וועג. דער טויט האָט אים אָפּגעשטעלט אינמיטן זײַן גרויסער אַרבעט און אים ניט געלאָזט צו פֿאַרענדיקן זי.

אָט אַזוי האָט שטיף דורכגעמאַכט זײַן שווערן וועג פון „דער ייִדישער שפּראַך" צום „אַפן שפּראַכפראָנט", פונעם „פון", פון פּוריזים צום קאַמף קעגן רעאַקציע אין שפּראַך, צו דעהעברייִזאַציע, צו „דער סלאַוויזירונג פון ייִדיש", דער וועג, וועלכער איז געווען בײַ אים אַן איבערגאַנג־מאָמענט צום שטעלן זיך אַף די מאַרקס־לעניניש פּאָזיציעס אין דער ייִדישער שפּראַך־פֿאָרשונג.

אויגוסט, 1934 י.

ד. נוסינסאָן

שטיפ־ביבליִאָגראַפיע [1]

קירצונגען: זש.— זשורנאַל; טצ.— טאָג־צײַטונג;
צ.— צײַטונג; כ.— כאַרקאָוו; מ.— מאָסקווע; ק.— קיִעוו.

1926

1. אליהו הלוי׳ס ליד „המבדיל".

Ms. Codex Bodleiana № 1.217 fol. 203a—206b.

בײַלאַגע צו—„א געשריבענע יִדישע ביבליִאָטעק אין ווענעציע אינמיטן דעם זעכצנטן יאָר־הונדערט".

זע: נומ. 3.

2. אן אָנהייב פון א וויסנשאַפטלעכער קולטור. אייניקע געדאַנקען וועגן בוך „צײַט־שריפט" (ב. 1).

„דער שטערן", טצ. (כ). 1926, 13/X, נומ. 235, ז. 4; 14/X, נומ. 236, ז. 4.

3. א געשריבענע יִדישע ביבליִאָטעק אין א יִדיש הויז אין ווענעציע אינ־מיטן דעם זעכצנטן יאָרהונדערט. Codex Bodleiana Neubauer № 1217

„צײַטשריפט", ב. I. ארויסגעגעבן פונעם אינסטיטוט פאַר ווײַסרוסלענדישער קולטור. מינסק, 1926, ז. 141—158; 1928. ב. II—III, שפּ. 525—544. ז. 148—150: באַמערקונגען. ז. 150—158: בײַלאַגע—אליהו הלוי׳ס ליד „המבדיל" 203a—206b Ms. Codex Bodleiana № 1217. fol.

1927

4. אונדזער סקאָרבאָווער נוסעך.

„די יִדישע שפּראַך", זש. (ק). 1927, יול—אווגוסט — נומ. 3—4, שפּ. 63 — 68.

אונטערשריפט: „N. S."

וועגן שפּראַך־פאַרקריפּלונגען אין אָפיציִעלע און אנדערע דאָקומענטן.

---

[1]) פון דער רעדאַקציע. אין דער דאָזיקער ביבליִאָגראַפיע (צונויפגעשטעלט אין כראָנאָלאָ־גישן סיידער) גייען אַרײַן די לינגוויסטישע אַרבעטן פונעם סאָוועטישן פּעריִאָד פון כ׳ שטיפ (1926 — 1933), דערבײַ זײַנען דאָ פאַרצייכנט בלויז יענע ווערק, וואָס זײַנען געדרוקט אין סאָוועטישע אויסגאַבעס. ווי ס׳איז באַוווסט, האָט דער כ׳ שטיפ די ערשטע יאָרן נאָך זײַן קומען פון אויסלאַנד איג־נאָרירט דעם טיפן קלאַסן־טהאָם, וואָס עקזיסטירט צווישן דער סאָוועטישער יִדישער וויסנשאַפט מיט דער יִדישיסטישער וויסנשאַפט (און ספּעציִעל מיטן „יִוואָ" אין ווילנע), און האָט ביזן יאָר 1930 פאָרגעזעצט מיטצואַרבעטן אין די בורזשואַזע יִדישע וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבעס אין אויסלאַנד, טיילווײַז איבערדרוקנ־דיק דאָרט זײַנע אַרבעטן, וואָס ער האָט געדרוקט אין די סאָוועטישע אויסגאַבעס, און טיילווײַז דרוקנדיק דאָרט אַזוינע אַרבעטן, וואָס זײַנען בא אונדז ניט געווען געדרוקט.

מיר געפינען פאַר איבעריק צו געבן אין דער דאָזיקער ביבליִאָגראַפיע אָפּשאַצונגען פון די פּאָזי־טיווע און נעגאַטיווע זײַטן פון יעדער אַרבעט באַזונדער, וואָס איז אָנגעוויזן אין דער דאָזיקער ביבליִאָ־גראַפישער רעשימע. פאַקטיש און אין טאָך האָבן מיר אין די אַרטיקלען, וואָס זײַנען געדרוקט אינעם פאָרליגנדיקן נומער „אַפן שפּראַכפראָנט", געגעבן א ברייטע אָפּשאַצונג סײַ פונעם גאַנצן סאָוועטישן פּע־ריִאָד פונעם כ׳ שטיפ און סײַ פון יעדער אַרבעט באַזונדער. אלס א דערגאַנצונג צו דער דאָזיקער אָפּ־שאַצונג קענען דינען אויך די אַרטיקלען פונעם רעוויזיע־נומער „אַפן שפּראַכפראָנט" (1933, נומ. 31/4).

5. אײנע א קאָרעספּאָנדענץ.

„די ייִדישע שפּראַך", זש. (ק). 1927, מײַ—יונ — נומ. 2, שפּ. 35—38.

אנאַליז פונעם סטיל און פון דער שפּראַך פון אן ארבקאָרישער קאָרעספּאָנדענץ.

אונטערשריפט „N. S.".

6. וועגן אײניקע זאַצ־פאַרבינדונגען בא מענדעלען. (א בלעטל מענדעלעס סינ־טאַקסיס).

„די ייִדישע שפּראַך", זש. (ק). 1927, נאָיאַבער—דעקאַבער — נומ. 7, שפּ. 31—46.

זאַכוועקער אָנשטאָט צײַטווערטער. (פון דער סעריע „די פאַפּירענע שפּראַך").

„די ייִדישע שפּראַך", זש. (ק). 1927, סענטיאַבער—אָקטיאַבער — נומ. 5—6, שפּ. 47 — 62 ; נאָיאַבער—דעקאַבער — נומ. 7, שפּ. 59—74.

8. די „חומש"־שפּראַך.

„די ייִדישע שפּראַך", זש. (ק). 1927, מאַרט—אַפּרעל — נומ. 1, שפּ. 43, 44.

אָנווײַזונגען פאַר זאַמלער.

9. „די ייִדישע שפּראַך".

„די ייִדישע שפּראַך", זש. (ק). 1927, מאַרט—אַפּרעל — נומ 1, שפּ. 1—6.

אונטערשריפט : „רעדאַקציע".

פּראָגראַם־אַרטיקל.

10. „די ייִדישע שפּראַך". (א זשורנאַל פאַר פּראַקטיש ייִדיש שפּראַכוויסן).

„דער שטערן", טצ. (כ). 1927, III/15, נומ. 60, ז. 2 ; III/16, נומ. 61, ז. 2.

וועגן די אויפגאַבעס פונעם זשורנאַל.

11. נײַע און אַלטע ווערטער.

„די ייִדישע שפּראַך", זש. (ק). 1927, מײַ—יונ — נומ. 2, שפּ. 37—41.

אינהאַלט : א) אײַנגעבן, געלונגען, געראָטן, גילטן, אײַנגײן א.אז.וו. ב) ריי, שורע, צאַל און אנד.

אונטערשריפט : „נ. ש."

12. די פּאַסיווע זאַצקאָנסטרוקציע. (פון דער סעריע „די פאַפּירענע שפּראַך").

„די ייִדישע שפּראַך", זש. (ק). 1927, מײַ—יונ—נומ. 2, שפּ. 9—30; יול—אווגוסט—נומ. 3—4, שפּ. 11 — 44.

אינהאַלט : I. די פולע (עפעקטיווע) פּאַסיווע קאָנסטרוקציע ; II. די האַלב־פּאַסיווע (אומפּערזענלעכע) קאָנסטרוקציע ; III. די פאַרשטעלטע פּאַסיווע קאָנסטרוקציע ; IV. די פּאַסיווע קאָנסטרוקציע אין דער פאָלקס־שפּראַך, אין דער שײנער ליטעראַטור.

13. „פון".

„די ייִדישע שפּראַך", זש. (ק). 1927, מאַרט—אַפּרעל — נומ. 1, שפּ. 11—28.

אינהאַלט: I. יאָ־פון; II. געגנטיוו; III. מ'קאָן אויסקומען אָן „פון"; IV. „פון" איז פאַלש, מע טאָר אים ניט נוצן.

14. דער „פון" נעבעך.

„די ייִדישע שפּראַך", זש. (ק). 1927, סענטיאַבער—אָקטיאַבער — נומ. 5—6. שפּ. 13—40.

אַן ענטפער דעם כ' ל. רעזניק אפ זײַן אַרטיקל : וועגן דער פּרעפּאָזיציע „פון", געדרוקט אין דעם זעלבן נומ. שפּ. 1—12.

1928

15. אײניקע באַמערקונגען צו כ' ע. פאַלקאָוויטשעס אַרטיקל.

„די ייִדישע שפּראַך", זש. (ק). 1928, נאָיאַבער—דעקאַבער—נומ. 6 (13), שפּ. 25—28.

זע : ע. פאַלקאָוויטש. צי דאַרף מען דעם פּאַסיוו ? דאָרטן, שפּ. 21—26.

16. „באר" (צו דער ייִדישער וואָרטבילדונג).

„די ייִדישע שפּראַך", זש. (ק). 1928, מײַ—יונ — נומ. 3 (10), שפּ. 1—14.

צוגאָב צו די „באר"־בילדונגען — „די ייִדישע שפּראַך". 1928, יול—אָקטיאַבער—נומ. 4—5 (11—12), שפּ. 71—74.

17. בלאנקענ פאר מיליציע אפ יידיש. דערקלערונגענ, טערמינאָלאָגיע אונ אויסדרוקנ.
„די יידישע שפראכ", זש. (ק). 1928, מײַ—יונ—נומ. 3 (10), שפּ. 61—70.
אָנ אנ אונטערשריפט

18. וועגנ י. ליפשיצנ.
1) „דער עמעס", טצ. (מ). 1928, 3/VII, נומ. 152, ז. 3; 2) „דער שטערנ", טצ. (כ). 1928, 5/VII. נומ. 154, ז. 4.
ווענדונג וועגנ צושיקנ מאטעריאלנ וועגנ י. ליפשיצנ אינ צוזאמענהאנג מיטנ 50־טנ יאָרטאָג נאָכ זײַנ טויט.

19. י. מ. ליפשיצ דער לעקסיקאָגראפ.
„די יידישע שפראכ", זש. (ק). 1928, יול—אָקטיאבער — נומ. 4—5 (11—12), שפּ. 22—23.

20. יעשוע־מאָרדכע ליפשיצ. צומ 50־טנ יאָרצײַט (8/2 1878 — 8/2 1928).
„דער עמעס", טצ. (מ). 1928, 2/VIII, נומ. 178, ז. 2, 3; 3/VIII, נומ. 179, ז. 3, 4.

21. נײַע אונ אלטע ווערטער אונ אויסדרוקנ (צוליב, אדאנק, איבער, מאכמעס, פונ וועגנ, דורכ).
„די יידישע שפראכ", זש. (ק). 1928, מײַ—יונ — נומ. 3 (10), שפּ. 25—30.

22. נײַע מאטעריאלנ צו אליהו הלוי'ס המבדיל־ליד.
„שריפטנ", ערשטער באנד. ארויסגעגעבנ פונ דער קאטעדרע פאר יידישער קולטור בא דער אלוקראַינישער וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע. ליטערארישע אונ פילאָלאָגישע סעקציעס. קיעוו, „קולטור־ליגע". 1828, ז. 148—179.
אינהאלט: I. 1. ארײַנפיר; 2. דער טעקסט, וואריאנטנ; 3. צײַט אונ אָרט; 4. די טעכניק; 5. פאָנעטיק; 6. גראמאטישע אייגנטימלעכקײַטנ. II. „המבדיל". — פראגמענטנ. באמערקונגענ.

23. „פּנקס". א פערטליאָריקער זשורנאל פאר יידישער ליטעראטור־געשיכטע, שפראכ־פאָרשונג, פאָלקלאָר אונ ביבליאָגראפיע. ב. I. יולי—דעצעמבער 1927. העפט 1—2... ארויסגעגעבנ פונ יידישנ וויסנשאפטלעכנ אינסטיטוט, אמעריקאנער סעקציע. ניו־יאָרק, 1927.
„דער עמעס", טצ. (מ). 1828, 13/I, נומ. 11, ז. 2; 14/I. נומ. 12, ז. 2.
רעצענזיע.

24. דער פאלשער בײַזאצ (פונ דער סעריע „די פאפירענע שפראכ").
„די יידישע שפראכ", זש. (ק). 1828, נאָיאבער—דעקאבער—נומ. 6 (13), שפּ. 1—14; 1929, מײַ—יונ—נומ. 3 (16), שפּ. 7—22. (סאָפ).

25. פאָרוואָרט צו דער „אנקעטע וועגנ גראמאטישנ מינ פונ זאכווערטער".
קיעוו. קאטעדרע פאר יידישער קולטור בא דער אלוקראַינישער וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע. פילאָלאָגישע סעקציע. 1928, ז. 3—7.

26. צו דער היסטאָרישער אנטוויקלונג פונ יידישנ אויסלייג.
„די יידישע שפראכ", זש. (ק). 1928, יאנוואר—אפּרעל — נומ. 1—2 (8—9), שפּ. 33—60.

1929

27. די דיאלעקטאָלאָגישע עקספּעדיציע פונ דער קאטעדרע פאר יידישער קולטור (א קאפיטל צו דער ווירקונג פונ דער סאָציאלער סוויווע אפ דער שפראכ). 1 טייל. פאָנעטיק.
„די יידישע שפראכ", זש. (ק). 1929, נאָיאבער—דעקאבער — נומ. 6 (19), שפּ. 1—26.

28. וויאזוי מע דארפ נישט שרײַבנ.
„פּראָלעטארישע פאָנ", (ק). 1929, 27/IV, נומ. 12—13 (27—28), ז. 7.
ווענדונג צו ארבקאָרנ וועגנ דער צײַטונג־שפראכ.

29. מ. ווײַנגערס דיאלעקטאָלאָגישע ארבעטנ.
„די יידישע שפראכ", זש. (ק). 1929, יאנוואר—פעווראל — נומ. 1 (14), שפּ. 11—36; מארט—אפּרעל — נומ. 2 (15), שפּ. 1—22.
אינהאלט: I. די פראקטיק: 1. דער אָנהייב. די יוגנט־ארבעט (1912); 2. די דיאלעקטאָלאָגישע פראָגראמ (1925); 3. די ערשטע ארבעט „וועגנ יידישע דיאלעקטנ" (1926); 4. די צווייטע ארבעט וועגנ יידישע „דיאלעקטנ" (1928). II. די טעאָריע.

30. די סאָציאַלע דיפערענציאַציע אין ייִדיש. די העברייִשע עלעמענטן אין דער שפּראַך.
„די ייִדישע שפּראַך", זש. (ק). 1929, יול—אָקטיאַבער — נומ. 4—5, שפּ. 1—22.
„א סכעמע פון א רעפעראַט אין אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור בא דער אוקראַיִנישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע דעם 16/XI. אויך א קיצער פון א גרעסערער אַרבעט".
30a. דער פאלשער בייזאַץ. (פון דער סעריע „די פאַפּירענע שפּראַך"). סאָפּ. (זע: נומ. 24).

1930

31. ייִדישע סטיליסטיק. 1־טע סעריע. מאָסקווע־כאַרקאָוו־מינסק. צענטרפאַרלאַג, אלוקראַיִנישע אָפּטיילונג (קיִעוו), 2־טע דרוקעריי, 1930. 172 ז. (22×15). 2000 עקז. 2 רוב. 25 קאָפּ.
אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור בא דער אלוקראַיִנישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע. פילאָלאָגישע סעקציע.
אינהאַלט: קירצונגען. פירוואָרט. I. „פון"; II. די פאַפּירענע שפּראַך; III. וועגן אייניקע זאַצן־פאַרבינדונגען בא מענדעלען (ש. אבראַמאָוויטש).
32. א בריוו אין רעדאַקציע.
„דער עמעס", טצ. (מ). 1930, 3/I, נומ. 2, ז. 3.
וועגן העכערן דעם טיראַזש פונעם זשורנאַל „די ייִדישע שפּראַך".
33. וועגן דער שפּראַך־אַרבעט.
„די ייִדישע שפּראַך", זש. (ק). 1930, יאַנוואַר—פעווראַל — נומ. 1 (20), שפּ. 11—18.
אינהאַלט: A. די פּראַקטישע פּראָגראַם; B. די טעאָרעטיש־פּאָרשערישע אַרבעט.
34. א פּאָר ווערטער וועגן א רוסיש־ייִדישן און ייִדיש־רוסישן ווערטערבוך.
„דער עמעס", טצ. (מ). 1930, 30/VIII, נומ. 199, ז. 3.
35. שפּראַך־קולטור. געדאַנקען, וואָס און וויאַזוי דאַרף מען לערנען פון מוטערשפּראַך אין דער אַרבעטשול, אין צווייטן קאָנצענטער. פאַרטראַג, געלייענט אין אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור דעם 5 און 10 יונ 1930.
„די ייִדישע שפּראַך", זש. (ק). 1930, מאַרט—יונ—נומ. 2—3 (21—22), שפּ. 1—32; יול—אָקטיאַבער—נומ. 4—5, שפּ. 5—16.
אינהאַלט: I. דער איצטיקער צושטאַנד פון דער שפּראַך־אַרבעט אין שול. גראַמאַטיק; II. סטיליסטיק פון דער קולטור־שפּראַך; III. די סאָציאַלע נאַטור פון דער שפּראַך, די סאָציאַלע דיפערענציאַציע אין דער שפּראַך.
36. שפּראַך־קולטור און גראַמאַטישע קולטור. (אַן ענטפער מיינע אָפּאָנענטן) [די כ"כ דאָבינען און פאַלקאָוויטשן].
„די ייִדישע שפּראַך", זש. (ק). 1930, יול—אָקטיאַבער — נומ. 4—5, שפּ. 51—68.
זע: ש. דאָבין. — גראַמאַטיק און סטיליסטיק אין דער אַרבעטשול.— דאָרטן, שפּ. 29—42; ע. פאַלקאָוויטש.— שפּראַכקולטור און גראַמאַטיק. — דאָרטן, שפּ. 41—50.

1931

37. אלפאַרבאַנדישע אָרטאָגראַפישע באַראַטונג. (קיִעוו 21־טן — 24־טן נאָיאַבער 1931).
„פּראָלעטאַרישע פאָן", צ. (ק). 1931, 11/XII, נומ. 135, ז. 4.
אונטערשריפט: פאַרוואַלטער פון דער פילאָלאָגישער סעקציע באַם אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור — נ. שטיף.
38. די אלפאַרבאַנדישע אָרטאָגראַפישע באַראַטונג אין קיִעוו. (דעם 21—24־טן נאָיאַבער 1931).
„דער שטערן", טצ. (כ). 1931, 24/XII, נומ. 291, ז. 3.
39. וואָס איז מיט דער „ייִדישער שפּראַך"?
„דער עמעס", טצ. (מ). 1931, 5/VIII, נומ. 175, ז. 3.
אַן ענטפער דעם כ' וויַסמאַן אפ זיַין אַרטיקל אין „עמעס" 1931, נומ. 127. — טעמפּן און דאַטעס (א פּאָר באַמערקונגען וועגן די טעמפּן און דאַטעס פון אונדזערע פעריאָדישע זשורנאַלן).

40. צו די רעדאקציעס פון פארלאגן, צייטונגען, זשורנאלן א. אז. וו. פון דער אלפאר באנדישער אָרטאָגראפישער בארא טונג. (קיעוו, 21—24 נאָיאבער, 1931 יאָר).
„דער שטערן", טצ. (כ). 1931, 24/XII, נומ. 291, ז. 3.
וועגן איינפירן דעם איינהייטלעכן יידישן אויסלייג.

41. רעוואָליוציע און רעאקציע אין דער שפראך.
„אפן שפראכפראָנט", זש. (ק). 1931, יאנואר—אפרעל — נומ. 1—2 (26—27), שפ. 33—54; 1932, יאנואר—פעוורא־ל — נומ. 1 (26) [28], שפ. 11—22; 51—52.
שפ. 51—52: צוגאָב צום ארטיקל „רעוואָליוציע און רעאקציע אין דער שפראך".

42. די רעוואָליוציע און די שפראך. (א קאפיטל פון א גרעסערער זאך).
„דער עמעס", טצ. (מ). 1931, 3/VI, נומ. 123, ז. 2.

1932

43. אפ דער שוועל פונעם 19־טן יאָרהונדערט. די שפראך אין כייקל הורוויצעס „צפנת פענח" (בארדיטשעוו 1817).
„אפן שפראכפראָנט", זש. (ק). 1932, מארט—יונ — נומ. 2—3 (29—30), שפ. 1—40; סענטיאבער—דעקאבער—נומ. 5—6 (32—33), שפ. 27—66.
אינהאלט: די איבערקערעניש אין דער יידישער שריפט־שפראך סאָפ 18־טן, אָנהייב 19־טן י. ה.
צוגאָב: I. עקסקורסן: 1. וועגן דעם צושטאנד פון דער ניי־אופגעקומענער בורזשואזער יידישער שיכט אין אונדזער פעריאָד (ביז 1830) (שפ. 23—29); 2. שפראך־אָריענטאציעס (רוסיש, פויליש, דייטש, העברייִש, יידיש) (שפ. 29—33); 3. וועגן דער שפראך פון „צאָפנאס פאנייעך" ווי אן אָנהייב (שפ. 33—37); 4. וועגן דער „עפאָכע־מאכעריי" פון מענדל לעווינס „משלי"־איבערזעצונג (שפ. 37—38); ליטעראטור. (שפ. 38—40); II. די סלאוויזירונג פון יידיש.

44. וואָס איז מיטן „שפראכפראָנט".
„דער עמעס", טצ. (מ). 1932, 22/VIII, נומ. 193, ז. 3.
וועגן די שוועריקייטן און שטערונגען באם זשורנאל מיצאד דעם פארלאג.

45. ווי אזוי צו נוצן דעם ווערטערבוך [אריינפיר].
אָרטאָגראפישער ווערטערבוך. ארויסגעגעבן פונעם אינסטיטוט פאר יידישער קולטור. מאָסקווע, פארלאג „עמעס". 1932. ז. X—XXII.
מיטאווטער.

46. וועגן לאטיניזאציע.
„אפן שפראכפראָנט", זש. (ק). 1932, מארט—יונ — נומ. 2—3 (29—30), שפ. 93—100.
מיטאווטער.

47. מיין ענטפער.
„אפן שפראכפראָנט", זש. (ק). 1932, יול—אווגוסט — נומ. 4 (31), שפ. 53—74.
אינהאלט: I. פעלערן און „פעלערן"; II. גראמאטיק און סטיליסטיק; III. קונסט־שפראך און קולטור־שפראך; IV. סטיליסטישע פאָזיציעס; V. די קאָנצעפציע וועגן דער העכערער שפראך; VI. מעטאָדיק; VII. „יידישלעכקייט" אָדער „קוואליטעט"?
אן ענטפער אפן ארטיקל: פ. הורוויץ, ר. לערנער, מ. מיידאנסקי—וועגן כ' שטיפס ארבעטן: „יידישע סטיליסטיק", „שפראכקולטור", „רעוויזיע" — דאָרטן, שפ. 43—50. און דעם כ' זארעצקי—צו כ' שטיפס „רעוויזיע" — דאָרטן, שפ. 49—52.

48. מיינע פעלערן.
„פראָלעטארישע פאָן", צ. (ק). 1932, 23/IV, נומ. 46, ז. 3.

49. די סאָוועטישע יידישע אָרטאָגראפיע. (קלאָלים פונעם נייעם יידישן אויסלייג). כארקאָווקיעוו, מעלוכע־פארלאג פאר נאציאָנאלע מינדערהייטן פון אוסרר. 1932. 36 ז. (18 × 13). 3.000 עקז. 35 קאָפ.

אינסטיטוט פאר ייִדישער פראָלעטארישער קולטור בא דער אלוקראַינישער וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע. פילאָלאָגישע סעקציע.
מיטאווטער.

50. פאָרוואָרט צום אָרטאָגראפישן ווערטערבוך. ארויסגעגעבן פונעם אינסטיטוט פאר ייִדישער פראָלעטארישער קולטור בא דער אלוקראַינישער וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע.
מאָסקווע, פארלאג „עמעס“. 1932. ז. I—IX.

50a. רעוואָלוציע און רעאקציע אין דער שפראך. [סאָפ].
(זע: נומ. 41).

51. רעוויזיע.
„אפן שפראכפראָנט“, זש. (ק). 1932, יול—אווגוסט — נומ. 4 (31), שפ 3—18.
זעלבסטקריטישער ארטיקל.

52. רעוויזיע.
„דער עמעס“, טצ. (מ). 1932, 6/IV, נומ. 80, ז. 2; 8/IV, נומ. 81, ז. 2.
זעלבסטקריטישער. ארטיקל.

1933

53. די באשטימונג פון צ.ק. אלקפ(ב) און אונדזערע לערנביכער.
„דער שטערן“, טצ. (כ). 1933, 28/II, נומ. 48, ז. 3.

54. וועגן דער הינטערשטעליקייט אפן פעדאגאָגישן שפראכפראָנט.
(אן ענטפער אפ א קאָרעספאָנדענצ) [לייטער ארטיקל].
„דער עמעס“, טצ. (מ). 1933, 10/IV, נומ. 83, ז. 3.

זוכצעטל

(טעמאטישער אַנווייַזער)

I. סטיליסטיק און גראמאטיק. — 4, 5, 6, 7, 11, 12, 13, 14, 15, 21, 24, 25, 28, 31, 33, 36.

II. געשיכטע פון ייִדישער שפראך. — 1, 3, 8, 19, 22, 26, 41, 43.

III. לעקסיקאָלאָגיע. — 8, 11, 16, 17, 18, 19, 20, 30, 34, 41, 42.

IV. זעלבסטקריטישע ארטיקלען. — 47, 48, 51, 52.

V. רעצענזיעס און קריטישע איבערזיכטן. — 2, 23.

VI. דיאלעקטאָלאָגיע. — 27, 29.

VII. אָרטאָגראפיע און גראפיק. — 26, 37, 38, 40, 45, 46, 49, 50.

VIII. שול-פראגעס. — 35, 36, 53, 54.

IX. ארום דעם זשורנאל „די ייִדישע שפראך“ („אפן שפראכפראָנט“). — 9, 10, 32, 44.



נ. יא. מאר

1934 — 1864

מ. גיטליצ

דער פאָרשערישער וועג פונ נ. יא. מאר[1]

(פונ א גרעסערער ארבעט)

דעמ אקאדעמיקער מארס פאָרשערישער וועג האָט געהאט א גאנצ באשיידענעמ אָנהייב. ער האָט זיכ אָנגעהויבנ, זאָגט מאר,

„פונ א באשיידענעמ דערלערנענ א שפראכ, וואָס קיינער אינ דער געבילדעטער אייראָפע האָט זי ניט דערלערנט סיסטעמאטיש ביז הײַנטיקנ טאָג: עס האנדלט זיכ דאָ וועגנ דער גרוזינישער שפראכ" (Марр. „Почему так трудно стать лингвистом-теоретиком", стр. 29)

דאָס איז געווענ מיט פינפ אונ פערציק יאָר צוריק. איצט איז פונ יענעמ „באשיידענעמ" אָנהייב האָבנ מיר פאר זיכ א גראנדיעזנ ביניענ פונ אנ אלוועלטלעכנ באטײַט. מיט פינפ אונ פערציק יאָר צוריק—א באשיידענער פארלאנג פונ א יונגנ סטודענט צו דערלערנענ די אייגענע, פונ די אייראָפעיִשע געלערנטע פארוואָרלאָזטע מוטערשפראכ — גרוזיניש. אונ הײַנט — א מארקסיסטיש־דורכדרינגענדיקער בליק אינ די ווײַטנ פונ צײַט ביז צו די אויסקוואלנ פונ רייד אונ דענקענ, אונ רעוואָליוציאָנערער שווונג אינ דער צוקונפט ארײַנ—אינעמ קאמפ פאר א נײַעמ באפרײַטנ אלמענטשלעכנ באוווסטזײַנ אונ וועלט־באנעמ, פאר א נײַער אלמענטשלעכער שפראכ. פינפ אונ פערציק יאָר — א לאנגער, שווערער, אָנגעשטרענגטער וועג פונ שטײַגנ בארג־ארופ.

„דער וועג פאָרויס,— באצייכנט מאר,— איז אָבער געגאנגענ ניט מיט דער לאנגזאמקײַט פונ אנ עוואָליוציאָנערער דערשײַנונג, טראָט בא טראָט, נאָר דורכ אופרײַסנ, אָפהענגיק פונעמ אָנלויפ פונ נײַע מאטעריאלנ אָדער פונ נײַע אכטגעבונגענ אונ פונ מאָמענטנ פונ אופדעקנ פארבינדונגענ מיט א פריִער פרעמדער וועלט" (מאר).

די גרונט־עטאפנ אינ דער אנטוויקלונג פונ דער נײַער שפראכ־לערע

דער גאנצער וועג שטעלט מיט זיכ פאָר א רעוואָליוציאָנערע באוועגונג פאָרויס אינ דער ריכטונג צו באוווסטזיניקער אונ באזיניקטער מארקסיסטישער לינגוויסטיק. עס ווערט דאָ צעשטערט דער אינדאָ־אייראָפעיִזמ, אונ עס ווערט געבויט א נײַע מארקסיסטישע שפראכוויסנשאפט. יעדער איינציקער עטאפ אינ דער אנטוויקלונג פונ מארס לערע איז א רינג אינ דער דאָזיקער רעוואָליוציאָנערער קייט פונ צעשטערנ אונ בויענ. דער אריבערגאנג אָבער פונ א נידעריקערער אפ א העכערער שטופע איז פאָרגעקומענ, ווי מיר האָבנ עס שוינ געהערט פונ מארנ, ניט עוואָליוציאָניסטיש, נאָר שפרונגארטיק,

[1]) דער דאָזיקער ארטיקל איז אָנגעשריבנ געוואָרנ אינ צוזאמענהאנג מיט מארס 45־יאָריקנ יובילײ. דער נומער איז שוינ געווענ אינ דרוק, ווענ מיר האָבנ באקומענ די טרויעריקע יעדיִע וועגנ דעמ טויט פונ נ. יא. מאר (ר ע ד א ק צ י ע).

לויטן דיאַלעקטישן געזעץ: איבערגאַנג פון קוואַנטיטעט אין קוואַליטעט און פאַרקערט. די דראָבנערטע פּאָזיציעס אַפּ אַ באַשטימטן עטאַפּ האָבן געשטויסן צו זוכן נײַעם מאַטעריאַל, אַרײַנצוציִען אינעם אויספאָרש־קרײַז נײַע אָביעקטן, נײַע שפּראַכן אָפּ צו פּאַרפעסטיקן די דאָזיקע דערגרייכונגען. אָבער דער נײַער מאַטעריאַל, די אָנגעזאַמלטע נײַע פּאַקטן — דאָס האָט אין אַ באַשטימטן מאָמענט געבראַכט צו אַן אויפרײַס פון די פריִערדיקע פּאָזיציעס, און ס'איז פּאָרגעקומען אַ שפּרונג אַפּ אַ נײַעם, אַ העכערן עטאַפּ — אַן איבערגאַנג אין אַ נײַער קוואַליטעט, וואָס האָט די אַלטע אויפגעריסענע עלעמענטן אַרײַנגענומען און איבערגעקאָכט אין זיך אַפּ אַ דיאַלעקטישן אופן. די נײַע אײַנגענומענע פּאָזיציעס — די נײַע קוואַליטעט — האָט ווידער געשטויסן צו זוכן נײַעם מאַטעריאַל — אַזאַ מאַטעריאַל, וואָס זאָל אָבער שוין אַנטשפּרעכן צו דעם נײַעם העכערן עטאַפּ מיט זײַן נײַער קוואַליטעט. און אַזוי האָט אויך די נײַע קוואַליטעט געבראַכט צום איבערגאַנג אין נײַער קוואַנטיטעט א.אז.וו.

קאָנקרעט ווילן עס אונדז באַווײַזן יענע סטאַדיעס און עטאַפּן, וואָס די נײַע מאַרס לערע האָט דורכגעמאַכט.

דעם גאַנצן פאָרשערישן וועג פון נ. יא. מאַר קען מען אײַנטיילן אין צוויי הויפּט־סטאַדיעס: די ערשטע סטאַדיע כאַפּט אַרום אַ פּעריאָד פון 35 יאָר, פון 1888 ביז 1924 יאָר. די צווייטע — 10 יאָר, פון 1924 ביז צום הײַנטיקן טאָג.

ערשטע סטאַדיע

דער הויפּטלעכער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער ערשטער סטאַדיע באַשטייט אין דעם, וואָס די נײַ־אויפגעקומענע טעאָריע איז פון אַ לערע וועגן די קאַווקאַזישע שפּראַכן אַריבערגעוואַקסן אין אַן אַלגעמיינער שפּראַכ־לערע ביקלאַל. אין טאָכ אַרײַן באַטײַט עס: צום סאָפּ פון דער ערשטער סטאַדיע איז די יאַפעטישע טעאָריע, וואָס אין דעם אופקום־יאָר האָט זי מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ טייל פון דער גאַנצער אינדאָ־אייראָפּעיִשער פאָרש־סיסטעם, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זעלבשטענדיקער נײַער שפּראַכ־לערע, — אַ דיאַמעטראַל קעגנזעצלעכער צו דער בורזשואַזער.

אין זײַן אַרבעט „יאַפעטידן" (געדרוקט אין 1922 יאָר), פּאַקטיש באַ דער גרענעץ פון דער ערשטער און צווייטער סטאַדיע, ציט נ. יא. מאַר אונטער אַ סאַכאַקל פונעם דורכגעגאַנגענעם וועג. ער צייכנט דאָרטן אָן פינף עטאַפּן, אָדער שטופעס, וואָס די לערע האָט דורכגעמאַכט ביז דער אָנגעוויזענער צײַט.

ערשטער עטאַפּ.

לויט דער צײַט — דער סאַמע לענגסטער: ער ציט זיך גאַנצע 20 יאָר, פון 1888 ביזן 1908 יאָר. דאָס איז צו דערקלערן מיט דעם, וואָס גאַנצע צען יאָר איז מאַר געווען אָפּגעריסן פון דירעקטער לינגוויסטישער אַרבעט. דערצו האָבן מיטגעווירקט פאַרשיידענע סיבעס: די פײַנטלעכע אַטמאָספער, וואָס האָט באַם צאַריזם געהערשט צו פאָרשער פון ניט־רוסישע שפּראַכן — אינעם געגעבענעם פּאַל — צו גרוזיניש און אַרמעניש, די פײַנטלעכע באַציִונג צו אים פּערזענלעך מיצאַד די אַלטע פּראָפעסאָרן גרוזיניש־פאָרשער, וואָס האָבן געזען אין אים „אַ קאָנקורענט" און האָבן אים דעריבער

ניט געגעבנ די מעגלעכקײַט פרײַ צו אנטוויקלענ ברייטער אונ טיפער זײַנע פאָרשונגענ איבער דער גרוזיניש־ארמעניש־ער פילאָלאָגיע.

מיט אָט די אונ נאָכ אנדערע סיבעס איז צו דערקלערנ דעמ לאנגנ אינטערוואל צווישנ זײַנע צוויי פארעפנטלעכטע ארבעטנ (1888 אונ 1908), וואָס באהאנדלענ איינ טעמע אונ כאראקטעריזירנ ביידע דעמ ערשטנ עטאפ. די צוויי ארבעטנ זײַנענ: 1) „די נאטור אונ אייגנשאפט פונ דער גרוזינישער שפראכ" (געדרוקט אינ 1888 י.) אונ 2) „די גרונט־טאבעלעס צו דער גראמאטיק פונ אלט־גרוזיניש" (1908 יאָר) אונ אנ ארײַנפיר־ארטיקל צו זיי אונטערנ טיטל: „פאָרלויפיקע מיטיילונג וועגנ דער קרויוועשאפט פונ דער גרוזינישער שפראכ מיט די סעמיטישע". אינ דעמ דאָזיקנ ארײַנפיר־ארטיקל מאכט ער דעמ ערשטנ פרווו צו דעשיפרירנ די סטרוקטור־יעסוידעס פונ די ווערבנ אינ גרוזיניש מיט די סעמיטישע שפראכנ (אראביש, סיריש, העברייִש א.א.). ער באמיט זיכ צו דערווײַזנ מיט א באדײַטנדיקער צאָל פאקטנ, אז די קרויוועשאפט דריקט זיכ אויס סײַ אינ דער שוטפעסדיקער לעקסיק, סײַ אינעמ באשטאנד פונ די „וואָרצלענ" (דאָסראָוו דרײַקאָנסאָנאנטיקע אָנ וואָקאלנ) אונ סײַ אינ דער אויסבילדונג פונ מאָרפאָלאָגישע קאטעגאָריעס (אינערלעכע וואָקאליזירונג אונ פרעפיקסירונג).

דאָ האלט זיכ נאָכ מאר פעסט בא די פאָזיציעס פונעמ אינדאָ־אייראָפייִזמ (פאָרמעלער פארגלײַכ־מעטאָד, אורשפראכ, ראסעווע שפראכלעכע פאמיליעס, מיגראציע א.אז.וו.). אָט אזוי דערקלערט ער די קרויוועשאפט פונ גרוזיניש מיט די סעמיטישע שפראכנ אפ א רײנ אינדאָ־אייראָפייִסטישנ אויפנ, ער דערקלערט דאָס דערמיט, וואָס די דאָרעמ־קאווקאזישע שפראכנ (גרוזיניש, מעגרעליש, טשאניש, אונ סוואניש, — אנדערע קאווקאזישע שפראכנ האָט ער נאָכ דעמלט ניט געהאט אויסגענוצט) צוזאמענ מיט די סעמיטישע אונ כאמיטישע שפראכנ (די קרויוועשאפט פונ די סעמיטישע אונ כאמיטישע איז שוינ דעמלט געווענ פעסטגעשטעלט) שטאמענ פונ איינ ראסעווער אורשפראכ, פונקט אזויווי די סלאווישע, ראָמאנישע, גערמאנישע אונ אנדערע „שטאמענ פונ איינ אינדאָ־אייראָפייִשער" אורשפראכ. ער האָט דעריבער אָנגערופנ די נײַע גרופע קאווקאזישע שפראכנ — יאפעטישע (נאָכנ נאָמענ פונעמ דריטנ זונ נויעכס — לעגענדארישער יאָפעס), וואָס איז נאָכ ביז דעמלט ניט געווענ צוגעפעסטיקט צו קיינ איינ גרופע[1]).

דער מעטאָד מארס איז דאָ אויכ דורכויס א פאָרמעל־פארגלײַכיקער. דאָס זעלביקע איז מיט אלע אנדערע אינדאָ־אייראָפייִשע אטריבוטנ. דער אונטערשייד איז נאָר באשטאנענ אינ דעמ, וואָס דער אלטער מעטאָד איז אָנגעווענדט געוואָרנ צו א גאנצ נײַעמ שטאָפ. אונ דאָס האָט שוינ געמוזט שטויסנ צו נײַע אנטדעקונגענ. אזוי, אשטייגער, זײַנענ אופגעדעקט געוואָרנ נײַע, פונ פריִער ניט באוווסטע קלאנגענ־אנטשפרעכונגענ. דעריקער אָבער — עס זײַנענ אופגעדעקט געוואָרנ נײַע שפראכ־טיפנ, שפראכנ פונ אנ אנדער סיסטעמ, פונ אנ אנדער אנטוויקלונג־סטאדיע. די דאָזיקע יאפעטישע שפראכנ, וואָס די בורזשואזע געלערנטע האָבנ זיכ מיט זיי קיינ אייצע ניט געקענט געבנ, זײַנענ ארויסגעצויגנ געוואָרנ פונ זייער איזאָלירטקײַט. מיר זעענ אפ אזא אויפנ, אז שוינ אפ דער ערשטער שטופע, ווענ מאר האָט זיכ נאָכ אינגאנצנ געהאלטנ בא

[1]) פונדאנענ שטאמט אויכ דער נאָמענ „יאפעטישע טעאָריע".

די יעסוידעס פון דער אַלטער לינגוויסטיק, מערקט זיך באַ אים שוין אָן אַ קענטי־קער ריס אין דער גאַנצקייט פון עם אינדאָ־אייראָפּייִזם. עס ווערט דאָ צעשטערט די אינדאָ־אייראָפּייִסטישע איזאָליר־טעאָריע, און מע דאַרף זאָגן, אַז דאָס אופדעקן נייַע קלאַנגען־אַנטשפּרעכונגען און דאָס אופרייַסן די איזאָליר־טעאָריע—דאָס זייַנען פּאַקטיש די ערשטע ציגל פאַר דעם פונדאַמענט פון דער קומענדיקער מאַניסטישער שפּראַכ־לערע. שפּעטער וועט עס ברענגען, פון איין זייַט, צו אַ נייַער פּאַנעטישער טעאָריע און, פון דער אַנדערער זייַט, צום אויספיר וועגן אַן איינהייַטלעכער אַנטוויקלונג פון אַלע שפּראַכן.

שוין אָבער אין די ראַמען פונעם ערשטן עטאַפּ זאַמלט זיך מאַטעריאַל פאַר אַ שפּרונג אַף אַ העכערן עטאַפּ. די צווייי יאָר אויסגראָב־אַרבעט אין אַני (1892 — 1893) און די אומיטלבאַרע באַקאַנטשאַפט מיט אַ געמישטער באַפעלקערונג (אין די גרענעצן פון אַלט־אַרמעניע) פון אַרמענער, טערקן און קורדן גיבן שטאַרק אַ וואַקל מאַרס שטאַנדפּונקט וועגן דער גאַנצקייט און ריינקייט פון אַ נאַציאָנאַלער קולטור. ער נעמט שטודירן די לעבעדיקע שפּראַכן און דיאַלעקטן. צו דעם שטויסט אים, אין דער ער־שטער ריי, זייַן אַרבעט איבער דער גרוזיניש־סעמיטישער קרויוועשאַפט. ער איבער־צייַגט זיך אַלץ מער, אַז „מע טאָר זיך ניט באַגרענעצן בלויז מיט שריפטלעכע קוואַלן און דענקמעלער פון דער ליטעראַרישער שפּראַך, זאָל דאָס זייַן אַפילע פון די עלט־סטע צייַטן“ (מאַר). דאָס שטודירן אָבער די לעבעדיקע שפּראַכן און דיאַלעקטן אַף צו דערווייַזן די קרויוועשאַפט־טעאָריע רייַסט אים אַוועק פון ווייַטער באַאַרבעטן די דאָזיקע טעאָריע. זייַן אופמערקזאַמקייַט ווערט צוגעשמידט צו די קאַווקאַזישע שפּראַכן גופע.

„שוין פונעם ערשטן מאָמענט, ווי ס'איז דערשינען די אַרבעט „די גרונט־טאַבעלעס צו דער גראַמאַטיק פון דער גרוזינישער שפּראַך“... איז פאַר מיר געוואָרן קלאָר, אַז מע דאַרף צייַטווייַ־ליק וואַרפן די ווייַטערדיקע פאַנאַנדעראַרבעטונג פון די יאַפעטיש־סעמיטישע צווישנבאַציִונגען. מע האָט געדאַרפט וואַרפן אַלע קויכעס אַף פאַרברייטערן און פאַרטיפערן דאָס דערלערנען די יאַפעטישע שפּראַכן גופע“... (מאַר).

דאָס פאַרנעמען זיך אָבער אינגאַנצן מיט די יאַפעטישע שפּראַכן גופע הייבט אוף די יאַפעטישע טעאָריע אַף אַ העכערער שטופע. די קוואַנטיטעט גייט אַריבער אין אַ נייַער קוואַליטעט.

צווייטער עטאַפּ.

דער צווייטער עטאַפּ כאַפּט אַרום די צייַט 1908—1914. דער דאָזיקער עטאַפּ האָט גע־פונען זייַן אויסדרוק אין דער אַרבעט „די גראַמאַטיק פון דער טשאַנישער שפּראַך“ (1910). די גאַנצע אופמערקזאַמקייַט איז אינעם דאָזיקן עטאַפּ קאָנצענטרירט אַף די לעבעדיקע, דערהויפּט אָנשריפטיקע שפּראַכן, דיאַלעקטן און ריידענישן פון קאַווקאַז (פּריִער — טשאַניש, מעגרעליש און סוואַניש, מער נעענטער צו גרוזיניש, און שפּעטער— אַבכאַזיש, דאַגעסטאַנישע ריידענישן און אָסעטיניש),— שוין אָן שום שייַכעס צו די סעמיטישע שפּראַכן. דאָס עפנט פאַר דער יאַפעטישער טעאָריע נייַע האָריזאָנטן. עס ווייַזט זיך אַרויס, אַז די דאָזיקע ניי־אויסגעפאָרשטע שפּראַכן און ריידענישן — אַלע פאַרמאָגן זיי, נישט געקוקט אַף זייער פאַרשיידענער סטאַדיאַלקייַט, אַ סומע ספּעציפישע

געמיינזאמע שטריכנ אינ זייער גאנצער סטרוקטור (מאָרפאָלאָגישער, סינטאקסישער, פאָנעטישער אונ וואָרטבילדנדיקער), שטריכנ, וואָס טיילנ זיי אָפּ פונ אלע איבעריקע שפראכ־פאמיליעס, אפילע אויכ פונ די סעמיטישע אונ כאמיטישע שפראכנ. דער טערמינ „יאפעטיש", וואָס איז פריִער באנוצט געווענ צו באצייכענענ בלויז די קרויוישע עלעמענטנ פונ גרוזיניש, טשאניש, מעגרעליש אונ סוואניש מיט די סעמיטישע שפראכנ, באקומט שוינ איצט אפּ דעמ אָט עטאפּ א נייעמ אינהאלט. דער באגריפּ „יאפעטיש" באצייכנט אפּ דעמ דאָזיקנ עטאפּ די ספעציפישע איינגשאפטנ פונ דער קאווקאזישער גרופּע שפּראכנ צומ אונטערשייד פונ אלע איבעריקע שפּראכנ־גרופּעס. די פריִערדיקע היפּאָטעזע, וואָס האָט פארעכנט גרוזיניש אונ די נאָענטע צו איר שפּראכנ פאר א צווייַג פונ דער סעמיטיש־כאמיטישער שפּראכ־פאמיליע, פאלט אָפּ, אונ עס קומט אויס אויסצוטיילנ די קאווקאזישע שפּראכנ אינ א באזונדערער זעלבשטענדיקער שפּראכ־פאמיליע — אינ דער יאפעטישער.

די צאָל יאפעטישע שפּראכנ צעוואקסט זיכ אזוי, אז עס קומט אויס אויסצוטיילנ אינ די ראמענ פונ דער יאפעטישער שפּראכ־פאמיליע גופּע פארשיידענע צווייַגנ אונ גרופּעס. לויטנ פאָנעטישנ סימענ ווערנ אויסגעטיילט צוויי הויפּט־צווייַגנ — א סיביליאנטישער (פאָדערצונגיקער) אונ א ספּיראנטישער (הינטערצונגיקער). דער סיביליאנטנ־צווייַג ווערט אויכ געטיילט אפּ צוויי גרופּעס: א ס־גרופּע אונ א ש־גרופּע.

דאָס שטודירנ די צווישנבאציִונגענ פונ די פארשיידענע יאפעטישע שפּראכנ האָט געבראכט צו א נייַער גאָר וויכטיקער אנטדעקונג. ס'האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז עס זייַנענ ניטאָ קיינ ריינע שפּראכ־טיפּנ, — אלע יאפעטישע שפּראכנ זייַנענ געמישטע, געקרייצטע. סימאָנימ פונ קרייצונגענ האָבנ זיכ ארויסגעוויזנ ניט בלויז צווישנ סיביליאנטנ אונ ספּיראנטנ אונ ניט בלויז צווישנ די ס־גרופּיקע אונ ש־גרופּיקע שפּראכנ, נאָר אויכ צווישנ די יאפעטישע אונ אינדאָ־אייראָפּייִשע שפּראכנ.

אפּ אָט דעמ עטאפּ גיט די יאפעטישע טעאָריע, ווי מיר זעענ, א באדייַטנדיקנ שפּרונג פאָרויס: ס'ווערט פארברייטערט אונ פארטיפערט דער באגריפּ „יאפעטיש", ס'ווערנ אנטדעקט (דערווייַל אינ די ראמענ פונ די יאפעטישע שפּראכנ גופּע) טיפּנ מיט א געזעצמעסיקער קלאנגענ־אנטשפּרעכונג, אונ דאָס וויכטיקסטע, — ס'ווערט אנטדעקט א נייַער פאקטער אינ דער שפּראכ־אנטוויקלונג — קרייצונג.

די דאָזיקע דערגרייכונגענ, אונ דעריקער — דאָס אנטדעקנ א געקרייצטנ יאפעטיש־אינדאָ־אייראָפּייִשנ טיפּ (ארמעניש) — האָבנ געגעבנ דעמ אינדאָ־אייראָפּייִזמ א היפּשנ קלאפּ. דאָ ווערט שוינ ניט בלויז אָפּגעלייקנט די איזאָלירטקייַט פונ די קאווקאזישע שפּראכנ, נאָר עס מערקט זיכ שוינ אָנ די קלאָרע טענדענצ אָפּצווישנ די גרענעצנ פונ די „איזאָלירטע ראסעווע שפּראכ־פאמיליעס" ביקלאל. ס'האָט זיכ, אפּ אזא אויפנ, א וואקל געטאָנ איינער פונ די גרונט־זייַלנ פונעמ אינדאָ־אייראָפּייִזמ.

אָבער שוינ אינ די ראמענ פונעמ דאָזיקנ צווייטנ עטאפּ זאמלט זיכ מאטעריאל, וואָס וועט ברענגענ צו א נייַעמ שפּרונג. קעדיי צו פארפעסטיקנ די דערגרייכטע פּאָזיציעס — דאָס אנטדעקנ א ספּעציפישע זעלבשטענדיקע יאפעטישע שפּראכ, איז מאר געצוווּנגענ צו זוכנ נאָכ עטלעכע טיפּנ יאפעטידנ. זייַנ גלייַכצייַטיקע ארבעט איבער די אלטע שריפטלעכע קייַלארטיקע גרוזינישע אונ ארמענישע דענקמעלער אונ איבער לעבעדיקע יאפעטישע שפּראכנ האָבנ אימ געצווּנגענ איבערצושאצנ דעמ באטייַט פונ די

לעבעדיקע און טויטע שפּראַכן אין הינזיכט פון אופדעקן אַרכאַישע יאַפעטישע פאָר־מעס. ער ציט אַרייַן אין אויספאָרש־קרייַז די אַלטע טויטע שריפטלעכע שפּראַכן. די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער אויספאָרשונג הייבן אוף די יאַפעטישע טעאָריע אַף נאָך אַ העכערער שטופע.

דריטער עטאַפּ.

דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דעם דאָזיקן עטאַפּ איז דאָס שטודירן די טויטע קייַלשריפטלעכע שפּראַכן (כאַלדיש — אין דער ביז־אינדאָ־אייראָפּייִשער אַר־מעניע; שומעריש — אין מעסאָפּאָטאַמיע, אַלטעלאַמיש) און יענע נייַע אַנטדעקונג, וואָס מאַר האָט אַפּן סמאַך פון דעם דאָזיקן מאַטעריאַל געמאַכט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די לעבעדיקע יאַפעטישע שפּראַכן זייַנען טרעגער פון אַן עלטערן טיפּ רייד, ווי די גאָר אַלטע קייַלשריפט־שפּראַכן, וואָס האָבן זיך אויך אַרויסגעוויזן פאַר יאַפעטישע. אַזוי איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז די לעבע־דיקע קאַווקאַזער שפּראַכן, גרוזיניש אייַנגעשלאָסן, האָבן מער אייַנגעהייט דעם עלט־סטן טיפּ יאַפעטישע רייד, איידער די סאַמע עלטסטע טויטע שריפטלעכע שפּראַכן. אַף אַזאַ אויפן איז קלאָר געוואָרן, אַז די שריפטלעכע כראָנאָלאָגיע זאָגט נאָך ווייניק וואָס וועגן דעם עלטער פונעם שפּראַך־טיפּ. מיט דעם איז ווידער פונעם אינדאָ־איי־ראָפּייִזם אַרויסגעריסן געוואָרן אַ גרונטשטיין. ס'איז אופגעריסן געוואָרן דער קלוי־מערשטער היסטאָריזם און פאָרמעלער טיפּאָלאָגיזם, וואָס שטיצט זיך אינגאַנצן אַף דאַטירטע שריפטלעכע דענקמעלער און איגנאָרירט די לעבעדיקע שפּראַכן. גלייַכצייַ־טיק איז מיט דעם געמאַכט געוואָרן אַן אָנהייב פון אַ ווירקלעך־היסטאָרישן צוגאַנג צו שפּראַך־דערשייַנונגען. ווי ווייַט ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז די הייַנטיקע גרוזינישע, גערעדטע פאָלק־שפּראַך, לעמאָשל, איז טיפּאָלאָגיש עלטער פון דער אַלטגרוזינישער פעאָדאַלער שפּראַך און אַז די דאָזיקע פעאָדאַל־גרוזינישע שפּראַך האָט מער געמייַנזאַמס אין דער סטרוקטור מיט דער פעאָדאַל־אַרמענישער, איידער מיט דער לעבעדיקער גרוזינישער, איז שוין מיט דעם פאַרלייגט געוואָרן אַ גרונטשטיין פאַר אַ געהעריקן קלאַסן־צוגאַנג אין דער שפּראַכוויסנשאַפט.

פערטער עטאַפּ.

דער דאָזיקער עטאַפּ האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן באַטייַט פאַר דער אַנט־וויקלונג פון דער יאַפעטישער טעאָריע. דער וויסנשאַפטלעכער אינטערעס שפּרייַזט אַריבער די גרענעצן פון קאַווקאַז און מיט דעם גופע „הערט אוף יאַפעטידאָ־לאָגיע צו זייַן אַ וויסנשאַפט פון קאַווקאַז־קענטעניש" (מאַר). עס האַנדלט זיך וועגן צוויי נייַע יאַפעטישע נעסטן, וואָס מאַר האָט אַנטדעקט: איינעם — אין מיטלאַזיע באַ די בערג הינדוקוש און פּאַמיר — די לעבעדיקע שפּראַך ווערשיקיש — און דעם צווייטן — אַפּן סאַמע דאָרעם־אייראָפּע באַם מיטלענדישן יאַם — די לעבעדיקע שפּראַך באַסקיש (פּירענייער האַלב־אינדזל צווישן שפּאַניע און פראַנקרייַך) און די טויטע שפּראַך עט־רוסקיש (אַפּענינער האַלב־אינדזל).

די פאַרבינדונג צווישן די יאַפעטישע און אינדאָ־אייראָפּייִשע שפּראַכן האָט זיך שוין אַרויסגעוויזן פריִער דורכן אַנטדעקן דעם יאַפעטיש־אינדאָ־אייראָפּייִשן היבריד — אַרמעניש. דאָס אויסגעפינען אָבער יאַפעטידן אינעם סאַמע האַרץ פון אייראָפּע

אינ דער ארומרינגלונג פונ אינדאָ־אייראָפּייִשע שפראכנ האָט די פעסטע גרענעצנ צווישנ די א. ג. שפראכ־פאמיליעס געמאכט נאָכ מער צווייפלהאפטיק. די דאָזיקע אנטדעקונג (אייראָפּייִשע יאפעטידנ) האָט געמוזט פארשטארקנ דעמ אינטערעס צו די אויסערקאווקאזישע שפראכנ. ס׳האָט געשטויסנ צו זוכנ, ערשטנס, נייַע יאפעטישע נעסטנ, אונ צווייטנס, צו שטודירנ די אינדאָ־אייראָפּייִשע שפראכנ, וואָס האָבנ ארומגערינגלט די נייַע יאפעטידנ. דאָס האָט געבראכט צו אזעלכע רעזולטאטנ, וואָס האָבנ אפנ ווייַטערדיקנ עטאפ געשאפנ א גרינטלעכנ איבערבראָכ אינ דער גאנצער לערע.

פינפטער עטאפ.

דאָס איז דער לעצטער עטאפ פונ דער ערשטער סטאדיע—דער איבערבראָכ־עטאפ. ער נעמט ארומ די צייַט פונ 1920 ביז 1924 יאָר. די דורכגעגאנגענע שפרונגארטיקע עטאפנ פונעמ דרייַסיקיאָריקנ וועג קענענ פארגליכנ ווערנ צו פאזעס אינ די ראמענ פונ איינ פאָרמאציע, וואָס נאָכ זיי איז געקומענ דער שפרונג אינ א נייַער פאָרמאציע.

אינ מעשעכ פונ די ערשטע פיר עטאפנ זייַנענ שטארק אונטערגעשווענקט געוואָרנ די יעסוידעס פונעמ אינדאָ־אייראָפּייִזמ (די איזאָלירטקייַט פונ די קאווקאזישע שפראכנ אונ אויכ פונ באסקיש, די ראסעווע ריינקייַט פונ די שפראכ־פאמיליעס, די גרענעצנ צווישנ די דאָזיקע פאמיליעס אונ צוזאמענ דערמיט די גאנצע טעאָריע וועגנ אור־שפראכנ). ס׳איז אויכ באדייַטנדיק אונטערגעבראָכנ געוואָרנ דעמ גרונט־זייַל פונ דער בורזשואזער מעטאָדאָלאָגיע — דער אידעאליסטישער אונ פאָרמעלער צוגאנג צו שפראכ־דערשייַנונגענ. גלייַכצייַטיק איז צוגעגרייט געוואָרנ דער באָדנ פאר דעמ ענדגילטיקנ שפרונג אינ דער קוואליטאטיוו־נייַער יאפעטישער שפראכ־לערע. דאָס שטודירנ די אָנשריפטיקע שפראכנ האָט געמוזט ארויספירנ די שפראכפאָרשונג פונ איר איזאָלירטקייַט. ס׳ווערנ אריינגעצויגנ אינעמ פאָרש־קרייַז די שכיינעסדיקע דיסציפלינעס (פאָלקלאָר, עטנאָגראפיע, מאטעריעלע קולטור, געשיכטע א.אז.וו.), אונ דאָס האָט געהאָלפנ שטויסנ די יאפעטישע טעאָריע אפנ מאטעריאליסטישנ וועג, דאָס האָט אויכ געבראכט צומ היסטאָריזמ אינ מארקסיסטישנ זינענ, צו א קלאסנ־צוגאנג אינ דער שפראכוויסנשאפט.

נאָכ דער אנטדעקונג פונ באסקיש אונ עטרוסקיש ווערט אויסגעפונענ א גאנצע ריי נייַע געקרייצטע יאפעטידנ (אלבאניש, בערבעריש, סקיפיש א.אז.וו.). עס האָט זיכ גאָר אינגיכנ ארויסגעוויזנ, אז גאנצ אייראָפּע פונ די פירענייענ ביז צומ קאספישנ יאמ אונ ווייַטער אפ מיזרעכ, ווייניקסטנס ביז פאמיר — איז אמאָל געווענ אינגאנצנ באזעצט מיט יאפעטידנ, וואָס איצטער זייַנענ זיי שוינ אויסגעשטאָרבנ, אָדער זיי האלטנ זיכ נאָכ ווי רעשטנ פונ א געוועזענער יאפעטישער וועלט. ס׳האָט זיכ אויכ ארויסגעוויזנ, אז די פאראנענע יאפעטישע שפראכנ געפינענ זיכ אפ פארשיידענע שטופעס פונ זייער אנטוויקלונג, אָנגעהויבנ פונ אָנפאָרמיק־סינטעטישע טיפנ (אבכאזיש), איבערגייענדיק צו אגלוטינאטיווע טיפנ ביז פלעקטיווע שפראכ־טיפנ. דאָס אופדעקנ פארשיידענע אנטוויקלונג־סטאדיעס אינ די ראמענ פונ די יאפעטישע שפראכנ גופע רייַסט אויס דעמ פאָרמעלנ פארגלייַכ־מעטאָד פונעמ אינדאָ־אייראָפּייִזמ, וואָס

פארגלײַכט סטאטיש אלע שפראכנ. עס קומט אויס צו בויענ דרײַ פארשיידענע גראמאטיקעס פאר יעדער סטאדיע באזונדער: איינ גראמאטיק פאר דער קימאט אינגאנצנ פלעקטיווער עפּאָכע, פאר די ס־אונ־ש־גרופישע שפראכנ פונעמ סיביליאנטישנ צווײַג (גרוזיניש, טשאניש אונ מעגרעליש); די צווייטע גראמאטיק פאר א מער עלטערער עפּאָכע, פראָנאָמ־פלעקטיווער (ווו די פראָנאָמ־טיילעכלעכ שפּילנ אנ אויסשליסלעכע ראָליע אינ די בייגפאלנ א.א.וו.), פאר די גרונט־שפראכנ פונ דאגעסטאנ, פונעמ בײַקאספישנ באסיינ אונ צאָפנ־קאווקאז ביקלאל, אונ די דריטע — פאר דער גאָר אלטער עפּאָכע, דער אָנפאָרמיק־סינטעטישער אונ דער איבערגייענדיקער סטאדיע — פאר דער אבכאזישער גרופּע שפראכנ.

דאָס אריבערטראָגנ דעמ שווערפונקט אפ דעמ אנטוויקלונגס־גאנג פונ דעמ שפראכפּראָצעס, פריער אינ די ראמענ פונ די יאפעטישע שפראכנ גופע, ברענגט צומ אופקומ פונ דער לערע וועגנ רייד־פּאַלעאָנטאָלאָגיע (די לערע וועגנ דער אנטוויקלונג פונ קלאנגענ־שפראכ).

די דאָזיקע נײַע לערע, איינער פונ די גרונט־זײַלנ פונ דער נײַער שפראכ־לערע, אונטערשיידט זיכ פונעמ אינדאָ־אייראָפּײַשנ פארגלײַכנדיקנ מעטאָד ניט בלויז מיט דעמ, וואָס די שפראכנ דערלערנט זי ניט אינ זייער סטאטישנ צושטאנד, נאָר אינ זייער סטאדיאלער אנטוויקלונג, — זי אונטערשיידט זיכ אויכ מיט דעמ — אונ דאָס איז דערִיקער, — וואָס זי דערלערנט די סטאדיאלע אנטוויקלונג ניט פאָרמעל, ניט איזאָלירט פונ די אומבײַט־פאָרמעס אינ דער מאטעריעלער אונ געזעלשאפטלעכער קולטור. דער ערשטער פרווו פונ אָט דעמ נײַעמ פּאַלעאָנטאָלאָגישנ צוגאנג האָט זיכ ארויסגעוויזנ אינ מארס פאָרטראג (1920 יאָר): „דער יאפעטישער קאווקאז אונ דער דריטער עטנישער עלעמענט אינ דער שאפונג פונ מיטללענדיש־יאמישער קולטור".

„אייגנטלעכ, פונ דער צײַט, ווענ עס הייבט זיט אָנ א קאָנקרעטער (טעאָרעטיש האָט זיכ עס אָנגעהויבנ שוינ פריער) צוזאמענשלוס פונ שפראכוויסנשאפט מיט דער געשיכטע פונ מאטעריעלע דענקמעלער אונ אינ פארבינדונג מיט דעמ אויכ פונ דער געזעלשאפטלעכקײַט, קומט אָנ א נײַע ערע אינ דער אנטוויקלונג פונ דער יאפעטישער שפראכוויסנשאפט. זי ווערט אינגאנצנ א זעלבשטענדיקע לערע ביט בלויז לויט דער אייגנארטיקײַט פונעמ מאטעריאל, נאָר אויכ לויטנ מעטאָד" (מאר).

די פּאַלעאָנטאָלאָגישע לערע, וואָס איז אופגעקומענ צוליב דער נייטיקײַט צו טיפּאָלאָגיזירנ די גרויסע צאָל אנטדעקטע יאפעטישע שפראכנ, הייבט אָנ אינגיכנ אָנגעווענדט ווערנ אויכ צו ניט־יאפעטישע שפראכנ, — אונ דאָס ברענגט צו ענדגילטיקנ אײַנרײַסנ מיט די פריערדיקע פאָרשטעלונגענ וועגנ זעלבשטענדיקנ אופקומ פונ פארשיידענע שפראכ־פאמיליעס. ס'ווערט קלאָר, אז סײַ די אינדאָ־אייראָפּײַשע, סײַ די סעמיטישע א. אנד. שפראכ־גרופּעס זײַנענ ניט אופגעקומענ זעלבשטענדיק, פּאראלעל מיט די יאפעטישע, נאָר אז זיי אלע זײַנענ אמאָל געווענ יאפעטישע שפראכנ אונ אז זייער הײַנטיקער צושטאנד שטעלט מיט זיכ פאָר א ווײַטערדיקע אנטוויקלונג־סטאדיע — א טראנספאָרמאציע פונ דער פריערדיקער יאפעטישער סטאדיע. ס'ווערט אויכ קלאָר, אז די דאָזיקע טראנספאָרמאציע איז ניט פאָרגעקומענ דורכ וואָסערע ס'איז אימאנענטע קויכעס, נאָר אז דאָס איז א רעזולטאט פונ נײַע סאָציאל־עקאָנאָמישע באדינגונגענ. די אמאָליקע פעסטגעשטעלטע „קרויוועשאפט" פונ גרוזיניש

מיט די סעמיטישע שפּראכנ ווערט דערהויבנ צו א „קרויוועשאפט” פונ אלע וועלט־שפּראכנ,— אונ ניט צו א בלוט־קרויוועשאפט, נאָר צו א קרויוועשאפט א סאָציאַלער. דאָס באַטײַט, אז די אנטוויקלונג פונ אלע שפּראכנ איז אונטערגעוואָרפנ צו איינ אייגנהײַטלעכנ גלאָטאָגאָנישנ (שפּראכשאפעדישנ) געזעצ, אונ אז די אייגנשאפטנ פונ באַזונדערע שפּראכנ אָדער שפּראכנ־גרופּעס זײַנענ א רעזולטאט פונ פארשיידענע עפּאָכעס, פונ פארשיידענע געזעלשאפטלעכ־ווירטשאפטלעכע סטאדיעס אונ פונ די פארשיידענע ספּעציפישע באַדינגונגענ אינ די ראמענ פונ איינ עפּאָכע גופע.

אינ דער זעלביקער צײַט (1921—1923) קומט פאָר אויכ אנ איבערבראָכ באַ מארנ אינ דער פראגע וועגנ מיגראציע. מיגראציע אלס א קרייצונג־פאקטער האָט באַם סטאדיאַלנ צוגאנג צו שפּראכ־אנטוויקלונג געמוזט אָפּגעוואָרפנ ווערנ, ווי עטוואָס אזוינס, וואָס דערקלערט גאָרנישט ניט.

אויב, זאָלנ מיר זאָגנ, א געוויסער עטנישער מאסיוו האָט פונ ערגעצ־ווו אריבערגעוואנדערט אפ א נײַ אָרט אונ מיטגעבראכט אהער א נײַעמ שפּראכלעכנ טיפּ, ווערט נאָכ מיט דעמ אבסאָליוט ניט געלייזט די גענעזיס־פראגע, וויאזוי דער דאָזיקער שפּראכ־טיפּ האָט זיכ אויסגעבילדעט דאָרטנ, פונוואנענ די איבערוואנדערונג איז געקומענ. אויסער דעמ איז דער עצעמ פאקט פונ היסטאָרישע איבערוואנדערונגענ הייבט אָנ איינגאנצנ אנדערש פארשטאנענ ווערנ.

„די היסטאָרישע איבערוואנדערונגענ ווערנ דערקלערט אינ פלאנ פונ סאָציאַלע דערשײַנונגענ” (מאר).

דער דאָזיקער איבערבראָכ האָט זיכ אויסגעדריקט אינ מארס היסטאָרישער דערקלערונג (אינ דער ויסנשאפט־אקאדעמיע, 1924).

„איכ באַהויפּט, אז קיינ ראסנ־פארשיידענע אינדאָ־אייראָפּייִשע שפּראכ־פאמיליעס עקזיסטירנ ניט. די אינדאָ־אייראָפּייִשע שפּראכנ פונעמ מיטללענדישנ באסיינ זײַנענ קיינמאָל אונ פונ ערגעצ ניט געקומענ מיט א באַזונדערנ שפּראכלעכנ שטאָף, וואָס זאָל שטאמענ פונ א וואָסערער ס׳ניט איז ראסע — פונ א באַזונדערער שפּראכ־פאמיליע, אָדער נאָכ ווייניקער, פונ א וואָסערער ס׳ניט איז ראסע—פונ א באַזונדערער אורשפּראכ... אנ אייגנהײַטלעכע אורשפּראכ איז א ויסנשאפטלעכע פיקציע... די אינדאָ־אייראָפּייִשע שפּראכ־פאמיליע איז טיפּאָלאָגיש א רעזולטאט פונ נײַע ווירטשאפטלעכע באַדינגונגענ... א ווײַטערדיקער צושטאנד פונ אלציינע יאפעטישע שפּראכנ”.

אינ דער דאָזיקער צײַט מערקט זיכ שוינ אויכ אָנ אינ עמבריאָנעלנ צושטאנד די לערע וועגנ די ערשטע לינגוויסטישע עלעמענטנ פונ דער קלאנגענ־שפּראכ. דאָס שטודירנ די אנטוויקלונג פונ די יאפעטישע שפּראכנ האָט געצווונגענ ארויפצולאָזנ זיכ טיפער אינ צײַט, קעדיי אופצודעקנ די קרייצונגענ צווישנ די פארשיידענע שוואָטימ, וואָס האָבנ זיי (די יאפעטישע שפּראכנ) געבראכט צומ הײַנטיקנ צושטאנד. ביסלעכווײַז האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז די אָנ א שיר שוואָטימ־קרייצונגענ פירנ סאָפקאָלסאָפ צו געציילטע שוואָטימ־פרימיטיוונ: ס א ל ע ר (סאל), ב ע ר ע ר (בער), י אָ נ ע ר (יאָנ), ר אָ ש ע ר (ראָש).

דאָס זײַנענ נאָכ, אייגנטלעכ, ניט קיינ לינגוויסטישע עלעמענטנ (דאָס קומט שפּעטער). אָבער דער אָנהייב איז שוינ פאראנ.

אפ אזא אופנ האָבנ מיר שוינ אפ דעמ דאָזיקנ עטאפּ די הויפּט־יעסוידעס פונ יאפעטידאָלאָגיע (מאטעריאַליסטישע וועלטאָנשויונג, אייגנהײַטלעכער גלאָטאָגאָנישער פּראָצעס, פּאלעאָנטאָלאָגיע פונ רייד, אָנהייב לערע וועגנ די לינגוויסטישע עלעמענטנ

א.אז.וו.). צו אלדעם איז מאר געקומען סטיכייִש, געשטויסן דורכן אָנפּלייץ פון קאָנ־קרעטע מאטעריאַלן.

דער טערמין „יאַפעטיש" מאכט דורך די דריטע און לעצטע אומוואנדלונג. פונעם ערשטן באגריף (גרוזיניש־סעמיטישע קרויוועשאפט) דורך דעם צווייטן (א באזונדערע יאַפעטישע שפראך־פאמיליע) קומט ער צום דריטן: יאַפעטיש — א סטאדיע אינעם אײנהײטלעכן גלאָטאָגאָנישן פּראָצעס פון אלע וועלט־שפראכן. מיט דעם גופא הערט די יאַפעטישע טעאָריע אוף צו זײַן א לערע וועגן די קאווקאזישע שפראכן און ווערט אן אלגעמײנע שפראכוויסנשאפט.

דער פינף־און־דרײַסיק־יאָריקער וועג האָט ארױפגעגראָבן דעם אינדאָ־אײראָפּײיִזם — דעם באָדן, אף וועלכן די יאַפעטישע טעאָריע איז אופגעוואקסן, געגעבן די ערשטע שפּראָצונגען, האָט געזאמלט אין זיך נײַע זאפטן און קויכעס און ארויסגעבראכט אף דער ליכטיקער וועלט די נײַע שפראך־לערע. די געבורט פון דער נײַער לערע איז שוין אָבער פאָרגעקומען אפן נײַעם, אפן סאָוועטישן באָדן, און דאָס האָט איר גערוי־כערט די פולסטע מעגלעכקײַטן און פערספּעקטיוון פאר דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג.

צווייטע סטאדיע

דער סאמע כאראקטעריסטישער הויפּט־שטריך פון דער צווייטער סטאדיע איז דער אריבערגאנג פונעם סטיכייִשן מאטעריאַליזם צום באוווּסטזיניקן און באזיניקטן מארקסיזם־לעניניזם.

אין אָט דעם פּעריאָד ווערט אופגעדעקט א גאנצע רײ נײַע יאַפעטידן, ס'ווערט ארײַנגעצויגן אין אויספאָרש־קרײַז א גאנצע רײ נײַע שפראך־אָביעקטן (טשוּוואשיש, שפראכן אמעריקאנישע, אפריקאנישע, טערקישע, אוגראָ־פינישע, כינעזישע א. אז. וו.). ס'ווערט פארשטארקט דער אינטערעס צו די קלאסישע שפראכן (גריכיש, לאטײַן) און צו די אײראָפּײיִשע לעבעדיקע שפראכן ביקלאל (ראָמאנישע, גערמאנישע, סלאַ־ווישע). דאָס זײַנען אָבער ניט נאָר דערגרייכונגען פון קוואנטיטאטיוון כאראקטער. ווי צו די נײַע, אזוי אויך צו די אלטע פאָרש־אָביעקטן ווערט אָנגעווענדט דער נײַער מעטאָד, דער פאלעאָנטאָלאָגישער אנאליז אף דער באזע פון אײנהײַטלעכן גלאָטאָ־גאָנישן פּראָצעס און פון ענגסטער פארבינדונג מיט דער געשיכטע פון דער מאטע־ריעלער קולטור. און דאָס ברענגט צו ווירקלעכע גראנדיִעזע רעזולטאטן. גלײַכצײַטיק מיטן באקומען די נײַע רעזולטאטן ווערט אויך דער אינסטרומענט גופא אלץ מער געשארפט און געשליפן.

דער ערשטער וויכטיקער רעזולטאט איז דאָס לייזן די פראגע וועגן דעם גענעזיס פון דער מענטשלעכער שפראך. די פראגע וועגן דעם אופקום פון מענטשלעכע רייד האָט אינטערעסירט די שפראכפאָרשערישע וועלט אסאך פריִער. עס זײַנען דאָ גע־שאפן געוואָרן פארשיידענע היפּאָטעזעס, נאָר קיין איינע א באפרידיקנדיקע. די בור־זשואזע לינגוויסטיק האָט זיך סאָפקאָלסאָפ אינגאנצן אָפּגעזאָגט צו לייזן די פראגע, ווי א וויסנשאפטלעך ניט־דערגרייכבארע. די דאָזיקע גענעזיס־פּראָבלעם האָט געקענט שטעלן און פארענטפערן בלויז די נײַע שפראכוויסנשאפט, וואָס אין איר ארסענאל האָט זיך שוין געפונען די אײנהײַטלעכע גלאָטאָגאָניע פון אלע וועלט־שפראכן, די מאטעריאַליסטישע וועלטאָנשויונג און די רייד־פאלעאָנטאָלאָגיע.

דאָס אריבערטראָגן דעם שווערפונקט אף דער דיאכראָנישער פלאך, דאָס זוכן אופצודעקן די עלטסטע סטאדיע פון דער קלאנגען־שפראך — ברענגט אריַין מארן אין די טיפסטע צייַטן פון דער אוראלטער געזעלשאפט צום אורקוואל ניט בלויז פון דער קלאנגען־שפראך, נאָר פונעם מענטשנס שפראך און דענקען ביקלאל. אז די מענטשן־פארשיידענע שוואָטים באנוצן ביז הייַנטיקן טאָג פאראלעל מיט דער קלאנגען־שפראך אויך א שפראך פון זשעסטן, און אז די דאָזיקע זשעסטן־שפראך האָבן די מענטשן באנוצט פריער, איידער זיי זייַנען אריבער צו דער נייַער שפראך־סיסטעם, צו דער קלאנגען־שפראך — דאָס האָבן פארשיידענע שפראכפאָרשער און עטנאָלאָגן (ווונדט, שוכארדט, לעווי ברויל א. א.) שוין געוווסט פריער. קיינער פון זיי האָט אָבער ניט געקענט דערקלערן, וויאזוי און איבער וואָסערע סיבעס איז פאָרגעקומען דער אריבערגאנג פון דער זשעסטן־שפראך צו דער קלאנגען־שפראך. זיי האָבן זיך נאָר באנוגנט מיטן קאָנסטאטירן דעם פאקט. עס האָט זיך באקומען, אז די זשעסטן־שפראך האָט עקזיסטירט זעלבשטענדיק, און די קלאנגען־שפראך איז זיך אופגעקומען פאר זיך, אויך זעלבשטענדיק. דאָס האָט אין לעצטן סאכאקל געפירט צו דעם, אז מע פלעגט אינגאנצן פארגעסן אָן דער זשעסטן־שפראך, און ציען דעם ייכעס־בריוו פון מענטשלעכע רייד פלעגט מען פון דער קלאנגען־שפראך.

די גרויסקייַט פון מארס אופטו באשטייט אין דעם, וואָס דער איינהייַטלעכער גלאָטאָגאָנישער פראָצעס ווערט פארשפרייט אף דער גאנצער געשיכטע פון מענטשלעכע רייד. די מענטשלעכע רייד הייבט זיך אָן ניט פון דער קלאנגען־שפראך, נאָר פון דער קינעטישער זשעסטן־שפראך, וואָס שליסט איַין אין זיך, ווי אן אָרגאנישן קאָמפלעקס־טייל, אויך דעם דיפוזן (ניט־דיפערענצירטן), אָבער באטייַטיקן אויסגעשריי.

פון יענער אוראלטסטער צייַט ציט זיך די געשיכטלעכע ניט־איבערגעריסענע קייט פון דער מענטשלעכער שפראך, ווי די ניט־איבערגעריסענע קייט פון דער געזעלשאפטלעך־ווירטשאפטלעכער אנטוויקלונג פון דער מענטשהייַט. דאָס איז א קעסיידערדיקער אומבייַט פון דענק־און־שפראך־פאָרמעס. איין טיפ רייד, איין רייד־סיסטעם ווערט פארביטן מיט א צווייטער, א נייַער, וואָס קומט אופ אינעם שויס פון דער אלטער סיסטעם, ווי א דערגאנץ־מיטל, און רייַסט סאָפקאָלסאָפ אופ די פריערדיקע סיסטעם, ווען זי (די אלטע רייד־סיסטעם) ווערט א טאָרמאָז פאר דער ווייַטערדיקער אנטוויקלונג פונעם מענטשלעכן דענקען אין צוזאמענהאנג מיט דער אנטוויקלונג פון די פראָדוציר־קרעפטן. מאר האָט דערוויזן, אז די זשעסטן־שפראך האָט זיך געצויגן הונדערטער טויזנטער יאָרן, האָט דורכגעמאכט פארשיידענע אנטוויקלונג־סטאדיעס, ביז זי איז געקומען צו דער לעצטער סטאדיע, ווען אין דער זשעסטן־אָדער ליניען־שפראך הייבט אָן שפילן די האנט די הויפט־ראָליע. דאָס איז די סטאדיע פון האנט־שפראך אינעם אייגנטלעכן זינען פונעם וואָרט. אף דער דאָזיקער סטאדיע פון האנט־שפראך ווערט דער דיפוזער אויסגעשריי דיפערענצירט, און עס קומען שוין דאן אופ די ערשטע עלעמענטן פון דער קלאנגען־שפראך, ווי א דערגאנץ־מיטל צו דער האנט־שפראך, ווי א נייַ געווער אינעם פראָדוצירישן לעבן פונעם אוראלטן ניט־דיפערענצירטן קאָלעקטיוו, א געוועער אינעם קאמפ פאר באהערשן די באטור דורך פארקישעפן זי מיטן וואָרט־געזאנג, טענצ א. אז. וו.

אפ דער דאָזיקער סטאדיע ווערט אויסגעפאָרמירט דעם מענטשנס רייד־אפאראט. אונ אז עס קומט אָנ יענע ציַיט, ווענ די האנט־שפראכ הייבט אָנ טאָרמאָזירנ די וויַיטערדיקע אנטוויקלונג פונעמ מענטשנס פאָרשטעלונגענ (דער קאָמפלעקס־בילדערי־שער ארט דענקענ הייבט זיכ אָנ דיפערענצירנ), ווענ זי קאָנ שוינ ניט אויספילנ איר פארקער־אונ־אָרגאניזיר־פונקציע אינעמ לעבנ פונעמ קאָלעקטיוו, דעמלט ווערט זי אופגעריסנ אונ טרעט אָפ איר אָרט דער ניַיער רייד־סיסטעמ — דער קלאנגענ־שפראכ. די קלאנגענ־שפראכ קומט אפ אזא אויפנ ניט אפ קיינ פוסט אָרט. די האנט־שפראכ האָט איר צוגעגרייט ניט בלויז דעמ רייד־אפאראט — אונ ניט בלויז די ערשטע לינגוויסטישע קלאנגענ־עלעמענטנ, זי האָט איר אויכ צוגעגרייט — אונ דאָס איז דער איקער — א קאָנסטרויר־מאָדעל, וויאזוי צו בויענ די ניַיע רייד־סיסטעמ, וויאזוי צו שאפנ ניַיע ווערטער א.אז.וו. די האנט, וואָס האָט געשפילט די הויפט־ראָליע אפ דער לעצטער סטאדיע פונ דער קינעטישער רייד־סיסטעמ, ווערט אויכ דער שאפנ־דיקער אָנהייב פונ דער קלאנגענ־שפראכ. דער קלאנגלעכער אויסדרוק פונעמ באגריפ „האנט" ווערט אינ דער קלאנגענ־שפראכ דער אויסגאנג־פונקט פאר אָנ א שיר דעריוואטנ, אָנגעהויבנ פונ קאָנקרעטע נעמענ אונ אקטיווע ווערבנ (ווענ די ווערב־פאָרמ קומט אופ) ביז אבסטראקטע באגריפנ, ווי סייכל, קונסט, גיַיסט, נעשאָמע א. אז. וו.

נאָכמער, — די האנט־שריפט האָט איבערגעגעבנ בעירושע דער קלאנגענ־שפראכ אויכ די סטרוקטור־פאָרמ פונ איר לעצטנ עטאפ. פונ א ניט־דיפערענצירטער קערפער־באוועגונג, ווי אנ אויסדרוק פונ א גאנצ קאָמפלעקס־בילד אפ די ערשטע סטאדיעס, איז די ליניענ־שפראכ אפ איר לעצטער סטאדיע, שוינ אלס האנט־שפראכ, דערגאנגענ אינ איר סטרוקטור צו דיפערענצירטע זשעסטנ (אינ רעזולטאט פונ דיפע־רענצירטע פאָרשטעלונגענ), ווו יעדע באוועגונג באזונדער האָט מיט זיכ פאָרגעשטעלט א גליד אינעמ גאנצנ זשעסטקולירטנ זאצ־געדאנק. זי איז דערגאנגענ צומ סינטעטישנ שפראכ־בוי, ווו יעדער זאצ־גליד באקומט זיַינ אנטשפרעכיקנ באטיַיט, אָפהענגיק פונעמ אָרט, וואָס ער פארנעמט אינעמ זאצ. מיט דעמ האָט די האנט־שפראכ אינ הינזיכט פונ סטרוקטור דערגרייכט צו איר קולמינאציע־פונקט. קיינ אנדערע סטרוק־טורישע רעסורסנ האָט זי ניט פארמאָגט. קיינע פלעקטיווע מיטלענ (פרעפיקסירונג, סופיקסירונג א. אז. וו.), וואָס זאָלנ געבנ א מעגלעכקיַיט צו ניואנסירנ דעמ זשעסט, האָט זי ניט געקענט ארויסברענגענ. איז זי אוועק אפנ וועג פונ באנוצנ הילפ־זשעסטנ (דעטערמינאטיוונ), וואָס זיַינענ אינ צאָל אלצ מער אונ מער געוואקסנ. דער אָנוווקס פונ אָנ א שיר דעטערמינאטיוונ איז טאקע געווענ די דירעקטע סיבע, וואָס האָט זי (די האנט־שפראכ) אופגעריסנ. די האנט־שפראכ האָט געמוזט אָפטרעטנ דאָס אָרט איר יורעש — דער קלאנגענ־שפראכ, וואָס איז צוליב איר ריַיכקיַיט אינ ניַיע טעכנישע קאָנסטרויר־מיטלענ געווענ בעקויעכ צו שמידנ וויַיטער דאָס וויכטיקסטע סאָציאלע געוועער פונ דער מענטשהיַיט אפ צו באפרידיקנ די אלצ וואקסנדיקע באַ־דערפענישנ אונ פאָדערונגענ פונעמ קאָלעקטיוו פראָדוציר־לעבנ.

אפ אזא אויפנ האָט אויכ די קלאנגענ־שפראכ אינ איר סטרוקטור אָנגעהויבנ ניט פונ א פוסט אָרט. דער סינטעטישער שפראכ־געבוי איז פאר איר שוינ געווענ גרייט. די קייט פונ רייד־געשיכטע איז אפ קיינ איינ רעגע אינ קיינ רינג ניט איבערגעריסנ

געוואָרן: די קלאנגען־שפּראך האָט איר ערשטע סטרוקטור־פאָרם — דעם אָנפאָרמיק־סינטעטישן בוי — באקומען אין יערושע פון דער האנט־שפּראך.

די ווייַטערדיקע דערגרייכונג פון דעם דאָזיקן פעריאָד איז *דאָס אופדעקן די געזעצמעסיקע אנטוויקלונג* פון דער קלאנגען־שפּראך. מאר האָט דערוויזן, וויאזוי עס האָבן זיך פון די ערשטע געציילטע פּאָליסעמאנטישע (פילבאטייַטנדיקע) ווערטער אויסגעבילדעט די הייַנטיקע שפּראכן. ער האָט פעסטגעשטעלט אפן גרונט פון א מאסע קאָנקרעטע מאטעריאלן די וועגן, די סעמאנטישע געזעצן פון ווערטער־שאפונג אפ יעדער אנטוויקלונג־סטאדיע באזונדער. אָנשטאָט די ביאָלאָגישע און פּסיכאָלאָגישע דרינגענישן פון די פארשיידנערליי בורזשואזע לינגוויסטן וועגן די וועגן פון ווערטער־שאפונג זייַנען ארויסגעפירט געוואָרן שטרענג־וויסנשאפטלעכע מאטעריאליסטישע געזעצן, וואָס באזירן זיך אפן סוביעקטיוו־געשיכטלעכן גאנג פונעם באזיס און איבערגעבייַ. אזוי איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דער גרונט־פּרינציפּ פון ווערטער־שאפונג — דער פונקציאָנעלער פּרינציפּ. אלטע ווערטער באצייכענען נייַע זאכן, ווען אָט די נייַע האָבן אפ זיך די זעלביקע געזעלשאפטלעכע פונקציע, וואָס די פריער באצייכנטע אלטע זאכן. נייַע דעריוואטן האָבן זיך באקומען פון ווערטער — לויט דער פונקציע (ווירטשאפטלעכער, אידעאָלאָגישער), וואָס זיי האָבן איבערגענומען פון די מוטער־ווערטער.

גלייַכצייַטיק מיט דער געשיכטע פון ווערטער־שאפונג (לעקסיק־סעמאנטיק) האָט מאר פעסטגעשטעלט דעם געשיכטלעכן אופקום פון גראמאטישע קאטעגאָריעס (מאָרפאָלאָגישע און סינטאקסישע).

דער שווערפונקט אָבער פון דעם דאָזיקן פעריאָד ליגט אינעם איבערשאצן די מעטאָדאָלאָגישע פּרינציפּן פון דער נייַער לערע, אינעם איבערשאצן פונעם שטאנדפונקט פון מארקסיזם־לעניניזם. די נייַע שפּראך־לערע וואקסט אריבער פונעם דעראָבערטן דורך קאָנקרעטן מאטעריאל „סטיכייִשן היסטאָרישן מאטעריאליזם" — לויט פּאָקראָווסקיס פאָרמולירונג — אין א באוווסטזיניקן היסטאָרישן דיאלעקטישן מאטעריאליזם. אין אָט דעם פעריאָד שטודירט מאר פיבעריק די קלאסיקער פון מארקסיזם, און דאָס שפּיגלט זיך בוילעט אָפּ אין דער גרויסער צאָל ארבעטן (עטלעכע צענדליק) פון די לעצטע יאָרן, סייַ אין די ארבעטן פון פּרינציפּיעלן מעטאָדאָלאָגישן כאראקטער, סייַ אין די קאָנקרעטע אויספאָרש־ארבעטן.

דער דאָזיקער פעריאָד דארף כאראקטעריזירט ווערן מיט איין וואָרט: *מאטעריאליסטיש־דיאלעקטישער*. מאר קערט זיך אום נאָכאנאנד צו די גרונט־האנאָבעס פון דער נייַער שפּראך־לערע, ער פארפינקטלעכט און קאָרעגירט זיי פונעם שטאנדפונקט פון מארקסיסטישער דיאלעקטיק.

די לערע וועגן גלאָטאָגאָנישן פּראָצעס ווערט אָפּגערייניקט פון אירע פאָרמעלע, מעכאניסטישע רעשטן און ווערט דורכגענומען מיט דיאלעקטישן אינהאלט. דער אופקום און די אנטוויקלונג פון דער גאָרער קלאנגען־שפּראך און פון אירע באזונדערע טיילן און קאטעגאָריעס ווערט דערקלערט אין שייַן פונעם גרונט־געזעץ פון דיאלעקטיק: איינהייַט פון ווידערשפּרוכן, צעצווייִונג פון איינהייַט און קאמף פון קעגנזאצן. די מאטעריאליסטישע דיאלעקטיק האָט געגעבן מארן די מעגלעכקייַט צו

קאָנטראָלירן און צו באַגרינדן זיינע פריִערדיקע באַהויפּטונגען, וואָס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אָפּן סמאַך פון קאָנקרעטן מאַטעריאַל.

„אָן דעם דיִאַלעקטישן מאַטעריִאַליזם איז אוממעגלעך געווען צו באַגרינדן פילאָסאָפיש דעם עמעס, וואָס איז באַשײַמפּערלעך אײַנגאַנצן קלאָר געוואָרן פונעם שפּראַכלעכן מאַטעריאַל, אַז ניט נאָר די שפּראַך און דענקען, נאָר אויך די ווערטער־קלאַסן זיינען פאַרבונדן מיט דער מאַטעריִעלער באַזע" (מאַר — „Язык и современность“, 1932).

מאַר נעמט אויף דעם גאַנצן דיִאַלעקטישן פּראָצעס פון באַזיס און איבערגעבײַבאַם דערקלערן די דיִאַלעקטישע אַנטוויקלונג פון שפּראַך און דענקען.

„עס איז ניטאָ קיין איין געדאַנק, קיין איין וואָרט בײַ דער מענטשהײַט, וואָס זאָל ניט דורכגיין פון דער זיך ענדערנדיקער פּראָדוקציע און... פּראָדוקציע־פּאַרהעלטענישן" (מאַר — „Язык и мышление“, 1931).

ער באַגרײַפט דורכויס די דיִאַלעקטישע אײַנהײַט פון שפּראַך און דענקען סײַ אין זייער אויפקום און סײַ אין זייער אַנטוויקלונג. שפּראַך און דענקען, ווי אַ דיִאַלעקטישע אײַנהײַט, אַנטוויקלען זיך אין אַ קעגנזײַטיקן קאַמף פון ווידערשפּרוכן. עס ווערן אויפגעריסן שפּראַך־סיסטעמעס און שפּראַך־פאָרמעס, ווען זיי ווערן אַ טאָרמאָז פאַרן דענקען.

די פּראָבלעם פון שפּראַך — דענקען ווערט איינע פון די צענטראַלסטע אין דעם דאָזיקן פּעריאָד. מאַר פאַרנעמט זיך זייער פיל מיט די אַנטוויקלונג־סטאַדיעס פון דענקען („שפּראַך און דענקען"). דורך דעם ווערט אויך דערהויבן דער פּאַלעאָנטאָלאָגישער אַנאַליז. די לערע וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער קלאַנגען־שפּראַך, רייד־פּאַלעאָנטאָלאָגיע, ווערט אַווירקלעכע לערע וועגן די דיִאַלעקטישע אַנטוויקלונג־וועגן פון שפּראַך און דענקען. די געשיכטע פון באַזונדערע ווערטער ווערן ניט דערלערנט איזאָלירט: די געשיכטע פון יעדן וואָרט באַזונדער ווערט געפאָרשט, ווי אַ טייל פונעם גאַנצן קאָמפּלעקס דערשײַנונגען (פּראָדוקציע, פּראָדוקציע־פּאַרהעלטענישן, אידעאָלאָגיע א.אַז.וו.) אויף יעדער סטאַדיע באַזונדער. ס'ווערט דאָ אויפגעדעקט דער ווירקלעכער היסטאָרישער פּראָצעס. דער דאָזיקער פּאַרטייפּערטער, דיִאַלעקטישער צוגאַנג דריקט זיך אויס אין אַ גאַנצער רײַ אַרבעטן פון די לעצטע יאָרן [1]. ס'ווערט באַוויזן דער גאַנצער וועג, וואָס ווערטער מאַכן דורך, וויאַזוי די און יענע ווערטער האָבן זיך אָפּגעצווײַגט פון דעם און יענעם מוטער־וואָרט, וויאַזוי אויף די פאַרשיידענע סטאַדיעס איז פאָרגעקומען דער אָנוווּקס פון ווערטער־דעריוואַטן.

דער דאָזיקער דיִאַלעקטישער צוגאַנג ווערט אויך אָנגעווענדט צו גראַמאַטישע קאַטעגאָריעס. אוממעטום — צעצווייונג פון אײַנהײַטן, קאַמף פון קעגנזאַצן. די פראַגע „וואָס איז פריִער אויפגעקומען" באַקומט אײַנגאַנצן אַ דיִאַלעקטישע לייזונג. אַזוי, למשל, לייזט מאַר דיִאַלעקטיש [2]) די פראַגע וועגן אויפקום פון איינצאָל און מערצאָל, פון סובסטאַנטיוו און ווערב, סוביעקט און אָביעקט און פון אַלע איבעריקע קאַטעגאָריעס. אײַנציקײַט טיילט זיך אויס פון מערקײַט, ווי איר טייל, ווי איר קעגנזאַץ.

---

[1]) „Стадия мышления при возникновении глагола „быть“, 1930; „К семантической палеонтологии неяфетических систем“, 1931.

[2]) אין „שפּראַך און דענקען", „שפּראַך און הײַנטצײַטיקײַט" א.אַז.וו. אַרבעטן פון לעצטן פּעריאָד.

אָבער ווענ ס'איז נאָכ ניטאָ די פֿאָרשטעלונג וועגנ איינצאָל, איז נאָכ אויכ ניטאָ די פֿאָרשטעלונג וועגנ מערצאָל. די פֿריערדיקע קאָלעקטיווע פֿאָרשטעלונגענ ווערט באַזייניקט שפּעטער. אָט אַזוי ווערט באַזייניקט די עלטערע קאַטעגאָריע מערצאָל ערשט דאַנ, ווענ עס קומט אופֿ דער באַגריפֿ איינצאָל.

אַזוי איז אויכ מיטנ סובסטאַנטיוו אונ ווערב. דער ווערב, ווי אַ צײַט־באַגריפֿ (באַוועגונג), אַרבעט זיכ אויס ווי אַ קעגנזאַצ צו אָרט־באַגריפֿ (стоянка), אָבער ווענ ס'איז נאָכ ניטאָ די פֿאָרשטעלונג וועגנ צײַט, וועגנ באַוועגונג, איז נאָכ אויכ ניטאָ די באַזייניקונג פֿונ אָרט.

„די בילדנדיקע עלעמענטנ,—זאָגט מאַר אינ „שפּראַכ אונ דענקענ“,—זײַנענ בײַ די קאָניוגאַציעס אונ דעקלינאַציעס איינ־און די זעלביקע. נאָר אינ איינ פֿאַל ווײַזנ זיי אַרויס די באַציִונג אינ רוימ (אינ דעקלינאַציעס), אינעמ צווייטנ פֿאַל—אינ צײַט, ד. ה. אינ באַוועגונג, אינ טוונג (קאָניוגאַציע)“.

דאָס זעלביקע איז אויכ מיטנ סוביעקט אונ אָביעקט, מיטנ דירעקטנ אונ אומדירעקטנ אָביעקט אונ מיט אַלע איבעריקע קאַטעגאָריעס, וואָס קומענ אופֿ אפֿילע שוינ גאָר שפּעט.

„די שפּראַכ־שאַפֿונג וואַקסט אונ אַנטוויקלט זיכ פֿונ דעמ קוואַליטאַטיוונ אונ קוואַנטיטאַטיוונ וווּקס, ווי פֿונ באַזיס, פּראָדוקציע אונ געזעלשאַפֿטלעכקײַט, אַזוי אויכ פֿונ איבערגעבוי. די פֿאַרשיידנאַרטיקײַט וואַקסט פֿונעמ קוואַליטאַטיוונ אונטערשייד אינעמ דענקענ פֿונ דער שטאָטישער אונ דאָרפֿישער באַפֿעלקערונג. דער צווווּקס באַקומט זיכ אומעטומ דורכ דער איינהײַט פֿונ ווידערשפּרוכנ“ (מאַר—„שפּראַכ אונ דענקענ“).

אינ שײַנ פֿונ דיאַלעקטיק האָט אויכ דער באַגריפֿ „קרייצונג“ געמוזט אונטערגעוואָרפֿנ ווערנ אונטער דער שאַרפֿסטער קריטיק. דאָ האַנדלט זיכ פּאַקטיש ניט וועגנ דעמ טערמינ, נאָר וועגנ דעמ עצעמ פֿאַרשטיינ די אויסבילדונג־וועגנ פֿונ נײַע שפּראַכלעכע טיפּנ אונ שפּראַכלעכע פֿאָרמעס.

אינ מעשעכ פֿונ דער צווייטער סטאַדיע, ד.ה. פֿונ דער צײַט אָנ, ווענ די יאַפֿעטישע טעאָריע ווערט אַנ אַלגעמיינע שפּראַכוויסנשאַפֿט, קומט בײַ מאַרנ פֿאָר אַ קעסיידערדיקע רעוויזיע אינ דער דאָזיקער גרונט־פֿראַגע. מע קענ דאָ אינעמ פֿאַרשטיינ די שאַפֿונג־וועגנ פֿונ שפּראַכ־טיפּנ אָנמערקנ דרײַ גרונטלעכע ווענדפּונקטנ. ביז 1926 יאָר נעמט אופֿ מאַר דעמ דאָזיקנ פּראָצעס, ווי אַנ אויסערלעכע דערשײַנונג. די פֿאַרשיידענע שפּראַכ־טיפּנ — האַלט ער דעמלט — זײַנענ אַ רעזולטאַט פֿונ דעמ, וואָס עס קרייצנ זיכ שוואָטימ אונ זייערע שפּראַכנ. אַזוי זאָגט ער (אינ „Чуваши-яфетиды“, 1926, ז. 15), אַז

„... פֿאַרשיידענע שפּראַכלעכע פֿאַמיליעס, סעמיטישע, אינדאָ־איראָפּייִשע, אוראַל־אַלטאַיִשע, ד. ה. טערקיש־מאָנגאָליש־אוגראָפֿינישע שטעלנ ניט פֿאָר אינ שפּראַכלעכנ הינזיכט קיינ ראַסנ־פֿאַרשיידענע אויסבילדונגענ. די דאָזיקע פֿאַמיליעס זײַנענ נאָר געזעלשאַפֿטלעכ־שפּראַכלעכע טיפּנ, וואָס זײַנענ אופֿגעקומענ אינעמ פּראָצעס פֿונ אויסבילדונג אונ אַנטוויקלונג פֿונ דער ווירטשאַפֿט אונ, אינ צוזאַמענהאַנג מיט דעמ, פֿונ קרייצונג פֿונ פֿאַרשיידענע שוואָטימדיקע שפּראַכנ“ (מײַנ אונטערשטרײַכונג—מ. ג.).

אינ דער אַרויסזאָגונג וועגנ קרייצונג האָבנ מיר דאָ נאָכ אַ פֿאָרמעל־אויסערלעכנ צוגאַנג: עס קרייצנ זיכ פֿאַרשיידענע שוואָטימדיקע שפּראַכנ. ראַדיקאַל ענדערט

זיך די דאָזיקע מיינונג אין 1928 [1]). מאר גיט שוין דאן א גאנץ אנדערע פאָרמולירונג:

„עס פאָדערט זיך א גאנץ. נייער צוגאנג צו דער זאך, ד. ה. מע מוז צוגיין צו א שפּראך ניט ווי צו אן איינארטיקן מאַסיוו, נאָר ווי צו א באשטאנד פון פארשיידענע אָנשיכטונגען, וואָס האָבן זיך באקומען אין רעזולטאט פון קרייצונג פון פארשיידענע סאָציאַלע גרופּירונגען... אין רעזולטאט פון טראנספאָרמאטיווע סטאדיאַלע אָפּזעצונגען, וואָס זיינען געשאפן געוואָרן דורכן אינערלעכן לעבן פון דער פאָלק־שפּראך גופע אין פארבינדונג, פארשטייט זיך, מיט אַלע שפּראך־פאָרשערישע פאקטערס".

דאָ ווערט שוין דער שיוועט פארביטן אפ סאָציאַלער גרופּירונג. נאָר דעריקער — דער שווערפּונקט ווערט שוין פון אויסערלעכע שוואָטימדיקע שפּראך־קרייצונגען אריבערגעטראָגן אפן אינערלעכן לעבן פון יעדער שפּראך גופע, אפ אירע סטאדיאַלע אָפּזעצונגען, וואָס ברענגען צום אויסבילדן נייע טיפּן.

דאָך אָבער קען מען די דאָזיקע פאָרמולירונג אָפּשאצן, ווי אן אריבערגאנג פונעם פאָרמעלן פארשטיין צום דיאַלעקטישן. די אינערלעכע פאקטערס זיינען דאָ נאָך ניט קאָנקרעטיזירט.

אנדערש איז עס אין די לעצטע יאָרן. דער טערמין „קרייצונג" ווערט אַלץ זעלטענער באנוצט. אויסערלעכע קרייצונג ווערט אינגאנצן אראָפּגענומען. דאָס הייסט ניט, פארשטייט זיך, אז די באגעגענישן פון פארשיידענע שפּראכן שפּילן ניט קיין ראָליע אין דער אויסבילדונג פון נייע שפּראך־טיפּן. פארקערט, זיי שפּילן א קאָלאָסאַלע ראָליע. דער דאָזיקער פאקטער אָבער ווערט שוין גענומען אויסשליסלעך אינעם סאָציאַלן אספּעקט, און דעריקער — ער ווערט ניט גענומען אָפּגעזונדערט, ווי א פאר זיך ווירקנדיקער, נאָר ווי אן אָרגאנישער טייל אין דעם גאנצן קאָמפּלעקס אינערלעכע פאקטערס, וואָס באוועגן פאָרויס יעדע איינציקע שפּראך. נייע שפּראך־טיפּן, ווי נייע שפּראכלעכע באזונדערע פאָרמעס, קומען אוף אין פארביטערטן קעגנזייטיקן קאמפ פון געזעלשאפטלעכע קויכעס, אידעאָלאָגיעס אין איין־און דער זעלביקער געזעלשאפט גופע. אין די גרענעצן פונעם דאָזיקן קאמפ איז אויך איינגעשלאָסן יענער קאמפ, וואָס קומט פאָר אינעם פאל פון סאָציאַלע באגעגענישן מיט אנדערע שפּראך־קאָלעקטיוון, מיט אנדערע שפּראכן.

בא אזא דיאַלעקטישן צוגאנג צו שפּראך־אנטוויקלונג האָט שוין מעמיילע אויך געמוזט אופגעדעקט ווערן מיט דער גאנצער קלאָרקייט דער קלאסן־כאראקטער פון שפּראך און די ראָליע, וואָס די שפּראך שפּילט, ווי אן אידעאָלאָגיש געווער אינעם קלאסנקאמפ.

„... אונדזער שפּראך, — זאָגט מאר, — באקומט א ניט פארבייטלעכן ווערט גלייכצייטיק אפ אַלע שלאכטפעלדער, ווו עס וויקלט זיך פאנאנדער פאר אונדזערע אויגן א פארביטערטער קלאסנקאמפ. די שפּראך איז... אזא מעכטיקער הויבער פונעם קולטורעלן אופשטייג דערפאר, ווייל זי איז א ניט פארבייטלעך געווער פונעם קלאסנקאמפ.

איך באהויפּט מיט דער פולער פאראנטוואָרטלעכקייט... פאנאנדערגייענדיק זיך אין גרונט מיט אסאך פון מיינע כאווירים, אז עס איז ניטאָ קיין שפּראך, וואָס זאָל ניט זיין קיין קלאסן־שפּראך

[1]) אין דער ארבעט: „Орудийный и исходный падежи в кабардинском и обхазском языках" — 1928.

און, מעמייל, אז עס איז ניטאָקיינ דענקענ, וואָס זאָל ניט זיינ קיינ קלאסנ־דענקענ" (מאר — „Язык и мышление" 1931, стр. 4).

דער דאָזיקער נייער העכערער צוגאנג צום באנעמענ דאָס שפּראכוועזנ האָט געפונענ זיינ אויסדרוק אינ מארס לעצטער קורצנעפּרעסטער פאָרמולירונג וועגנ דעמ טאָכ פונ דער נייער שפּראכ־לערע.

„מע פרעגט: „אינ וואָס באשטייט דער טאָכ פונ דער יאפעטישער טעאָריע"?" וועל איכ ענטפערנ אזוי: „איר טאָכ באשטייט אינ דעמ, וואָס, ארויסגייענדיק פונ היסטאָריזמ..., האָט זי געגעבנ מיט איר מעטאָד פונ דיאלעקטישנ מאטעריאליזמ אנ אויסגעבויטע לערע וועגנ שפּראכ, זי האָט אופגעדעקט אונ ארויסבאוויזנ די אופקומ־איינהייטלעכקייט פונ די רייד־עלעמענטנ אונ זייער אנטוויקלונג אינ א שפּראכ, די אויסבילדונגענ פונ שפּראכ־ארטנ, וואָס צוזאמענ מיט דער ווירטשאפט אונ רעזולטאט פונעמ קאמפ אונ זיג פונעמ פּראָלעטאריאט קענענ זיי פארוואנדלט ווערנ אינ אנ איינהייט פונ רייד־דענקענ מיט דער איינהייטלעכער וועלט־וויסנשאפט — דעמ באזיס אירנ" (מאר — „Язык и современность" 1932, стр. 40).

כ ר אָ נ י ק

די אַלוקראַיִנישע יִדישע שפּראַך־באַראַטונג אין קיִעוו

(דעם 7 — 11־טן מײַ 1934)

דעם 7 — 11־טן מײַ 1934 איז פאָרגעקומען די אַלוקראַיִנישע יִדישע שפּראַך־באַראַטונג, צונויפגערופן פונעם פאָלקאָמבילד פון אוסרר, פונעם אינסטיטוט פאַר יִדישער פּראָלעטאַרישער קולטור און פון דער רעדאַקציע „דער שטערן".

דער אינסטיטוט, און ספּעציִעל די פילאָלאָגישע סעקציע, האָט אָפּגעטאָן א גרויסע אַרבעט, אַז די באַראַטונג זאָל דורכגיין מיט דער פולער וויסנשאַפטלעכער באַוואָפנונג און אָרגאַניזירטקײַט, אַז זי זאָל שטיין אַף דער געהעריקער פּאָליטישער הייך.

דער אינסטיטוט האָט באַצײַטנס זיך פאַרבונדן מיט א ריי אינסטיטוציעס און פּערזאָנען, וואָס זײַנען אײַנגעלאַדן געוואָרן אַף דער באַראַטונג, זי האָט אָרגאַניזירט א ריי אויספאָרשונגען, ספּעציִעל אַן אויפאָרשונג וועגן דער שפּראַך אין שול, האָט צוגעגרייט טעזיסן צו די פאָרטראַגן (די טעזיסן צו די גרונט־פאָרטראַגן זײַנען באַצײַטנס אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער פּרעסע: „דער שטערן", „פּראָלעטאַרישע פאָן"), זי האָט אויך צוגעגרייט א ספּעציִעל זײַטל פאַר דעם „שטערן" און פאַר דער „פּראָלעטאַרישער פאָן", האָט אָפּגעדרוקט אַרטיקלען וועגן דער באַראַטונג אין „עמעס" און אַנד.

אין טאָג־אָרדענונג פון דער שפּראַך־באַראַטונג איז געשטאַנען אַלס גרונט־פראַגע די פּראַגע וועגן דער „סאָוועטישער שפּראַך־פּאָליטיק אין דער אָנווענדונג צו יִדיש" און ספּעציִעל צו דער שפּראַך פון דער פּרעסע. אַכוץ דעם איז אַף דער באַראַטונג געשטאַנען א ריי ספּעציִעלע פּראַגעס וועגן לעקסיקאָלאָגיע, וועגן גראַמאַטיק, וועגן דער שפּראַך פון שול.

אָפיציִעל איז די באַראַטונג געווען אַן אַלוקראַיִנישע, פאַקטיש אָבער — לויט אירע אויפגאַבעס און לויט איר פאַרנעם און פאָרשטייערשאַפט — איז דאָס געווען אַן אַלפאַרבאַנדישע, ווי דאָס איז מיט רעכט אָנגעוויזן געוואָרן אַף דער באַראַטונג גופא און אויך נאָך דער באַראַטונג אין דער פּרעסע.

אַף דער באַראַטונג זײַנען געווען פאָרגעשטעלט 25 פונקטן (כאַרקאָוו, קיִעוו, מאָסקווע, לענינגראַד, מינסק, אָדעס, וויטעבסק, זשיטאָמיר, קאַלינינדאָרף א. אַנד.) פון אוסרר, ווסרר און רספסר. ס'האָבן אין איר אָנטייל גענומען אַלע יִדישע שפּראַכפאָרשערישע אַנשטאַלטן, הויכשולן, פאָרשטייער פון אייניקע פעדטעכניקומס, אָנפאַנג־ און מיטלשול, אַלע יִדישע פאַרלאַגן און די גאַנצע סאָוועטישע יִדישע פּרעסע. אַרום און אַרום האָבן זיך באַטייליקט אין דער באַראַטונג 116 דעלעגאַטן מיט שטימרעכט און א צאָל געסט. דאָס אַלץ באַווײַזט אַף דעם גרויסן אינטערעס, וואָס די באַראַטונג האָט אַרויסגערופן. פון די 116 דעלעגאַטן איז געווען 43 פּאַרטייער, 6 קאָמיוגיסטן, 66 אומפּאַרטייִשע; מיט העכערער בילדונג איז געווען 70 דעלעגאַטן, מיט מיטלער בילדונג — 43; וויסנשאַפטלעכע טוער — 19, פּרעסע־און פאַרלאַג־טוער — 40, לערער — 54. שוין דער דאָזיקער צעטל אַליין ווײַזט אַף דער וואָגיקײַט פון דער באַראַטונג, אַף איר הויכן פּאָליטישן און וויסנשאַפטלעכן ניוואָ.

די דאָזיקע באַראַטונג, איר פאַרנעם און וואָג, די אויפמערקזאַמקײַט, וואָס די אָנפירנדיקע פּאַרטייִשע און סאָוועטישע אָרגאַנען פון אוקראַיִנע האָבן אַרויסגעוויזן צו איר — דאָס האָט אַן איבעריק מאָל באַוויזן, אַז די פראַגע וועגן דער יִדישער שפּראַך און וועגן איר אַנטוויקלונג איז בא אונדז אין פאַרבאַנד ניט קיין פראַגע פון יִדיש־ליבהאָבערײַ, פון א מין „יִדיש־פילאַנטראָפּיע", נאָר אַן אַלגעמיינע פּאַרטייִשע און מעלוכישע פראַגע, אַז דאָס איז א רינג אין דער אַלגעמיינער קייט פראַגעס וועגן דער אַנטוויקלונג פון די פּילצאָליקע נאַציאָנאַלע לויט דער פאָרם און סאָציאַליסטישע לויטן אינהאַלט קולטורן בא אונדז אין

לאנד. לעהייפעכ צו די ייִדישיסטנ אינ אויסלאנד, וועלכע שטרעבנ צו שאפנ אפ ייִדיש א בורזשואזע קולטור, בא וועלכע ייִדיש דינט אלס א מיטל פונ נאציאָנאליזמ, אלס א מיטל אייַנצושפאנענ די ייִדישע האָרעפאשנע מאסנ אינעמ וואָגנ פונ דער בורזשואזיע, איז בא אונדז אינ ראטנפארבאנד דינט די ייִדישע שפראכ נאָר אלס א שארפ געווער צו פארשטארקנ צווישנ די ייִדישע ארבעטנדיקע דעמ אינטערנאציאָנאליזמ, די סאָלידארישקייַט אונ נאָענטקייַט מיט די ארבעטנדיקע פונ אלע אנדערע פעלקער אינ לאנד, אלס א ווערקצייַג אינ די הענט פונעמ פראָלעטאריאט אונ פונ זייַנ פארטיי אויפצובויענ די אָנקלאסעווע סאָציאליסטישע געזעלשאפט. אונדזער שטרעבונג צו שאפנ א ריינעמ אונ רייַכנ סאָוועטישנ ייִדיש האָט קיינ שומ געמיינזאמס ניט מיט די פוריסטישע אייַנשטעלונגענ פונ די ייִדישיסטנ. די דאָזיקע שטרעבונג האָט אויסשליסלעכ דעמ ציל מיטצווירקנ, אז די נאציאָנאלע פאָרמ, די ייִדישע שפראכ, זאָל אנטשפרעכנ דעמ רייַכנ סאָציאליסטישנ אינטערנאציאָנאלנ אינהאלט פונ דער ייִדישער קולטור אינעמ ראטנפארבאנד.

די בארטונג איז געעפנט געוואָרנ אינעמ קאָלאָנענ־זאל פונ דער אוקראַיִנישער וויסנשאפט־אקאדעמיע. מיט א באגריסונג איז ארויסגעטראָטנ דער סעקרעטאר פונ קיִעווער געגנטלעכנ פארטיי־קאָמיטעט כ׳ דעמטשענקאָ. מיט א גרויסנ אינהאלטרייַכנ אייַנשטעלונג־פאָרטראג וועגנ דער סאָוועטישער שפראכ־פאָליטיק איז ארויסגעטראָטנ דער שטעלפארטרעטער פונעמ פאָלקאָמבילד פונ אוסרר כ׳ כווילא.

דעמ 8, 9, 10 אונ 11־טנ מייַ איז די בארטונג פאָרגעקומענ שוינ אינ דער געבייַדע פונ דעמ אינסטיטוט. אפ אלע זיצונגענ איז דער גרויסער זאל געווענ געפאקט מיט דעלעגאטנ אונ געסט. אינ משך פונ די ערשטע צוויי טעג זייַנענ אויסגעהערט געוואָרנ די פאָרטראגנ פונעמ כ׳ ע. ספיוואק אונ כ׳ מ. לעוויטאנ וועגנ דער „סאָוועטישער שפראכ־פאָלעטיק אינ אָנווענדונג צו ייִדיש" אונ די דעבאטנ איבער די דאָזיקע פאָרטראגנ. אינ די דעבאטנ האָבנ קימאט אלע אָנטיילנעמער ארויסגעוויזנ די שטארקסטע וואכזאמקייַט בענוגע צו יעטווידנ מינ רעכטנ אונ „לינקנ" אָפאָרטוניזמ אפנ שפראכפראָנט. יעטווידער קלענסטער אָפנויג פונ דער לענינ־סטאלינישער ליניע אינ דער שפראכ־פראגע האָט ארויסגערופנ דעמ שטארקסטנ ווידערשטאנד. נאָכדעמ ווי די דעבאטנ האָבנ זיכ פארענדיקט, האָט די בארטונג אָנגענומענ די טעזיסנ פונ די כ״כ לעוויטאנ אונ ספיוואק אלס גרונט. ס׳איז אויסגעקליבנ געוואָרנ א קאָמיסיע אפ ארייַנצוטראָגנ אינ די טעזיסנ די צוגאָבנ אונ אויסבעסערונגענ, וואָס האָבנ זיכ אָנגעמערקט אינ די דעבאטנ. די איבעריקע ארבעט איז אריבערגעטראָגנ געוואָרנ אינ די סעקציעס.

אפ איינער פונ די זיצונגענ איז איבערגעלייענט געוואָרנ די טעלעגראמ, אז דער ציק פונ פסרר האָט דערקלערט דעמ בירעבידזשאנער ראיאָנ פאר א ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט. די דאָזיקע ידיעה איז אויפגענומענ געוואָרנ פונ אלע פארזאמלטע מיט גרויס באגייַסטערונג אונ מיט שטורמישע אפלאָדיסמענטנ.

דעמ 10—11־טנ מייַ האָט די בארטונג געארבעט אינ די סעקציעס: לעקסיקאָלאָגישער אונ גראמאטיש־טעאָרעטישער.

אינ דער לעקסיקאָלאָגישער סעקציע איז אויסגעהערט געוואָרנ: 1) א פאָרטראג פונעמ כ׳ האָלמשטאָק (מינסק) וועגנ די גרונט־פרינציפנ פונעמ צונויפשטעלנ א ייִדישנ אויסטייַטש־ווערטערבוכ, 2) א פאָרטראג פונעמ כ׳ ע. ספיוואק וועגנ די מעטאָדאָלאָגישע פרינציפנ פונ דער טערמינאָלאָגישער לעקסיק אונ וואָרטבילדונג אונ 3) א אינפאָרמאציע פונעמ כ׳ ב. סלוצקי וועגנ דער ארבעט אפ טערמינאָלאָגיע אינעמ ראטנפארבאנד.

אינ דער גראמאטיש־מעטאָדישער סעקציע איז אויסגעהערט געוואָרנ: 1) א. זארעצקיס פאָרטראג וועגנ דעמ סינטאקס פונעמ הייַנטצייַטיקנ ייִדיש, 2) כ׳ ע. פאלקאָוויטשעס א פאָרטראג וועגנ ייִדיש אינ שול, 3) א פאָרטראג פונ כ׳ מ. מייַדאנסקי וועגנ דעמ סטאבילנ לערנבוכ, 4) כ׳ כ. לויצקערס א פאָרטראג וועגנ דעמ צושטאנד פונעמ שפראכ־לימעד אינ שול. דער כ׳ לויצקער האָט אָפערירט מיט א גרויסנ פאקטישנ מאטעריאל, וואָס די סעקציע האָט ספעציעל אויפגעקליבנ אינ א ריי שולנ אינ קיִעוו אונ אינ דער פראָווינצ.

די שלוס־זיצונג פונ דער בארטונג, דעמ 11, האָט זיכ אָנגעהויבנ מיט א באגריסונג־רעדע פונעמ פאָלקאָמבילד פונ אוסרר, כ׳ זאטאָנסקי.

דער כ׳ זאטאָנסקי האָט אינ זייַנ באגריסונג־רעדע זיכ אָפגעשטעלט אפ דער וויכטיקער מעלוכישער באדייַטונג פונ דער שפראכ־בארטונג אונ אויכ אפ דער וויכטיקער באדייַטונג פונעמ דערקלערנ בירעבידזשאנ אלס ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט. די בארטונג האָט זייער הייס אויפגענומענ כ׳ זאטאָנסקיס רעדע אונ באגלייט דעמ כ׳ זאטאָנסקינ מיט אנ אָוואציע.

די באַראַטונג האָט אויסגעהערט די צוגאָבנ און אויסבעסערונגען, וואָס די קאָמיסיע האָט אַרײַנגעטראָגנ אינ די טעזיסנ פונ די כ״כ לעווי־טאַנ און ספּיוואַק (אַגעוו, האָבנ די דאָזיקע קלײנע ענדערונגען ניט געביטנ דעמ טאָכ פונ די טעזיסנ) און האָט אײנשטימיק אָנגענומענ די טעזיסנ מיט די צוגאָבנ. נאָכדעמ זײַנענ אויסגעהערט געוואָרנ עטלעכע שריפטלעכע דערקלערונגען פונ כאַווײ־רימ (אלעק, קאַמענשטײנ, וועלטמאַנ א. אַנד.), וואָס האָבנ זיכ אָפּגעזאָגט פונ זײערע פאַלשע פּאָזיציעס און האָבנ אָנערקענט דעמ קלאַסנ־פרעמדנ טאָכ פונ זײער „טעאָריע״ און פּראַקטיק.

עס ווערנ אויכ אײנשטימיק אָנגענומענ די טעקסטנ פונ די באַגריסונג־טעלעגראַמעס צומ צ.ק. אלקפּ(ב)—כ׳ סטאַלינ, צ.ק. קפּ(ב)או, ראַטפּאָלקאָמ אסרר — כ׳ מאָלאָטאָוו, ציק פּסרר — כ׳ קאַלינינ פּ. אַנד. וועגנ דעמ דערקלערנ בירעבידזשאַנער ראַיאָנ אַלס ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט.

שליסנדיק די באַראַטונג, האָט כ׳ ליבערבערג געגעבנ אַנ אָפּשאַצונג איר אַרבעט און האָט באַ־טאָנט, אַז די באַראַטונג איז דורכגעגאַנגענ אינ אַ הײסער און היציקער אַטמאָספער. מיר האָבנ זיכ אָבער דערשלאָגנ צו פולער אײנשטימיקײַט אינ אַלע גרונט־פראַגעס. צומ סאַמ האָבנ מיר געהאַט אַ גאַנצע רײ מעלדונגען וועגנ אַ פולשטענדיקנ אָפּזאָג פונ די געמאַכטע פעלערנ. דער פאַקט—זאָגט ווײַ־טער כ׳ ליבערבערג, — וואָס אינ אונדזער באַראַ־טונג באַטײליקנ זיכ אויכ פאָרשטײער פונ די ברי־דערלעכע רעפּובליקנ, באַווײַזט, אַז די באַשלוסנ פונ דער באַראַטונג וועלנ זײַנ גילטיק ניט בלויז פאַר אוקראַינע, נאָר אויכ פאַרנ גאַנצנ פאַרבאַנד.

אַ געניער, אויספירלעכער באַריכט וועגנ דער שפּראַכ־באַראַטונג, וועגנ די פאָרטראַגנ, וואָס זײַנענ אויסגעהערט געוואָרנ אָפּ איר, וועגנ די דעבאַטנ און וועגנ די אָנגענומענע רעזאָלוציעס וועט געגעבנ ווערנ אינ דער קומענדיקער זאַמלונג „אַפנ שפּראַכפראָנט״, וואָס וועט אינגאַנצנ גע־ווידמעט זײַנ דער באַראַטונג.

ב. ס.

רעדאַקטער: ע. ספּיוואַק.

אינהאלט

ז.

ע. ספיוואק. וועגן דער העברייִזאציע און וועגן דעם העברייִשן „עלע־מענט“ אין ייִדיש 3

מ. גורעוויטש. צו די מעטאָדאָלאָגישע גרונטלאגעט פון די סטיליסטישע שטרייַטן אין דער ייִדישער סאָוועטישער לינגוויסטיק 23

מ. מייַדאנסקי. פראָבלעמעס פון שפּראַך־אונטעריכט אין כ׳ שטיפס ארבעטן 39

ב. סלוצקי. דער וועג פונעם כ׳ נ. שטיפ צו באפרייַען זיך פון זייַן ייִדישיסטישער ירושע 69

ד. נוסינסאָן. שטיפס־ביבליאָגראפיע 91

מ. גיטליץ. דער פאָרשערישער וועג פון נ. יא. מאר 99

כראָניק. די אוקראַיִנישע ייִדישע שפּראַך־באראטונג 117